אביגדור פארט צוריק, קיין אמעריקע — ...„און פארנדיק האט אביגדור דערפילט, ווי עס פאלגט אים נאך א באנטער שאטן — דעם טאטנס שאטן — דער שאטן פון דורות״ (באנד 3, ז׳ 297).

דאס זיינען די לעצטע ווערטער פון ווערק. פון די פארגאנגענע דורות איז ניט געבליבן קיין ממשות, נאר בלויז א שאטן, וואס וועט באגלייטן אביגדורן און גיין נאך אים ביז זיין לעצטן אטעם.

אט די קורצע רעצענזיע פרעטענדירט ניט צו געבן א פולע, פארדינטע אפשאצונג פון וויכטיקן ווערק. עס איז בלויז אנ׳אנזאג, אז א שעפערישע ארבעט פון א באדייטנדיקן פארנעם האט באריכערט דעם טעמפל פון יידישן ווארט. פון שלמה לבדי׳ס טרילאגיע גייט אויף א געזאנג פון דורות, פון אלטן און נייעם.

ער שטעלט פראבלעמען. קיין לייזונג גיט ער ניט, ווייל קיין לייזונג איז דערווייל נאך ניטא. דאס יידישע לעבן געפינט זיך איצט, נאכן חורבן און נאכ׳ן אנטשטיין פון דער יידישער

---

*) ס׳איז איבעריק צו באטאנען, אז טראץ דעם אויטאביאגרא־פישן כאראקטער פון „שוועלן״, — זיינען די אלע איבערלעבענישן פון אביגדור אלס דאקטער און זיין הייראט מיט דער קראנקן־שוועסטער — בלויז פיקציע. דער מחבר האט אריינגעפלאכטן די אויסגעטראכטע עפיזאדן אין דער דערציילונג, צוליב מאטיוון פון קינסטלערישן שלמות און עפעקט. — רעד.

מדינה, אין א צושטאנד פון איבערגעשמאלצן ווערן און איבערגעגאסן ווערן אין א נייעם פורעם. און ניט בלויז דאס יידישע לעבן אליין. די גאנצע מענטשלעכע געזעלשאפט שטייט פאר א „שוועל".

שלמה לבדי איז אנ׳עכטער דיכטער און א טאלענטירטער דערציילער. און מיט זיינע „שוועלן", וועלכע זיינען אגב זייער שיין ארויסגעגעבן און פראכטפול געבונדן, האט ער זיך אויפגעשטעלט א הויז אין דעם הויף פון דער יידישער ליטעראטור.

(פון זשורנאל „יידישע קולטור", ניו־יארק, אויגוסט—סעפטעמבער 1951 און „פרייע ארבעטער־שטימע", ניו־יארק, 18 יאנואר 1952).

מקס ברעסלער

# ההישג הספרותי של „שוועלן"

"שוועלן" מהווה הישג ספרותי במובן הטוב של המונח. כשהתחלתי לקרוא בו, לא יכולתי להניחו מידי, עד שקראתי את שורתו האחרונה. אמרתי "קראתי", אם כי הביטוי איננו מספיק. אתה "חי" את היצירה בכל נימי נפשך, הנך בתוכה. "שוועלן" — זה הסיפור שלך, שלו ושלי. זה הסיפור של דורותינו: ילדותנו, בחרותנו, שאיפותינו וחששותינו, רגעינו המאושרים וחלומותינו הנכספים, וזה מסופר בסגנון אידי היפה והנעים ביותר.

אתה דורך בעקבות המחבר ברחובותיה ובסמטאותיה של העיר הקטנה, שעשויה להיות עירך כעירי; הנך מוצא את עצמך עובר דרך בית־קברות עתיק, עטור אגדות קדומות, מאחורי בית־המדרש הישן, ועומד בשערי האתר המוזר הזה, בין אנשים כאילו, מוזרים...

מוזרים? — לאו דווקא. הריהם אותם הנערים ששיחקו אתך בילדותך בחצר בית אביך — וקנה, שלמדו אחר־כך אתך בחדר ובישיבה — וכשגדלתם והייתם לבחורים, השתתפת אתם באסיפות חשאיות ובמשמרות הגנה עצמית; אלה הם אותם הנערים — בחורים, שהיית אתם בשורות החלוצים שסללו דרך לחיים חדשים; בשורות גבורים שטווית יחד אתם, במרצם, הקרבתם ודמם, את הרקמה המחודשת של גורל העם.

בתעוזה ואומץ־לב מרים דר. שלמה לבדי את המסך מעל זירה אחת מני רבות של החיים היהודיים בשנות מלחמת העולם הראשונה, ובתוך כל זה: תיאור של ארץ־ישראל שבימי התורכים, עם קומץ היהודים הצעירים, שניטלטל בין הנאמנות ההיסטורית ובין המשחק הפוליטי, בין תקוה ויאוש; שנאחז בארץ־מולדתו ובמורשת עמו. הנך עוקב אחרי היחידות הראשונות של ההגנה, שהקימה את מתרסיה על הגגות בעיר העתיקה בהגנתה על חיי היהודים בפרעות הראשונות בירושלים (ב־1920)... הנך כואב את כאב המגינים, העומדים בפני ההתעללות, והנך תוהה מאין הם שאבו את כוחם, עקשנותם והקרבתם? מאיזה אוצרות תעצומה וגבורה הם דלו את אומץ־רוחם, כשעמדו בפני גורלם, בעוד שירה בוקעת מגרונם?

הנך קורא וקורא על סבלם של בני ישראל הלוחמים, על העקשנות של עם קשה־עורף המעפיל לגאולתו.

"שוועלן" היא יצירה כבירה ומרעננת. קריאת "שוועלן" היא חווייה עמוקה.

(מהשבועון "סענטינעל", 17 באפריל 1949)

עברית: ק. ל.

יצחק אלחנן ראנטש

# אזא ווערק ווערט געשאפן איינמאל אין א יובל

מיט א ניין חדשים צוריק איז דערשינען אין טשיקאגא א ווערק פון א נייעם יידישן שרייבער, וואס איז אין די ערשטע פאר חדשים געבליבן ניט באמערקט פון אונדזערע קריטיקער. אויבנאויף קען מען זיך משער זיין, אז עס זיינען געווען דריי סיבות פארוואס דאס ווערק איז גלייך ניט באמערקט געווארן. ערשטנס, ווייל דער מחבר איז געווען אומבאקאנט. אמת, מיט עטלעכע און צוואנציק יאר צוריק האט ער אפגעדרוקט א פאר לידער און ער האט זיך אויך געדרוקט אין א פאר העברעאישע זשורנאלן אין אמעריקע און אין ארץ־ישראל, און פון דאן אן איז ער אנטשוויגן געווארן און ערשט איצט איז ער ארויסגעקומען מיט דעם ריזיקן ווערק. א פנים חדשות איז אזא זעלטנקייט ביי אונדז, אז מען גלויבט זיך ניט, אז הינטער דעם נאמען שטעקט טאקע אנ׳אמת׳ער, א נייער מחבר. צווייטנס, איז געקומען דאס בוך פון טשיקאגא, און אין באצוג צום יידיש־ליטעראַרישן צענטער אין ניו־יארק איז דאך טשיקאגא א „פראווינץ״, און א שטעמפל פון דער פראווינץ שטעמפלט במילא אפ א ליטעראַריש ווערק. און, דריטנס, האט דער דאזיקער מחבר געהאט די אומגעהערטע „חוצפה״ אנצושרייבן א טרילאגיע, דריי ביכער, פון קרוב 900 גרויסע זייטן! ווי וואגט דאס אנ׳אנפאנגער. ארויסצוגעבן אזא ריזיק ווערק?

ד״ר שלמה לבדי איז דער נאמען פון דעם נייעם מחבר און דאס ווערק זיינס הייסט „שוועלן״. די דריי בענד זיינען ארויסגעגעבן געווארן אויסערגעוויינטלעך געשמאקפול, אויפן פיינסטן פאפיר, מיט זעלטענעם שריפט און אויסגעצייכנטע ווינעטקעס, באצירט פון מחבר גופא. אויך דער איינבונד איז א קונסט־ארבעט. צוזאמענגענומען איז די טרילאגיע אויסערלעך א צירונג פארן בוך־ליבהאבער.

און וואס איז מכוח דעם עיקר, דעם אינהאלט פון ווערק?

נאכן גרינטלעכן איבערלייענען די שאפונג, קען מען באהויפטן, אז „שוועלן״ פון שלמה לבדי איז בלי־ספק איינע פון די וויכטיקסטע ווערק, וואס זיינען דערשיינען אין יידיש אין אמעריקע א צייט לאנג. דאס ווערק באלאנגט צו דער „בעסט־סעלער״ קאטעגאריע, סיי דער אינהאלט, סיי די צייטיקייט פון דער טעמע, סיי דער טאלאנט פון מחבר האבן פארדינט, אז אי די קריטיק, אי די לייענערשאפט זאלן מאכן א ברכה אויף דער ליטעראַרישער געשעענעש.

„שוועלן״ איז, ווייזט אויס, אנ׳אויטאביאגראפישער ראמאן. ער נעמט ארום א צייט־אפשניט פון עטלעכע צענדליק יאר. און גאר צייטיק איז דער ראמאן גראד א צינד, ווען דער ענין מדינת ישראל איז אזוי רייף געווארן. פאקטיש איז דער וויכטיקסטער טייל פון בוך געווידמעט צו האנדלונגען וואס קומען פאר אין ארץ־ישראל.

אין ערשטן טייל באקענען מיר זיך מיטן העלד פון דער טרילאגיע אביגדור, מיט זיין אפשטאם, מיט זיין זיידן, באבען, עלטערן, משפחה, מיט זיין שטעטל פילעבאוועו, מיט זיינע חדר־חברים, מיט דער סביבה בכלל. קינסטלעריש איז דאס דער געלונגענסטער טייל פון בוך. אויב מיר ווערן אין די שפעטערדיקע טיילן פארכאפט פון דער דערציילונג גופא, שווימט אבער אין ערשטן טייל מיט פאלקלאריסטישן מאטעריאל, מיט שטייגער־לעבן, מיט נאסטאלגיע.

„דעם טאטנס גמרא־ניגון — דער געזאנג פון דורות״. און די דורות, זיינע דורות, זיינען געווען געזונטע, גאנצע, פעסטע. און אז די באבע שטארבט פלוצלינג און עס ברעכט אויס א יללה, א מהומה, פארלירט זיך ניט דער זיידע. לא׳מיר ציטירן דא אייניקע שורות פון בוך, ווי אזוי דער זיידע רעאגירט אויף דעם:

„דער זיידע האט א ציטער געטאן. זיין בוימיקער קערפער האט זיך א וואקל געטאן, האט זיך אויף א רגע ווי צוזאמענגע־בראכן. ער האט זיך אבער באלד צוזאמענגענומען, האט זיך אויסגעגלייכט אין זיין פולער הויך און מיט א הארטן פויסט האט ער הילכיק א זעץ געטאן אין טיש:

שא! שבת!! מ׳טאר ניט וויינען!!!

א שטילקייט איז באפאלן ס׳גאנצע הויז, — אנ׳אנגעווייטיקטע שטילקייט, — די שטילקייט פון א בית־הקברות. פון דער שטילקייט האט ארויסגעקוקט דער שבת, א פאר׳אבל׳טער א פארשטערטער״. —

דער קאפיטל „אין די געצעלטן פון שם״, אין וועלכן דער מחבר דערציילט אונדז וועגן זיינע חדר־יארן, איז אנ׳אוצר פארן פאלקלאריסט. לבדי מאלט א יידישע חתונה אין שטעטל, ווי ווינציק שרייבער האבן דאס באוויזן צו טאן. מיר דערפילן דעם ריטם פון די „שערעלאך״ און קאראהאדן און ווינואטן. מיר זעען פאר זיך די כלי־זמר, ווי זיי פארגייען זיך אין א סקארבאוון צושפיל. מיר ווערן א צד אויף דער חתונה.

די אמאליקע אידיליע פון יידישן שטעטל ווערט שנעל אויסגעוועפט. מען ריכט זיך אויף א פאגראם. מען רעדט וועגן אויסבאהאלטן זיך, נאר ניט דער זיידע. „א וועלט איז ניט הפקר. מיר האבן א גרויסן גאט, ער וועט העלפן״. די יוגנט, די ארבעטער גרייטן זיך צום קאמף, שטעלן זיך אנטקעגן...

אביגדור געזעגנט זיך מיט זיין היים. ער פארט קיין

ארץ־ישראל. דער טאטע איז קעגן, די משפחה איז קעגן „און אן זיין טאטנס ברכה האט ער פארלאזט די היים".

ארץ־ישראל אונטערן טערק. אביגדור איז באגייסטערט פון נייעם ישוב. ער איז געקומען בויען. ער איז געקומען ווי א פארליבטער. ער איז געקומען מיט אלע זיינע ספקות און פראגעס. ער דערזעט פאר זיך נסים פון אופבוי. נאר דער ענין אראבער, די אראביש־יידישע באציהונגען באאומרו־איקן אים. ער באקאנט אונדז מיט דעם פיאנערן־דור פון ישוב, מיטן עלטערן און מיטן יונגן. ער צעגיסט זיך אין א מליצה, ווען ער קומט אן קיין ירושלים. לבדי איז רייך אין לשון און שפע'דיק אין אויסדרוק און אין בילדלעכקייט.

ס'איז ערב ערשטע וועלט־מלחמה. דער טערק גייט מיטן דייטש. ענגלאנד וועט אפנעמען פאלעסטינע פון טערק און יידן וועלן דערפון געניסן. געראנגל פון דער יוגנט אין ישוב: בלייבן ביים טערק אדער פארלאזן ארץ־ישראל און זיך אנשליסן מיט ענגלאנד? דעבאטעס וועגן דייטשער קולטור און ענגלישער פאררעטערישקייט. די סטודנטן דארפן באשליסן. אביגדור איז איינער פון זיי. אביגדור בלייבט אין



שלמה לבדי במדי רופא צבאי אמריקני במלחמת העולם השניה

שלמה לבדי אין אוניפארם פון אן'אמעריקאנער מיליטערישן דאקטער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

לאנד, שליסט זיך אן אין דער טערקישער ארמיי צו קעמפן פאר ארץ־ישראל. זיינע חברים שליסן זיך אן אין פיינטלעכן לאגער צו קעמפן פארן זעלבן ארץ־ישראל. וואס פאר א קערנדיקער מאטעריאל פאר א ראמאניסט! לבדי האט פאר זיך דא געהאט זייער א שווערע אויפגאבע. ער זשאלעוועט ניט קיין זייטן פאר דיסקוסיעס און רעדעס. דאס זיינען אבער רייד וואס פארכאפן, וואס זיינען אנגעלאדן מיט דינאמיט. מיר דערפילן דעם ציטער פון ערב־שטורעם. דער מחבר ברייננט אונדז מיט גוואלט אריין אין אויפברויז פון שטורעם.

אביגדור דער סאלדאט און אפיצער אין דער טערקישער ארמיי. קאפיטלען פון פרישער טעמאטיק אין אונדזער ליטעראטור, נייער לשון, נייע טערמינען, נייער סוזשעט. און איבער אלע זייטן אטעמט מיט טאלאנט, מיט עכטן טאלאנט. שילדערונגען און איבערלעבונגען, געבליץ פון האנדלונג און דונערן פון הארמאט. ווינציק יידישע ראמאניסטן האבן אונדז געגעבן אזא שפע פון פולסירנדיקן לעבן אין א בוך. אביגדור איז טאקע דער הויפט־העלד און מיר לאזן אים ניט ארויס פון אויג, נאר עס לעבן אויף אין ווערק צענדליקער און צענדליקער געשטאלטן, וואס מען קען ניט פארגעסן און וואס וועלן בלייבן אלס מאטעריאל פארן קריטיקער און ליטעראטור־פארשער, און וואס זיינען עדות, אז מיט לבדי'ס דערשיינען אין אונדזער ליטעראטור איז צוגעקומען גאר א וויכטיקער ליטעראַרישער כוח.

דאס חדר־יינגל אביגדור וואס ווערט פארוואנדלט אין דער טערקישער ארמיי אין אבוקאדיר עפענדי; דער פארח־לומ'טער בחור'ל, וואס לעבט זיך אויס מיט די מעשיות פון חומש און דער פארהארטעוועטער סאלדאט, וואס צאפלט זיך אין בלוט אויף דער ערד פון חומש, — דאס איז א דראמע אנגעזאפט מיט אקטועלן אינהאלט, דער גורל פון יונגן יידן אין קאמף פאר זיין עקזיסטענץ.

דער סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און ארץ־ישראל איז באפרייט געווארן פון טערק. פאר יעדן איינעם, וואס וויל בולט'ער פארשטיין די מדינת ישראל איז נייטיק צו לייענען לבדי'ס טרילאגיע, ווו אט דער קאפיטל פון דער יידישער געשיכטע ווערט ארויסגעבראכט אויף א העכסט־בילדערישן אופן. לבדי האט זיך אין ענגלאנד קיינמאל ניט געגארט. דער „צעטייל־און־הערש" באשלוס קומט אין ראמאן ארויס קרעפטיק און פולבלוטיק.

דער העלד פון ראמאן קומט קיין אמעריקע. אויס אביגדור. מיט דער צייט ווערט ער — ד"ר וויקטאר דיקענס. די פאנאראמע שפרייט זיך אויס. א נייע וועלט, נייע מענטשן, נייער סיוזשעט. דאס חדר־יינגל אביגדור אין געשטאלט פון כירורג. שוועלן, שטאפלען, הארץ־ריסן, יארן ווי מצבות.

דאס יינגל אביגדור, וואס האט דורכגעמאכט יעדן מענטשלעכן צער און פיין, בייגקט צוריק צום מקור. צו פילענאווע, צו טאטע־מאמע. ער קומט אהיים.

לבדי עפנט־אויף זיין גרויס ווערק מיט דער שיידונג צווישן אים און טאטן און ער פארענדיקט די טרילאגיע מיט דער שיידונג צווישן אים און טאטן. ס'איז אנ'אנדער אביגדור, נאר דערזעלבער טאטע.

אביגדור פארלאזט ווידער. וווהין? ער ווייס אליין ניט:

— „א געצאפל פון רעדער. פייערלאך רויטע, גרינע... ווי אנטלויפנדיק פון זיך אליין האט זיך דער צוג געיאגט אין דער בלינדער נאכט אריין... און ביי זיין זייט האט אביגדור דערפילט, ווי עס פאלגט אים נאך א באנטער שאטן: דעם טאטנס שאטן — דער שאטן פון דורות". —

שלמה לבדי איז, ווייזט־אויס, ניט שטארק פארליבט אין מענטשלעכן מין. פרייד און געזאנג זעט ער אין קינד, אין דער יוגנט. ווינציק טרייסט גיט ער דעם לייענער פאר דער ציוויליזאציע. איז דאס אביגדור'ס שולד, צו דעם מחבר'ס? —

מען וואלט זיך געקענט אפשטעלן אויף אייניקע סטיליס־טישע בלויזן אדער שפראכלעכע פעלערן אין ווערק, — נאר וואס פאר א באטרעף האבן זיי קעגן שלל פון אויסגע־צייכנטן ליטעראַרישן יש, וואס „שוועלן" שטעלט מיט זיך פאר.

דער נאמען שלמה לבדי און זיין ראמאן „שוועלן" איז די ליטעראַרישע טעמע פון טאג. אזא ווערק ווערט געשאפן איינמאל אין א יובל. ס'איז צו האפן, אז לבדי וועט פארנעמען דעם בכבודיקן אויבנאן אין אונדזער ליטעראטור, וואס זיין ווערק פארדינט.

(פון „יידיש אמעריקע", ניו־יארק,
אפריל—מאי 1949).

הרב ס. י. דזשייקובס

# משמעות השם „שוועלן"

משמעות שם הטרילוגיה "שוועלן" נובעת, לפי הבנתי, מהסמל שהמחבר נותן לגורל העם הנודד, המחפש מפקידה לפקידה אופקים חדשים והעובר בכל שלב של נדודיו על סף נוסף של בית ארעי. הנדודים האלה משתקפים בחיי גיבור הרומן אביגדור, שתיאור עזיבתו את בית אביו והפלגתו למרחקים ולנסיון חיים חדש פותח את הספר.

בפרק הפרידה, שבא בצורת פרולוג לחלק הראשון של הספר, נגולה לעינינו היריעה הרחבה של חיי אביגדור בבית סבו רב־היוחסין, בעיר יהודית מתחום המושב הרוסי שלפני 1914. הסופר מתאר בשפה בהירה ותוססת את חיק המשפחה במזרח איירופה, השלמה ברוחה ובנויה על איתני המוסר היהודי. הסבא הוא בעל אופי מגובש הממזג את המסורת הפטריארכלית עם סגולת ההתמצאות של חיי יום־יום. התנהגותו המוסרית מובלטת, בין היתר, במקרה אחד, כאשר דודו של אביגדור מפטר סוכן זקן, פקיד הבית, בגלל שיטת הניהול המיושנת שלו. אביו, הוא סבו של אביגדור, מכריחו לחזור בו מהפיטורין ולהעסיק את הסוכן עד אחרית ימיו. אופיו ועקביותו מוכחים פעם נוספת, כאשר אשתו מתה פתאום אחרי הדלקת נרות של שבת, וכל בני הבית פורצים בבכי, אך הסבא משתיק אותם ומצווה לא לחלל את כבוד השבת ולערוך סעודת שבת כהלכתה. אורח־חיים זה מעורר הערצה לא רק בין יהודי העיר אלא גם בין הגויים, איכרי הסביבה ובעלי האחוזות, הרואים בו דמות פטריארכלית מופלאת.

המחבר מתאר בכשרון לירי רב את סיפור אהבתו התמימה של אביגדור עם בת דודו הדס'ל. המית נפשו הטהורה והאידילית נשזרת כחוט השני בשנותיו הצעירות של גבור הרומן. להמיה זו בא המשך, כאשר הוא מכיר בארץ־ישראל את תמר; הוא נמשך אליה בגין גישתה המעשית, המהווה מעין דמות ניגודית להדס'ל החלמנית ומהורהרת. אפשר להבחין בשתי דמויות קוטביות אלה מעין סמל לניגוד בין ילדותו של אביגדור באוירת הקסם של הנוף הילדותי ובין חיי המעשה והפעולה בשנותיו בארץ הקדושה.

נסיעת אביגדור לארץ־ישראל משמשת הזדמנות למחבר לספר על העולים השונים המפליגים יחד אתו. תכסיס זה מנוצל לעתים בספרות ומזכיר את "סיפורי קנטיבורי" מאת המשורר האנגלי טשאוסר, — ובספרות העברית המודרנית את "בלב ימים" של ש"י עגנון. בא"י אנו מוצאים את אביגדור עם פרוץ המלחמה ב־1914, כחייל תורכי ואחר כך, כשבוי בידי הצבא הבריטי.

בעצם עם צאתו מהשבי היתה מחויבת המציאות חזרתו האפשרית של אביגדור לבית הוריו, אחרי פרידה כל־כו ממושכת. אך מבחינה פסיכולוגית אין לאל־ידו לעבור שוב על "הסף" הראשון של חייו. מפתן עיר־מולדתו ובית הוריו. מעבר לסף הזה מסתופפים עוד בני־דורו של סבא, הוריו וכל היתר. אמנם, אביגדור נמשך אליהם מרחוק, אך נדחה מעצמו על־ידי הפער הרב ביניהם ובינו. מחסום בלתי־עביר ובלתי נראה הוקם במשך השנים על "הסף" הראשון ואביגדור מסיט את פניו ממנו ומכוון אותם ליעד אחר, — הפעם לאמריקה. אמנם, אחר־כך הוא יעבור עוד פעם אחת על הסף הזה, בביקורו בעיר מולדתו, ולא יוסיף עוד. אך גם בארץ־יעודו החדש הוא לא ימצא תשובה לחתירות הבלתי־פוסקות של נפשו. מסתבר, שמסף לסף אין תחנה סופית לנדודי הנפש הבלתי־שקטה...

הטרילוגיה מסתיימת בשיר־הלל לתחנה הראשונה, שהוא כל־כך מתגעגע עליה אך לעולם לא יוכל לשוב אליה.

ביצירה זו מסתמלת הטרגדיה של המשכיל היהודי בן־דורנו, שאיבד את אמונתו בהווה ובעתיד ואיננו יכול להמנע מקשירת כתרים לעבר. (במכתבו אלי מעיד המחבר על עצמו, שהנהו צאצא לשלשלת ארוכה של רבנים ומוסיף, — בהתאם לרוחו של אביגדור, גיבור ספורו, — שהוא, לבדי, "אמנם עודנו מחזיק בשלשלת, אך לא במשמעותה").

זוהי בבואה אמנותית ורגשית של האתגר המשתמע מהמשך הקיום היהודי.

הסגנון האידי של היצירה מצטיין בסגולתו התיאורית, הגובלת לעתים בשירה. התיאורים של הילדות בעיר־ מולדתו, של רחובות ירושלים, של מראות המלחמה מהווים פרקי־ ספרות בעלי רמה גבוהה.

אפשר להעביר קו־דמיון מסוים בין ספרות ההשכלה במזרח־איירופה מאמצע המאה התשע־עשרה ובין "שוועלן". כמו ששם עומדים אובדי דרך האמונה בפני ההבל והחלל שבלב, — כך גם פה ניצב אביגדור על עבר אותה התהום. אלא שלבדי איננו שם את הדגש על החריפות שבניגוד בין הדורות, אלא מעלה את הפאתוס שבעצם הבעייתיות הזאת. האם יש בהקההת חוד הניגודים שב"שוועלן" משום הוכחה, שהמחבר, תוך כדי הכירו את הבעיה איננו מסוגל להאבק בה בעוד שגבורי סופרי ההשכלה בקשו להאבק על גורלם ולהתגבר עליו, ובדומה לישראל ששרה עם המלאך — להתגלם בשם חדש ובאישיות חדשה שתוכל לעמוד בפני העתיד? האם בא לידי ביטוי ב"שוועלן" הלך־נפש, שככל היותו נושא יפה לספרות, הריהו בעצם עקר, כיון שהוא נעדר הבטחה לעתיד?

מירסקי, הגיבור הראשי של "שלש ערים" של שלום אש, מבקש דרך וכמה לתכלית, ככל שתהיה בלתי־מושגת. מה מבקשים האביגדורים, תועי הדרך של דורנו? לאיזה כוכבים הם צופים שיאירו את דרכם? על כנפי איזה חלומות הם נישאים?

(מהשבועון "סענטינעל", טשיקגו, 10 בפברואר 1949)
עברית: ק. ל.

נתן קראוויץ

# „שוועלן״ — א גרויס ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור

ד״ר שלמה לבדי, מחבר פון דער טרילאָגיע „שוועלן״ איז אונדזערער א טשיקאַגער, א תושב פון דער ווינטער־שטאָט. אָבער דאָס זאָל הייסן נאָר פאָרמעל. אין אמת׳ן געהערט ער, הן במחשבה והן ברגש, צו א פיל גרעסערער פעריפעריע ווי טשיקאַגע פאַרמאָגט, גרעסער אפילו ווי די יידישע אַמעריקע פאַרמאָגט. מ׳וואָלט געמעגט זאָגן, אַז ער איז א פּולבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער אַלוועלטלעכער קונסט־רעפּובליק. ווייל ער פאַרמאָגט אַלץ: דעם רואיקן טאָן פון מייסטער, דעם הומאָרפולן שמייכל, די אָביעקטיווּיטעט פון אורטיילן און דעם כוח אויפצושטעלן אַרכיטעקטאָניש א ליטעראַרישן געביי און, — איבער און חוץ דעם אַלעמען, — אַן׳אויג וואָס זעט טיף און ברייט, אַן׳אויער וואָס הערט און דערהערט און א האַרץ וואָס פילט. דאַרטן ווידער, וווּ זיין אויג דערזעט ניט, — דערהערט דאָס האַרץ וואָס וויבּרירט מיט א זודיקן יידישן געפיל. דערצו נאָך האָט ער, ווי אַן׳אמת׳ער מייסטער, א לעבעדיקן כוח־הדמיון, אַזאַ וואָס שאַפט דעם דיכטער אין אים.

דיכטער און באַוועליסט, טאָן־און ריטם־מייסטער פון איין זייט און דערציילער פון דער צווייטער — הויערן צוזאַמען, וווינען און לעבן בכפיפה אחת. ווערטער ווערן אין זיינע הענט — דימענטן; פּראָזן — שטיקער געזאַנג. פּאַראַן פּאַראַגראַפן אין זיינע דריי ביכער וואָס שעמערירן ווי גינגאָלד. זיין זשאַנער פון שרייבן בייגט זיך צום עפּיש — לעגענדאַרישן, אפילו ווען ער איז רעאַליסט. זיין פּראָזע זינגט און באַזינגט, זי איז דורכאויס מעלאָדיש און פּאָליפאָניש. ווי אין א סימפאָניע גיסן זיך צונויף די קולות פון אַלע זייטן און ווערן איינאיינציק, א מעור־אחד׳דיקער־געזאַנג וואָס ציט אייך צו זיך און לאָזט אייך שווימען איבער די כוואַליעס. ווי יעדער עכטער מייסטער ציט ער אייך פונדערווייטנס, ווי געצויגן פון א מאַגנעטישער קראַפט.

און — וואָס פאַר א וווּנדערלעכן כישוף־אינטערעס דער מחבר שאַפט! דורכן גאַנצן ווערק זיינעם לויפט דורך די שפּאַנונג, ווי אַן׳עלעקטרישער שטראָם, א שפּאַנונג וואָס רעגט אָן צו מישן בלאַט נאָך בלאַט ווייט און ווייטער, גיין מיטן מחבר דורך רעגן און שטורעם, פון לאַנד צו לאַנד; צו ער געפינט זיך אין דער קליינשטאָט, ווו דער זיידע שלום־יעקב דייכעס הייליקט זיין לעבן דורך זיין זויבערער הנהגה; אָדער ווען ער ווערט א טערקישער אָפיצער מיטן נאָמען אבו קאַדיר; אָדער ווען ער קומט אַריבער אויפן אַמעריקאַנער באָדן. ווו ער זאָל ניט זיין און וואָס ער זאָל ניט טאָן, — באַווייזט ער אויסצוכישופן יענעם באַגער אינם לייענער צו וויסן מער וועגן זיינע העלדן און זייערע קאַמפן און ראַנגלעניש.

אינם ערשטן טייל פון ווערק, אַריינפירנדיק דעם לייענער אין דער וועלט פון פריערדיקן דור, באַקענט ער אים מיטן שטעטלשן לעבן. אט אין דער מיליע דערשיינט דער שבת־שבתון׳דיקער שלום־יעקב ווי דער הויפּט־העלד. א סוחר און פּראַקטישער מענטש, טראָגט ער אָבער די ירושה פון דורות, די הויכע מאָראַל און חסדים־הנהגה פון עכטן יידישן תורה־אַריסטאָקראַט. איר זעט אים זיצנדיק אונטער דעם „זיידנס בוים״ און לערנען, ווי ער סאַרטירט אויס די זעקעלאַך מיט צדקה־געלט, ווי ער גייט אַרום זאַמלען נדבות פאַר די אָרעמע פון שטעטל, און ווי ער רעדט עס אַזוי בנעימות׳דיק מיטן קמצן וואָס וויל זיך אויסדרייען פון דער נדבה...

די סצענע ווען ער קנעלט־איין מיט א גמרא־ניגון א פאַרצע מוסר מיט זיין אייניקל פאַר רייסן פון בוים איז ניט נאָר פּאַטעטיש, נאָר אויך קינסטלעריש פולבלוטיק און רייצנדיק שיין. איר ווערט ממש פאַרבליפט. דאָס זויבערע יידישע לעבן, וואָס פליסט געהייליקט און גע׳איידלט; די גוטסקייט פון די מענטשן; די איידעלע באַציהונג און די הנהגת החיים, — דאָס אַלעס ווערט אויסגעמוליעוועט פון זיינע הענט אין א שאַפונג פון גרויסן שטייגער, ווען קונסט ווערט כולו רעאַליטעט און ווען די פעדער רירט אָן דעם מעשי־בראשית פון זאַכן און דערשיינונגען.

קינסטלעריש איז דער ערשטער חלק פון דער טרילאָגיע שטאַרקער ווי דער צווייטער, הגם אייניקע קענען מיינען אַז דאָס איז ניט אַזוי, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אין צווייטן טייל שילדערט דער מחבר די אומגעבונג אין ארץ־ישראל פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דערנאָך די ראָל וואָס אביגדור, דער הויפּט־העלד פון דער טרילאָגיע, שפּילט אין דער אַטאָמאַנישער אַרמיי. די שטאַרקע, שנעל־לויפנדיקע און שטורמישע סצענעס פון שלאַכטן פאַרטויבן מיט זייער גערויש און דערלאָזן ניט דעם לייענער זיך אַריינצולעבן אין דער וועלט פון העלד גופא. ווען איר באַפרייט זיך, אָבער, פון דעם גערויש און איר פאַרטראַכט זיך ישוב־הדעת׳דיק און רואיק איבער דעם שאַפונג־פּראָצעס וואָס איר האָט דורכגעמאַכט לייענענדיק, — זעט איר ערשט איין, אַז דווקא אין ערשטן טייל האָט ד״ר לבדי אַריינגעלייגט דעם סאַמע תמצית פון זיין נשמה. דאַרטן איז אביגדור ניט דער הויפּט־העלד; דאָך שיינט ער ווי א דופּטיקע און קאַלירטע בלום צווישן די ביימער. דאָ, ווידער, אין צווייטן טייל, וווּ ער איז דער הויפּט־העלד — איז ער ניט אַזוי קלאָר דעליניאירט און געצייכנט. די סביבה קומט אַרויס אַסך לעבעדיקער ווי אבו־קאַדיר. קענטיק, אַז דער מחבר גופא איז הינגעריסן געוואָרן פון דער פיל־קאָלירקייט פון דער מלחמה, פון דעם

הילכיקן דונער־קלאַפּ פון די קאַנאַנען און, — דער עיקר, — פונם פּאַטום וואָס אַנטפּלעקט זיך, ווען מענטש שטייט פּנים אל פּנים מיטן טויט. ער פּאַרלירט דעם וועג צום מענטשן, ווערנדיק פּאַרשלונגען פון די אַרומיקע קולות און פייערן.

עס שטעלט זיך, למשל, די שאלה: פּאַרוואָס האָט אביגדור זיך אַזוי איבערגעגעבן דעם קריג? און, נאָך מער, — ווי אַזוי וואַרפט ער זיך מיט אַזאַ מסירות־נפש צו פּאַרטיי־דיקן טערקיי, דעמאָלט, ווען ער איז ווייט ניט קיין „טערק״? — דער מחבר האָט דאָ וואָרשיינלעך געוואָלט אַנצייכענען די עכטע פּאַטריאָטישע געטריישאַפט פון יידן, זייער איבערגעגעבנקייט און פליכט־באַוווּסטזיניקייט אין אַנבליק פון טויט?



שלמה לבדי, כפרופסור לכירורגיית־שיניים באוניברסיטת שיקגו

שלמה לבדי, אַלס פּראָפעסאָר פון דענטאַלע כירורגיע אין טשיקאַגער אוניווערסיטעט

אָבער אויב דער הויפּט־העלד אין צווייטן טייל איז ניט אַזוי שטאַרק געצייכנט, דערפאַר אָבער, ווי געזאָגט, ווערט דער לייענער קאָמפּענסירט מיט עפּעס אַנדערש: בעמליך, מיט די לעבעדיקע, אַקטיווע און אַקטועלע שילדערונגען פון קריג; מיט דעם וואָס ער ווערט אַריינגעפירט אין סאַמע געדיכטן רויך פון שלאַכטפעלד און זעט קלאָר דעם אַרום. אין דעם זין האָט דער מחבר ווידער דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון קונסט. דאָ וויקלט ער אויף פאַר אונדז די ברייטע יריעה פון לעבן, צונויף־ברייענגענדיק פאַר אונדז, אין אַ וואָסערע הונדערט זייטלאַך, די כוחות וואָס פירן אַרויס דעם מענטשן אין זיין סאַמער אַנימאַלער נאַקעטקייט, ווען ער ווערט אויסגעליידיקט פון זיין מענטשלעכן „איך״, וואָס איז אים מחייב צו מאָראַל און עטיק, די צוויי פאַקטאָרן וואָס האָבן אין דער בלוטיקער וועלט פון קריג קיין האַפט ניט...

אינגאַנצן גענומען איז ד״ר לבדי׳ס ווערק אַ קונסט־שאַפונג פון גרויסן פאַרנעם, געשריבן פון אַ קינסטלער בחסדי־עליון. אפילו די גאַנצקייט פון ווערק איז דאָ ניט דער עיקר: פאַראַן קאַפּיטלאַך וואָס זיינען אויסגערונדעטע ווערק בפני עצמם, פאַרדינען אַריינגענומען צו ווערן אין דער וועלט־ליטעראַטור, ניט אַלס חלק פון אַ זאַך, נאָר אַלס גאַנצע זאַכן. אין זיי דערגרייכט ד״ר לבדי שלימות אין גרויסע שווערקייטן, — מיט אַ וואָרט, עטלעכע פּאַראַגראַפן, וואָס זיינען ווי אויסגעהאַקט פון בראָנז. דער עיקר דאָ איז טאַקע זייער לייכטקייט, זייער באַפליגלטער שוווּנג, זייער באַוועגלעכקייט און זייער אינערלעכער אָטעם וואָס איז אַזוי געניו געמאָסטן און געוויגן, אַז איר באַוווּנדערט די יכולת פון מייסטער.

ווען איר פאַרענדיקט לייענען דאָס ווערק, פרעגט איר זיך: במה כוחו גדול? מיט וואָס צייכנט זיך אויס ד״ר לבדי, וואָס ער געווינט אייער האַרץ, באַלד ווי איר טרעט אַריין אין זיין וועלט? אָט די פראַגע האָב איך זיך געשטעלט און מיר דאַכט זיך, אַז די תשובה ליגט אין פאָלגענדיקן: ד״ר לבדי שרייבט דורך זיך גופא. אַ סך פון זיינע העלדן זיינען שטיקער פון אים אַליין, אויסגעשמידט אונטערן פייער פון זיין אייגענער נשמה. ער האָט אין זיך די ברייטקייט פון מענדעלען, די לייכטקייט פון שלום־עליכם׳ען און די טיפקייט פון פּרץ׳ן, — אַ קאָמפּלעקס פון קלאַסיש־יידישער שאַפונג, ברכה׳דיק סינטעטיזירט.

פון „דער יידישער וועג״ טשיקאַגע. אַפּריל 1949. באַנד 4, העפט 4).

# AS I REMEMBER

**(A PERSONAL REMINISCENCE BY MRS.** ***SOLOMON S. LEVADI)***

The first glimpse I had of my future husband was a view of his back. I stood at our living-room window and watched him walk jauntily down the boulevard, his hands in the pockets of his belted shabby brown coat, a rakish gray fedora on his head, held high as it was throughout his life.

He had just left our home on Douglas Boulevard in Chicago, having completed arrangements with my widowed mother to rent our spare room in the large apartment where we lived, my mother and I and my widowed auns. My mother had found the credentials of the young dental student quite satisfactory, and Sol found the room with a separate entrance off the hall and with adjacent washing facilities private enough and within his modest means as a Hebrew school teacher.



*Mrs. Hanna Levadi, the wife of Shlomo Levadi, in the 1940.*

I met him for the first time a few days later when he came into the dining room to use the telephone and my mother introduced us. I was taken with the sparkling blue eyes and winning smile of this handsome, self-assured young man, whose debonaire air belied his well-worn but immaculately clean attire.

I was a popular piano teacher and my earnings from class instruction and private lessons at home were sufficient to maintain our large apartment in the fashionable section of the Jewish neighborhood. My days were well occupied with my profession. And I often relaxed in the evenings reading in our library until bedtime. It wasn't long before Sol began to drop in of an evening to have a chat, an we soon became well acquainted.

Sol was a brilliant conversationalist, and I found his knowledge and vivid portrayal of a world I did not know, fascinating. For me, an American girl from Virginia, he opened wide vistas of distant, unfamiliar people and places. All that Spring of 1924 and well into the summer I began more and more to look forward to these evening chats with this rather shy, knowledgeable, and well-mannered young man who had come into my life from the other side of the world.

In August, I left the city for my annual month of vacation. Shortly after I returned came Rosh Ha Shana — a holiday traditionally observed by both of us. That day I was playing the piano in the living room when Sol quitely came into the room and stood listening. Although I did not see him come in, I sensed his presence and in a moment stopped playing, vaguely resenting this intrusion. My questioning look obviously embarrassed him, but he quickly regained his poise and with an assumed air of nonchalance said, "I happen to have two tickets for the Symphony for tomorrow night. Will you go with me?

I accepted his invitation with pleasure, although with some surprise, having seen the photograph of a beautiful girl personly autographed to Sol, prominently displayed on his dresser. It has always been a beautiful memory for me — that evening at the concert our first date, and (unknown to Sol at the time) also the celebration of my birthday.

There followed many other dates — concerts, plays, little suppers, and a whirlwind courtship. Two months later, we were betrothed. We get married during the mid-year school vacation in late December.

For the next 48 years we lived together through many days of happiness and many of sorrow, until that day in March, 1973, when my beloved died, leaving me and our sons and all who knew him with cherished, unforgetable memories.

# MY FATHER

BY

VICTOR S. LEVADI

When a son writes about his father, he has several perspectives from which to choose — the child-hero relationship of boyhood, the distortions of adolescence, or the separate but equal relationship of adults who have accepted the communication barriers as well as the bonds that the lifelong experience has built. In writing from this latter vantage point, I try to present a few personal insights accumulated over the years. I attempt to write of Solomon Levadi, the man, but, by necessity, include something of Solomon Levadi, my father.

The man who chose to be "alone" embarked on a solitary journey which demanded a self-sufficient and independent spirit. Often he would have to live by his wits and to improvise from the resources at hand. In early years this was an economic necessity; later it was a chosen way of life.

Whatever the idealistic or romantic motivation for his commitment, ultimately it disclosed an inventive and innovative genius in the man that transcended his artistic works.

While he romanticized the tales of student life in pre-war Palestine, there is no question that the impoverished life required a good deal of "making do" with a minimum of material goods (witness his tale of the two students who shared a single pair of pants). Nor is there any question about his obvious pride as he related the various clever solutions to the problems of the time. The whole theme of getting along with as little as possible, of finding a use for every scrap, of being able to do the job oneself, became a strong force for the rest of his life. If material goods were needed, his first choice was to make them, which he did in many cases. He would offer economic necessity as an excuse; more likely he was appeasing his fiercely independent, self-sufficient and proud spirit.

Finding a clever solution to a problem became a challenge, a test of wits, a game with nature. And what joy in playing the game! He didn't always win, but he respected his competitor and accepted his defeats without rancor or bitterness. Whether it was a clever turn of a phrase or a new use for an old piece of shoe leather, the thrill of discovery, of unlocking another of nature's secrets, was evident. Might this have been the same spirit that moved a heder boy in Slonim to revel in the discovery of a clever riddle in the Talmud?

He took great delight in working his creative magic on cast-off materials. Nothing was beyond use and reuse. He transformed scraps of lumber from orange crates into shelves to hold a childhood of toys and a lifetime of memories for his sons. Thirty years later, if you happened to notice the craftsmanship in his booklined office/library, he might give you the lineage and pedigree of each scrap of wood that made up the walls, the shelves, and the cabinets. Not a single piece of lumber was new! Those same pieces of orange crate, having passed the era for toys, were now involved in a more literary endeavor. By this time all the wood was disguised with a new artifical grain finish devised by the craftsman.

He expected from others the same high standards that he set for himself. When disappointed by a substandard rebinding of a treasured prayerbook, he ripped off the cover before the eyes of the offending artisan and vowed that he himself would do the job right. And he did it that very evening, his first binding. By morning he had completed the gilting and tooling of the leather in a manner befitting a renaissance master. Thereafter, few materials were safe when a book was to be bound; windowshades, packing boxes, a pice of heavy paper, a scrap of leather, could within hours enclose some printed matter that, due to age or circumstances of birth, was not properly covered.

The independence carried into his artistic endeavors. When he opened his forst office for the practice of dentistry, there were no pictures for the walls. In a few days there were "The Silhouettes' of Egyptian desert scenes. Twenty years later, when there was no economic need, he made the signs for his new office reception room because he couldn't buy exactly what he wanted and "it was such a simple thing to do".

For all of his innovation and independence, he was a purist and fundamentalist when it came to Judaism. He had an absolute intolerance for whatever and whoever defiled the sanctity of that which he held dear. His love of Judaic life, values and culture permeated his every day. Yet, he participated in nothing akin to institutionalized religion. He loved his heritage. The Jews were his people, but he could not accept those Jews who did not share his reverence for the fundamental Jewish values. He would not and could not share the object of his love with those who loved only her body and not her soul.

His contact with Judaism was a solitary pursuit, although there were the few to whom he granted access to his personal sanctuary. Liturgical music had its special place in his life; he would travel miles to hear a "real" hazan. In later years, when the artists of his era were no longer active, he would listen for hours to their recordings. His love of the liturgy overcame his traditionalism to the degree that he included the recordings of a "hazante" with the "real spirit" among his musical treasures.

In his mature years he never went to concerts, yet he loved secular music. The violin was among his favorite instruments. I remember how a radio broadcast of Fritz Kreisler playing gypsy music cast its magic spell for an afternoon. For years, part of his evening ritual was to listen to the broadcast of Negro services. The free-spirited singing, primitive rythms, and fervent almost fanatical dedication of these black worshipers were,

perhaps, the closest embodiment of his romanticized Chassidic memories.

My father may be best known outside of Yiddish literary circles for the more than 24 bookplates that he created over the years. Virtually all of these were for close friends. How fitting that this man would share his love of books and men through this artistic medium.

Nowhere is the extent of the man's genius illustrated better than in his master-work, Shveln. It is apparent that he put all of himself into the work. It was his world: Slonim, pre-war Palestine, postwar U. S. In many ways that was a world he never left. He wrote about his world, his life. Yet, he would often reject the notion that the work was autobiographical. To be autobiographical the book must be about the author; this work was about a world, a people. It was a labor of love. The finest details bore his imprimature. Each chapter illumination was his handiwork, each chapter heading was drawn by his pen. He designed the cover and all graphics. Even the type style was his design. This was no autobiographical effort at self-aggrandizement.

This was a memorial to the world and the people that he loved. The language was Yiddish, fulfilling a promise to his father. With a characteristic subtle cleverness he engraved the names of his family into that monumet. His deceased younger brother, Ithamar, appears as Tamara, the heroine of Book 2. His grandmothers name Dyche became: Dyches, the family-name of the hero of „Shveln" Avigdor, being in Slonim, Dukes — in Palestine and Dykens in the U.S.A.

There were few, if any, better qualified to translate the work into English or Hebrew. He undertook the English translation himself since he had a great facility with the English language. He must have been torn between a desire to remain true to the original Yiddish and the imperative to render a free English version. Perhaps he could not help himself; perhaps his passion to retain the flavor of the Yiddish dictated a literal translation. The result was a stiff unnatural English, far below the quality of which he was capable. Quite likely his passion for perfection and detail had, in this case, become his enemy rather than his ally. Ironically, the qualities that contributed to his artistic genius may have prevented his successful completion of the English translation. Characteristically, he never found a translator who could meet his high standars.

In the last few years he began a search for someone to do the Hebrew translation. His favorite chapter of the entire book was "Jerusalem". As a qualifying examination, each candidate was required to translate this section. Again, no one could meet his high standard. My father's own translation of that chapter appears elsewhere in this book.

---

The preceding thoughts present a son's perspective of a man who left much to the world in the way of his artistic and literary endeavors. His legacy to me was the exposure to those values and qualities which distinguished his life.



*Shlomo Levadi with his family at the beginning of 1970.*
*from left to right: Shlomo, his son Victor with wife Barbara,*

# SHLOMO LEVADI

BY

MORRIS ALEXANDER

The days of Shlomo Levadi's years spanned a period of profound changes in the history of the Jews of the Diaspore. Levadi was truly an exemplification of the wandering Jew of the 20th century. He started his 75 years as a Heder-pupil and a yeshivah bocher in Slonim and ended his eventful life on March 21st, 1973, as a very American Jew. He lived in Chicago for 53 years and I had the privilege of knowing him intimately as a dear friend during the last 27 of those years.

Levadi came ta Chicago in 1921 from Palestine determined to make his way in the "Goldene Medineh" and to become an "Amerikaner". Although all of 23 years old, he had already lived a lifetime of experience as a boy in Slonim and as a Zionist chalutz and Turkish officer in Palestine. When he came to the United States he decided to say goodbye to all that, but he never quite succeeded. The perfect command of English that he achieved remained to the end accented both orally and spiritually with the Yiddish, Russian, Hebrew and Turkish of his original roots.

His boyhood chum, Isaac Rounch, whom he had known in Poland had persuaded Shlomo to come to the big, bustling midwest city of Chicago to start a new career where tens of thousands of Jews were already established and where in the ensuing 1920' and 1930' thousands more arrived, most of them from Eastern Europe. Rounch, a teacher and Yiddish poet, helped the young Levadi to find employment as a teacher of Yiddish and Hebrew in several of the many synagogues of the great West side, where most of the Jews of Chicago then lived.

Levadi's first ambition in America was to become a medical doctor, specifically a surgeon, and soon after his arrival he enrolled at the Lewis Institute, a small private college, to acquire the preliminary education required to enter medical school. But Shlomo soon decided that it would take too long to become a physician and he switched to dentistry instead. After two years at Lewis Institute he transferred to Loyola University Shool of Dentistry and graduated in June 1925. In typical Levadi fashion he immediately opened his own dental clinic on Roosevelt Road, the main business street of the Jewish community.

Despite the long hours of teaching, attending University classes and studying, the energetic and ambitious young Shlomo managed to find time to immerse himself in the social and cultural life of the Jewish community. He joined several Yiddish stage groups and soon became a sought after leading Yiddish actor. He was a familiar face among the Yiddish literati, the poets, writers and journaists of Chicago. In those days Chicago was an important center of Jewish culture, ranking with New York, Vilna, Warsaw. Levadi was a frequent contributor for many years to ""The Forward" and "The Jewish Courier", the two flourishing Yiddish daily newspapers of Chicago.

In 1924, a year before he completed his dental studies, Levadi met a beautiful young piano teacher. Hanna Leah Stein, the daughter of his landlady, spoke the soft Southern American English of Newport News and Norfolk Virginia where she was born and bred. Hanna was charmingly different from the first generation Jewish girls Levadi knew, and represented to him the American style of Jew he was so eager to become. Within a few months after their first meeting they were married.

Over the years as Dr. Levadi's practice prospered he opened another dental office in the more fashionable downtown "loop district" of Chicago, but continued his West side practice as well. Even after he gave up his office in the Jewish neighborhood he continued to maintain his connection with the Jewish community as a member of the staff of Mount Sinai, a large Jewish hospital on the West side. In 1928 Mount Sinai Hospital opened an aural surgery department and Levadi became its associate director. A few years later he was appointed chief aural surgeon, thus realizing his life long ambition to become a surgeon. Dr. Levadi

served brilliantly as the head of the Mount Sinai aural surgery department for over thirty years.

In 1934, the Levadis' first son, David, now a medical psychiatrist in Detrois, was born. Three years later Victor Levadi, their second son was born. Victor is now a Ph. D. electronics engineer in Cleveland Ohio.

Shlomo Schoenberg left his native Slonim in 1913 and for years he had a powerful desire to see his parents and his large family in Slonim once again. In 1929 he travelled to Poland and had the poignant pleasure of being reunited with his elderly father and mother, his brothers and their families. When he told his father that he was planning to write a novel based on his experiences in Poland, Palestine and America, his father urged him to write the book in Yiddish. Shlomo had contemplated writing his book in Hebrew or English, but, fortunately, his promise to his father has given modern Yiddish literature the classic trilogy, "SHVELLIN".

Shlomo's allegiance to his new country and his interest in the military gained from his experiences in the Turkish army, lead him to join the U. S. Medical Corps dental division soon after he became a dentist and at the autbreak of World War 2 he was a captain in the Medical Corps Reserves. Having learned of the extermination of his entire family by the Nazis in 1942, Levadi eagerly volunteered for active duty, despite his 44 years. After a few months of service in Michigan, Texas and Oklahoma, he was assigned to the dental division in the South Pacific and spent four years at the heart of the shooting war against the Japanese in Australia and New Guinea. Dr. Levadi established dental stations all over that theater of



*Sslomo Levadi's intimate friend the lawyer Maris Alexander with Mrs. Golda Meir at a Zionist meeting in Chicago.*

war and performed thousands of operations that perfected his already considerable skills as a master aural surgeon. He became intimately acquainted with the late General Douglas MacArthur, whom he served as personal dentist and also the General's family.

Major Levadi returned to the United States in 1946 and was hospitalized for many months with a misdiagnosed heart ailment from which he suffered for the rest of his life. In the fall of that year he resumed his dental practice and his position at Mount Sinai Hospital where he remained as chief aural surgeon until 1957. His failing health and frequent recurrences of his illness required him to give up active practice in 1965, although he continued to perform occasional dental work and aural surgery until his last fatal illness.

During all the years after Levadi's return from army service he spent a score of times hospitalized for long periods. Each attack of pericarditis (inflammation of the heart lining) was more and more severe, but each time he recovered, his indominatable will to live overcoming the incurabe, brutally painfull, disease. I shall never forget his courage and high good humor as he lay wracked with pain during the many hours I spent visiting him in the hospital. He would permit of no pity and no long faces, and he always talked of his imminent recovery so that he could continue with his profession and his writing. During one of the earlier attacks, however, he was in such agony that he truly thought he was dying. His only thought at that time was that he would not be able to repay me the small sum I had advanced to publish "Shvellin", unless the U. S. Army compensated him for his service-connected disease. Despite the most strenous efforts, the Army never did compensate him, but he repaid my loan in full!

I met Shlomo Levadi for the first time soon after his return to Chicago in 1946. I was introduced to him by a mutual friend, Charlie Zakon, a well known Yiddishist and raconteur, and the three of us, despite our entirely dissimilar backgrounds and differences in age, became inseparable friends until Charlie's death in 1963.

Shlomo's encyclopedic knowledge of Judaica, and Palestine—Israel was of inestimable value to me in my activities with Israel Bonds and as the head of the International B'nai B'rith Commission far Israel. We were together in Israel in 1963 when Shlomo visited there for the first time since leaving Palestine in 1920. While I was a resident of Israel in 1971—1972 Shlomo visited there again, this time with Hanna. They lived in my apartment in Tel Aviv during that visit, and I thrilled to witness Shlomo's excitement and pleasure as he revisited familiar scenes that had changed so much, and met with his old friends, especially his Slonimer landsleit. During that last visit I worked with him in an unsuccessful effort to have "Shvellin" translated and published in Hebrew. Years before, I persuaded him, to translate "Ssvellin" into English. Unfortunately, this version, too, has not been published.

Levadi's beautiful edition in Yiddish of "SHVELLIN" was published in 1948. Not only did he write this great work, but he designed the books and the magnificent chapter headings and supervised every last detail. His ambition was to make "SHVELLIN" physically the most beautiful work ever to be published in Yiddish. His meticulous sense of artistry and uncompromising good taste, I believe, resulted in that ambition being realized. Unfortunately, little is known of Shlomo's artistic talents. His exquisite ink drawings and book plates will become collectors' items, another evidence of the remarkable talents of this renaissance man. Dr. Levadi did me the honor of fashioning the heading of his chapter on Jerusalem in "SHVELLIN" into a personal book plate for me. I treasure it.

Levadi encouraged me in my Zionist activities, He was a passionate, perfectionist Jew. His vast admiration for America amused me, and I the "Sabra Amerikaner", often chided him about this aberration. Shlomo, on occasion, had a sharp, disdainful tongue. I knew, however, only too well, that such postures were part of a facade, a self protection device to cover his shyness and sensitivity.

When I said good-by to him in the hospital to travel to Israel two weeks before he died he embraced me and said, with a wry smile on his gaunt, pain wracked face, "I want you to know that it was nice knowing you. I'll never see you again". I protested and teased him, but I knew he was right. Often since then, I have wished that I had told him how successful and full his life and career had been, although I am certain he would not have believed me.

The likes of Shlomo Levadi — teacher, linguist, soldier, poet, artist, actor, Talmid hacham, surgeon, American, Jew, friend, — will rarely be known again, just as the times during which he lived will never reoccur.

# קטעים ממכתבים שונים של שלמה שיינברג-לבדי

לק. ליכטנשטיין, מיום 23 בספטמבר 1964:

...„הלוואי והיה בידי לעשות רצונך בדבר כתיבת זכרונות על סלונים ואנשיה. הרבה סיבות לדבר ובעיקר: הנני כעת במצב של „הריון" קשה והנני עסוק באיסוף ובסידור חומר לנובילה חדשה „ואין מערבין שמחה בשמחה". מאד הייתי רוצה להעלות על הנייר את הזכרונות הללו מהעבר וכמו כן מרשמי פגישתי עם שרידי חברי בארץ. אבל לדאבוני העבודה הנ"ל שוללת את רוב זמני וכל מרצי. אם אוכל באיזה אופן שהוא להיות לעזר לך בעבודתך רבת־הערך בדבר הפנקס אשמח מאד לעשות ככל אשר תצווני ולזכות אחשבה זאת..."

---

למרדכי ספיר מיום 31 ביולי 1972.

..."כחכות יהודי כשר לבואו של המשיח, — כן חכיתי לבואו של „פנקס־סלונים" (הכוונה לכרך השלישי). ואשרי המחכה. זה אתמול בבוקר הגיע הספר לידי וששתי עליו כמוצא שלל רב. ומאז קבלי אותו עד שעת קריאת שמע של שחרית (הבוקר) לא הסרתי את עיני ממנו (מה שהזכיר לי את לילות „המשמר" בנעורי כתלמיד הישיבה). היתה זו חוויה נדירה, נעימה מגועגעת, ועם עלעול כל דף הופיעו לפני רחובות, סמטאות, בתים ונופים בסלונים שלנו. בקריאת כל פרק קמו לתחיה לפני אנשים ומאורעות מימים עברו, — ראיתים בכל יפים וכשלונם, — ממש שמעתי את קולם, חשתי את אוירה של סלונים, יערותיה, הריה ושדותיה. בקיצור: היה זה בשבילי תיור וביקור בסלונים שלנו כמו שהיא חרותה בזכרוני ואת עצמי כפי שעזבתיה בעלומי. ובעד העונג והגעגועים שהכרך הזה העניקני אני מודה לכל חברי המערכת של מפעל זה. אני מעריך את מסירות כל חברי המערכת בעבודת־קודש זו ומוקיר בכל לבי את הכשרון, העמל והאהבה שהשקעתם בהוצאת כל שלשת הכרכים של המפעל המונומנטלי הזה... בנוגע למצב בריאותי, — הריני כמעט כל הזמן (בסירוגין) חבוש מטה או כלוא־בית. ב„חזית הבריאות" לא שחקה לי השעה ביותר. לסוף, עמדה לי זכות הבאבע מינקע שלי והצלחתי לקבל דיחוי (אטסראַטשקע בלע"ז) מידי מלאך המוות...

א נייער גייסט קומט אין אים אריין ווען עס קומט פאר די „יערליכע אויסשטעלונג" פון די בעסטע פערד פון דער גאנצער אומגעגנט, ווען עס קומען אן די גרעסטע מבינים אנקוקן און אויך קויפן און אמאל אויך בייטן. די פריצים האבן דא א שווערן ארבעטס טאג. ארום אזעלכע „סחורה", וואס „עין לא ראתה"... ר' שלמה גייט ארום, קוקט אן, באטראכט און ס'קוויקט אים דאס הארץ, ווען ער הערט דעם פריילינכן „הירזשען" פון א יונגן פערד, גיט אים אגלעט איבער זיין גלאנציקע פעל, אטעמט טיף אפ און גייט ווייטער אנקוקן די שענסטע און בעסטע „סחורה", וואס נאר זעלטן קען מען עס זען, כאטש דאס איז שוין ניט מער פאר אים.

אין א שיינעם פרימארגן איז ר' שלמה ניט געקומען צום דאווענען, אזאך וואס האט זעלטן געטראפן. ר' שלמה האט געקראגן היץ. די זין האבן געבראכט „לייזערקען" דעם רופא. ער האט בודק געווען דעם חולה, אריינגעקוקט אין רפואות־ביכעלע וועלכן ער האט שטענדיק געטראגן אין בוזים קעשענע, פארשריבן אים „מאגן בלעטלאך" — צו „לאקסירן" (מאכן לייז דעם מאגן) און אויך „כינע" אויף אראפזעצן די היץ. אויף מארגן אז דעם חולה איז ניט געווארן בעסער, האט מען געבראכט דעם דאקטאר שיראצקי, וועלכער האט פעסט־געשטעלט אז דער חולה האט א שווערע לונגען ענטצינדונג. אריבער נאך א טאג, די היץ איז געשטיגן, ער האט פארלארן דעם באוואוסטזיין און מען האט געזען אז עס דערנענטערט זיך דער סוף.

יוסף חיים, דער עלטערער זון, איז אריינגעלאפן מיט א גוואלד צו א נאנטן שכן, ר' זלמן א...: „ר' זלמן, העלפט, וואס טוט מען? דער אלטער „זשיפעט" נאך און די „נבלה" (דאס הייסט די שטיף מוטער) פאקט די צירונג".

נאך שווערע ליידן האט ר' שלמה אויסגעהויכט זיין נשמה, די מתפללים פון „שומרים לבוקר" זיינען געזעסן א גאנצע נאכט ביים נפטר און געזאגט תהילים, אבער די לוויה האט זיך פארהאלטען אויף א צווייטן טאג, ביז מען איז געקומען צו א הסכם מיט „חברה קדישא", וועלכע האט פארלאנגט א גרויסע סומע געלט פון די בנים.

די „שומרים לבוקר" מתפללים האבן אים געטראגן אין דער „מיטה", ווי אלע חשוב'ע נפטרים אין סלאנים.

אזוי האט געלעבט און געשטארבן שלמה סוטשקעס.

## לייזערקע דער רופא

די ידיעות אין פעלדשעריי האט לייזערקע דער רופא געלערנט ביי זיין פאטער הירשעלע דעם רופא*) ער האט ביי אים אויך גע'ירשנט דעם פאך.

לייזערקע איז געווען הויכגעוויקסיק, מיט א ווייסער קורץ־געשארענער בערדל. סיי זומער, סיי ווינטער האט ער געטראגן א בארעשקאווע היטל וואס האט אויסגעזען ווי א שיפעלע; א ווייסע טיכל אויפן האלדז און קאלאשן אויף די שיך. געגאנגען איז ער שטענדיק מיט א סוקעוואטן, דיקן, געלן שטעקן און געטראגן א טאש מיט כלערליי מכשירים וואס געהערן צו זיין ארבעט. ער האט געוווינט אין דער געגנט פון בריקער גאס און געווען באקאנט אין גאנץ שטאט. מאכט זיך א חולה, פילט זיך עמיצער ניט־גוט, רופט מען לייזערקען. זיין געצאלט איז געווען אנגענומען: 10 קאפיקעס פאר א באזוך.

יעדן פרימארגן, גאנץ פרי הויבט ער אן זיין ארבעט. האבנדיק צוגעגרייט א רשימה פון זיינע באשטעלטע באזוכן. ער קומט אריין אין דער ערשטער שטוב לויט דער רשימה, גייט פון צימער צו צימער ביז ער שטויסט זיך אן אן עמיצן, על פי רוב די באלעבאסטע וועלכע ווארט שוין אויף אים מיט אומגעדולד און פירט אים צו צום בעט, ווו ס'ליגט דער חולה, איר חדר־יינגל.

„וואס איז אים?" פרעגט דער רופא שטייענדיק. „ווייטאקן אין בייכל", ענטפערט די מאמע. לייזערקע גיט א טיפן דריק אין איינציקע פלעצער פון יינגלס בייכל און גיט א זאג מיט זיין שטארק הייזעריקן קול: „דו האסט אים אנגעשטאפט מיט ארבעס".

„ר' לייזער — זאגט די פרוי, — ווי איר זעט מיר א יידישע טאכטער, שוין צוויי וואכן לפחות איז קיין ארבעס אין מיין שטוב ניט אריין".

„נו — נו", זאגט דער רופא. — „איך פארשרייב דא, גיב אים גלייך ריצינע צו לאקסירן און אויב ער וועט קריגן היץ, זאלסטו מיר גלייך רופן". —

אין אנ'אנדער שטוב געפינט ער א קינד, וועמען ס'טוט ווי אין האלדז. ער הייסט מען זאל אים געבן א לעפל. די מאמע נעמט דאס קינד אויפן האנט און זעט עס זאל עפנען דעם מויל. לייזערקע דריקט אראפ מיטן שטיל פון לעפל דעם צונג און פסק'נט אפ: „די גריזשאלן זיינען ביי אים אנגע־שוואלן און ס'איז שטארק רויט אין האלדז. גיי, נעם ארויס א דיקן רוט פון בעזים און ברייננ מיר א מעסער" — דאס קינד צוווינט זיך פאר מורא. די מוטער בארוהיקט אים. לייזערקע נעמט ארונטער מיטן מעסער די רויטע קארע פון רוט, ציט ארויס פון טאש א פלעשעלע מיט יאד און א שטיקל וואטע, דרייט די וואטע ארום שפיץ פון רוט און טונקט איין אין פלעשעלע מיט יאדע. די מוטער האלט פעסט דאס קינד, וואס צוגיסט זיך אין גרויסע יעלות, בעת לייזערקע שמירט אים אויס אין האלדז. ער פארשרייבט צו „נעמען" אין אפטייק,

---

*) וועגן הירשעלע דעם רופא האט געשריבן מ. פערלשטיין. ז' „פנקס־סלאנים", דריטן באנד, ז' 86. רעד.

פראשקעס און אנדערע רפואות. אויף שאלות פון דער מוטער ענטפערט ער שטענדיק מיט רוגזה.

ס׳טרעפט אבער אויך, אז אנ׳ערוואקסענער קלאגט זיך אויף ווייטאקן אין האלדז, און לייזערקע איז אים בודק, בעת דער חולה האלט דעם מויל אָפן און דעם צונג אויסגעשטרעקט און דער רופא געפינט אז ס׳אז גארניט מיט גארניט, קען זיך לייזערקע ניט איינהאלטן און גיט א זאג א גראבן ווארט.

לייזערקע „דוצט" אלעמען, אן אונטערשייד פון עלטער, מענער, פרויען. מיט דער גאנצער שטאט איז ער אויף „דו" און האט ליב נוצן א גראבן ווארט. אין אלגעמיין איז ער אבער קארג אויף רייד און האלט זיך שטרייגג בעת זיינע באזוכן.

ווען עס מאכט זיך אנ׳ערנסטער חולה, נעמט לייזערקע ארויס פון בוזים־קעשענע זיין רפואות־ביכעלע, טוט אן די ברילן, בלעטערט דא־דארטן און טיפט זיך אריין אין אים... נאך א לאנגן ישוב־הדעת מיט זיך אליין, פארשרייבט ער „קאלמע" אויף אראפזעצן די היץ, באנקעס שטעלן און טרינקען טיי מיט מאלינעס...

לייזערקע" — אזוי הייסט ער אין שטאט. אבער חס־וחלילה, אז מען זאל אים אזוי אנרופן אין פנים אריין. ער האלט דעם נאמען פאר א פחיתות־הכבוד. רופט מען אים טאקע נישט אנדערש ווי „ר׳ לייזער".

קינדער, וועלכע ווילן זיך רייצן מיט אים, פארטשעפען אים אין גאס, אנרופנדיק אים: „לייזערקע"... ער בלייבט ניט „שולדיק" און גיט זיך איאג נאך זיי מיטן שטעקן...

אט אזוי האט לייזערקע במשך פון צענדליקער יארן געהיילט סלאנימער חולים...

ער איז געשטארבן אין הויכן עלטער, בעת דער ערשטער וועלט מלחמה. ער האט געהאט א זון מיטן נאמען „יענקל" — „יענקל דער רופא". ער האט זיך פארנומען מיט דער זעלבער „פראפעסיע" וואס זיין טאטע, אבער זיין געביט פון טעטיקייט איז געווען בלויז די אומגעגנט פון בריקער און פאנעסווער גאסן.

## דער ליאכטבענשטן און דער „בעל תוכחה"

ער איז געווען א דארער קליין מענשעלע מיט א ניט־דערוואקסענער שיטערער שווארץ־גרויער בערדל אויף זיין לאנג אויסגעצויגענעם פנים, וואס איז געווען הויט און ביינער. גאר ווייניק האבן געוווסט זיין נאמען, נאר ער איז געווען באקאנט אין שטאט מיטן נאמען „דער ליאכטבענטשן". אנדערע האבן אים גערופן לויט זיין ארבעט — „דער פוילישער שניידערל". זיינע ידיעות אין שניידעריי זיינען טאקע געווען גאנץ שוואכע, אבער דאך האט ער זיך פון דעם מפרנס געווען. ער איז געווען א „לאטוטניק", קיין ניי־מאשין האט ער ניט געהאט און אויך ניט געקענט נייען און ביי אויסשליסלאכער „האנט ארבעט" פלעגט ער פאר עטלאכע גראשן פאריכטן אנ׳אלטע פאר הויזן, צוריסענע קאפטענס און אנדערע בגדים פאר דער ארעמער באפעלקערונג פון בארג. קיינמאל האט ער זיך ניט געדונגען — גענומען וויפיל מען האט אים געגעבן.

פאר א שטיקל ברויט פאר זיך מיט דער ווייב און אמאל אויך א הערינג איז געווען גענוג.

געוווינט האט ער ערגעץ־ווו אויפן בארג אין א קליינעם, אלטן, האלב איינגעפאלענעם שטיבל; די ווענט פון שטיבל זיינען געווען איינגעבויגן אין איין ריכטונג, די „פאדרובעס" צופוילט; זומער האבן זיי פארשפרייט א געלן פולווער ארום און ווינטער — זיך באדעקט מיט א גרינעם „מאך", און גרויסע שטיקער זיינען געווען פארשמירט מיט רויטן ליים, כדי דער רעגן און ווינט זאלן ניט אריינדרינגען אינעווייניק.

ווי אזוי און פונוואנען ער איז געקומען קיין סלאנים איז אומבאוווסט, נאר מען האט דערציילט אז בעת דער יאפאנישער מלחמה, ווען צענדליקער טויזענטער רוסישע סאלדאטן, זיינען פון די פוילישע געגנטן געשיקט געווארן צום וויטן מזרח, כדי צו „פארווארפן די יאפאנער מיט די היטלען", ווי ס׳האט זיך דאן אויסגעדריקט דער רוסישער גענעראל קוראפאטקין, זיינען צווישן זיי געווען פיל יידן. מאכן אזא לאנגע שטרעקע מיט דער באן אין „טאווארנע וואגאנעס" פון פוילן איבער גאנץ רוסלאנד, דורך סיביר ביז סאחאלין אדער וולאדיוואסטאק אין דער שווערער ווינטער צייט האט גענומען וואכן לאנג. צוליב מיליטערישע און אנדערע טעמים זיינען די מאביליזירטע סאלדאטן ניט געשיקט געווארן דירעקט, נאר זיי פלעגן זיך אפשטעלן אין אָפרו־פונקטן און איינער פון אזעלכע פונקטן איז געווען אין סלאנים. ווען ס׳פלעקט אנקומען אנ׳„עשאלאן" מיט סאלדאטן, פלעגן זיי ווערן איינגעקווארטירט אין יידישע הייזער. (די סאלדאטן זיינען געווען ווארם געקליידעט, געטראגן בייע, לאנגע שינעלן און אויף די קעפ שווארצע „פאפאכעס", היטלען אויסגעארבעטע פון פוטער און נייע גוטע שטיוועל). די יידישע סאלדאטען, אהיבש ביסל פון זיי מיט געלע בערד, פלעגן זיין צופרידן איינשטיין אין יידישע הייזער, קענען אמאל דאווענען מיט א מנין, עסן כשר, און פיל פון זיי וואלטן געוויס מיט גרויס פארגעניגן זיך אפגעזאגט פון דער ווייטערדיקער „עקסקורסיע". איינער פון זיי, האט מען דערציילט אין סלאנים, איז געווען דער „דארער שניידערל", וועלכער, טראגענדיק די „פאפאכע", ווו עס איז איינגעזונקען געווען די גאנצע קאפּ און קוים זיך ארויסגעזען די אויגן, האט ניט אויסגעקוקט ווי א סאלדאט, נאר ווי א שד. ווען די שטאט איז אויסגעליידיקט געווארן פון די טויזנטער סאלדאטן און איינגעשלונגען געווארן אין די לאנגע „עשאלאנען" אויפן וועג צום וויטן מזרח, איז דער קליין דאר שניידערל אזויווי „פארגעסן" געווארן און איז געבליבן שטעקן אין שטאט... און אזוי האט, אין פארלויף פון דער צייט, זיך איינגעוואקסן זיין געשטאלט מיט דער אלטער שמוציקער קאפאטע און פוילישן היטעלע צווישן די סלאנימער יידן. ער פלעגט שטילערהייט, אזויווי אנ׳איבערגעשראקענער, דערמאנען די ווייבער „ליאכטצינדן", לויפנדיק שנעל פון גאס צו גאס איבערן שטאט. ער פירט ניט קיין קאמף מיט די וועלכע פארשפעטיקן, ער מאכט ניט קיינעם קיינע פארווורפן, ווי אויך ניט קיין אגיטאציע פאר זיין לאזונג, ער דערמאנט בלויז: „ליאכטבענטשן" אדער „ליאכטצינדן" ווען עס איז געווארן שפעטלאך. אחוץ פרייטיק פלעגט מען אים זייער זעלטן באגעגנען אין גאס, מען פלעגט אים באמערקן אין א גאר פרייערדיקער שעה, מיטן זון אויפגאנג, ווי ער לויפט אין

„מקוה" און פון דארט צוריק, בעת פון זיינע פאות קאפען שווערע טראפנס „ריינע מקוה וואסער" און ער פלעגט אריינ־לויפן אין שניידערשן בית־מדרש צום ערשטן מנין, ווו זיין פלאץ איז געווען אין א ווינקל הינטער דער בימה, פלעגט זיך איינוויקלען מיטן טלית איבערן קאפ און מיט גרויס כוונה דאווענען שטילערהייט.

מיר קינדער האבן געזען אין „ליאכטבענטשן" א „למד וואוניק" וואס די באבע פלעגט אונדז דערציילן וועגן זיי שיינע מעשיות און אדאנק וועמען די וועלט האט א קיום.

---

דאס „עולה לתורה" זיין, דאס אויפגערופן ווערן צו אנ„עליה", צו קריאת התורה האט פארנומען א וויכטיקן פלאץ אין בית־מדרש לעבן. שבת פארן לייענען, פלעגט מען „פארקויפן" די עליות. דער שמש פלעגט ארומגיין איבערן בית־מדרש פון איין עק צום צווייטן צווישן די בעלי־בתים און אויסרופן בקול רם דעם פרייז פון יעדער „עליה". יידן פלעגן קאנקורירן צווישן זיך און יעדע „עליה" פלעגט בלייבן ביי דעם וואס האט געגעבן דעם העכסטן פרייז און קיינער האט מער ניט מוסיף געווען.

נאר איינמאל אין יאר איז פאראן אנ'עליה וואס קיינער וויל זי ניט האבן. דאס איז די פרשה מיט דער „תוכחה" ווו עס ווערן געבראכט די אלע שרעקליכע קללות, על שונאי ישראל זאלן זיי נאר קומען, אויב דער „אתה בחרתנו" פאלק וועט ניט גיין בדרך הישר. אויף אט דער עליה זיינען ניט געווען קיין בעלנים און דער „בעל קריאה", נעבאך, לייענט דאס דורך גיך־גיך פאר זיך...

האט אונדזער פוילישער שניידערל געפונען אז דאס איז אנ'עוולה געגן א פרשה אין דער תורה, ממש א שווערע באליידיגונג צום ספר הספרים, ווו יעדער ווארט און אות איז געגעבן מפי הגבורה און איז קודש קדשים, האט ער גענומען אויף זיך די „תוכחה־עליה" אין פיל בתי מדרשים, ניט נאר זייענדיק, ווייזט אויס, זיכער, אז אים וועט דאס ניט שאטן, נאר צוליב דער גרויסער מצוה וואס איז אים באשערט גע־ווארן, „ומצוה הבאה לידך אל תחמיצנה". שבת פון דער „תוכחה" פלעגט דער „ליאכטבענטשן" לויפן, דעם טלית אויף זיך, פון איין בית־מדרש צום צווייטן, זיינען געווען בתי מדרשים וועלכע פלעגן אפילו ווארטן ביז זיין אנקומען, ער פלעגט זאגן די ברכות, אויסהערן די „קללות" און לויפן ווייטער. אזוי האט ער זיך נוהג געווען יעדן יאר פרשת „כי תבוא" ווען מען לייענט די „תוכחה".

א גרויסער שבת איז דאס געווען פארן „ליאכטבענטשן": ער האט „אפגעראטעוועט" דעם כבוד פון א פרשה אין דער הייליקער תורה, און אין איין שבת פלעגט ער אנזאמלען עליות, וואס אפילו דער רב קריגט דאס ניט במשך פון א גאנצן יאר. און אזוי ארום איז צו אונזער „ליאכטבענטשן" צוגעקומען נאך א נאמען „דער בעל תוכחה"

אזוי האט אונדזער ארעמער פוילישער שניידערל זוכה געווען צו מקיים זיין צוויי גרויסע מצוות אין סלאנים: דערמאנען די ווייבער „ליאכטצינדן" און אפראטעווען דעם כבוד פון דער „תוכחה"...

„אין לך אדם שאין לו שעה" האבן געזאגט אונזערע חכמים.

## ר' אשר סלאנימסקי
## סטאלער, חזן, פיוטים־פארשער און... מוהל

אויפן ארט ווו ס'איז געשטאנען פרילינסקעס אפטייק, וואס איז נאכהער געווען באקאנט אלס אפטייק פון „רויטן מגן דוד", אויפן ווינקל פון סקראבעווע און פון געסל, וואס האט אין דער פוילישער תקופה געהייסן „אפטעטשני זאולעק", איז אין אנהויב פון יארהונדערט געשטאנען א חורבה, אנ'אפ־געברענטע הילצערנע הויז, ווייזט אויס א רעשטל פון דער „גרויסער שרפה". אונטערן הויז איז געווען א קעלער מיט א פעסטן דאך פון ציגל, וואס איז ווייזט אויס געבליבן גאנץ נאך דער שרפה. דער קעלער האט געהאט עטלאכע פענסטער־לאך, נאנט צו דער ערד, וועלכע האבן געגעבן ליכט אינוויי־ניק; די פענסטערלאך זיינען געווען אין פראנט, צום געסל און זומער זיינען זיי געווען אפן. דאס איז, ווייזט אויס, געווען אמאל א קעלער־וואוינונג.

ווען מען פלעגט דורכגיין פארביי, פלעגט זיך פון קעלער דערטראגן א זיסער קול פון א טענאר. ווען די פענסטערלאך זיינען געווען אפן, איז דער קול געווען שטארקער און האט געצייגט די נייגעריקייט אקוק צו טאן אינווייניק; מען פלעגט דערזען א מאן, וועלכער שטייט און העבלעוועט מיט א גרויסן הובל א דיקע ברעט, וואס איז איינגעשרויפט אין א ווערקשטאט. און מיט יעדער באוועגונג פון הובל, ווי צום טאקט, מיטן לויף פון די סטרושקעס, הערט זיך אזוי זיס: „היום, היום תאמצנו", אדער „לבי במזרח ואנכי בסוף מערב" של ר' יהודה הלוי א.א.וו. דער מאן, א שלאנקער, הויך־געוווקסיקער, מיט א שמאלער ברוינער בערדל, איז געווען אנגעטאן אין א לאנגער ווייסער העמד, געמאכט פון גראבן לייוונט, ביז די קני, אויפן העמד א גארטל, וואס איז אויסגע־נייט אין גאלד־פארב, אזוי ווי די גויים פלעגן אפט טראגן קומענדיק אין שטאט, און אויפן קאפ א ווייסע יארמאלקע. דאס איז געווען דער באקאנטער אין שטאט ר' רפאל־אשר דער סטאלער. מען האט געקענט שטיין לאנג ביים קעלער, קוקן אויף זיין געשטאלט דורך די נידריקע פענסטערלאך און זיך צוהערן צו זיינע הארציקע תפילות, וואס האבן געאטעמט מיט ביינקשאפט נאך ציון.

איינמאל, ווען איך בין געגאנגען דאווענען ראש השנה צו מיין זיידן מוניע, ר' שמואל ברעסקין, אין הילצערנעם בית המדרש, האב איך צו מיין ערשטוינונג דערזען, אז דער חזן איז געווען ר' רפאל־אשר דער סטאלער. ער איז געווען אנגע־טאן אין א העל ווייסן קיטל און אויף אים דער טלית און געטראגן א הויכע ווייסע זיידענע יארמארקע. אבער דאן האט זיך פאר מיר אנטפלעקט אין אים נאך א גרויסע קענט־נעש, נעמליך: ער איז אויך געווען א קענער און א פארשער פון דער שפראך מיט וועלכער עס האבן זיך באנוצט די מחברים פון די פיוטים, די שרשים פון די אומבאקאנטע ווערטער פון די תפילות. אייניקע פון די מתפללים און צווישן זיי מיין זיידע האבן געפירט מיט אים שמועסן וועגן פירוש פון די פיוטים, און האבן זיך באצויגן צו אים ווי צו א זאכקענער.

פאר דער ערשטער וועלט מלחמה, האט ר' רפאל־אשר עמיגרירט אין אמעריקע. די פענסטערלאך פון קעלער זיינען

געווארן פארמאכט, זיין זיסע שטימע האט זיך מער ניט געהערט און די דורכגייענדע האבן מיט ביינקשאפט אקוק געגעבן אויף די פארמאכטע פענסטערלאך.

אין עטלאכע יאר נאך דער מלחמה איז ר׳ רפאל־אשר צוריקגעקומען פון אמריקע. זיין אויסזען און מלבושים האבן זיך געביטן: ער האט געטראגן א לאנגן שווארצן מאנטל, א ברייטן שווארצן קאפעליוש, שיינע גרויסעברילן. זיין שמאלע ברוינע בערדל איז געווארן לאנג און ברייט און די ברוינקייט האט שוין געשלאגן אין א געוויסע גרויקייט.

ער האט אבער צוריקקומענדיק פון דער גאלדענער מדינה, זיך ניט אומגעקערט צו זיין פריערדיקער באשעפטיקונג. האבנדיק אפגעשפארט מיטלען, איז ער געקומען לעבן רוהיק אין זיין געבורטס־שטאט, און אלס צוגאב צו זיין פרייוויליקער חזנות, האט ער זיך אויך פארנומען, שלא על מנת לקבל פרס, מיט ברייגנען יידישע קינדער בבשא״א.

## דער אמת׳ר „טראדע מארק״ *)

אין הורט־געשעפט פון באקאליי־ארטיקלען, וואס האט געהערט צום סוחר ר׳ דוד צ—ן און שותפים, זיינען געווען סחורות, שפייז־ארטיקלען מכל המינים, און צווישן זיי פעסער מיט הערינג. הערינג איז געווען גאר אנ׳אנגענומענער שפייז־אביעקט סיי פאר יידן און סיי פאר די גויים. און אין יעדן שפייז־קרעמל איז הערינג געווען אנ׳אומבאדינגט — נייטיקער ארטיקל. האבן טאקע די הורט־סוחרים געליפערט כסדר פעסער מיט הערינג מכל המינים פאר סלאנים און אומגעגנט.

אין א שיינעם פראסטיקן פרימארגן קומט אריין צו ר׳ דוד׳ן אין געשעפט א באקאנטע שפייז־קרעמערקע פון זא־מאשטשע הינדע י—י, וועלכע האט זיך אין די סוחרישע קרייזן גערעכנט פאר א גוטן קליענט; זי וויל קויפן א פאס הערינג.

ר׳ דוד האט איר אויפגענומען זייער ווארם; ער האט טאקע ניט לאנג צוריק באקומען א טראנספארט הערינג, שאין דוגמתו. „הערינג וואס טראגט דעם נאמען״: „טראדע מארק״. אדרבא, ער וויל טאקע הינדע זאל זיך ערקונדיקן, וואס פאר א הערינג דאס איז. ער וועט עפענען א פאס, און זאל זי טאקע זען וואס פאר א גאלדענע סחורה ס׳איז. און כדי צו איבער־צייגן די קויפערין, וויזט ער איר אן אויף דער אויפשריפט אויפן דעקל פון פאס אין גרויסע אותיות „טראדע מארק״.

וויזט אויס אז דער נאמען „טראדע מארק״ מאכט ניט אויף הינדען אנ׳איבערצייגענדן איינדרוק, און זי ענטפערט, אז זי קומט איצט פון אנ׳אנדער הערינג סוחר און זי האט דארט אויך געזען א פאס מיט דער אויפשריפט „טראדע מארק״

און נישט נאר דאס, נאר אויפן פאס איז אויך געווען א שטעמפל מיט א קאפ פון א לייב...

— געזונט זאלט איר זיין, הינדע לעבן, — ענטפערט איר אפ ר׳ דוד, שיעור ניט א באליידיקטער, — איר זייט דאך עפעס א סוחר׳טע מיט א קלוגן קאפ. דאס וואס איר האט געזען אין אנ׳אנדער ארט, איז דאס ניט מער ווי א „טראדע מארקל״, ביי מיר איז דער אמת׳ר „טראדע מארק״. אדרבא, זאגט אליין, דארטן האט איר געזען א שטעמפל מיט א לייב, איך פרעג אייך: וואס האט צו טאן א לייב מיט הערינג? — דאס איז דאך נאר א שפיצל צו מאכן א רושם אויף מענטשן וואס פארשטייען ניט... גיט אקוק דא, אויפן פאס, איז פאראן א גרויסער צייכן פון א הערינג, און דאס אליין זאגט שוין פאר זיך, אז דא איז די אמת׳ע גוטע הערינג, פון דעם אמת׳ן „טראדע מארק״...

ר׳ דוד עפנט די פאס; ס׳אנטפלעקט זיך זייער א שיינער אויסזען. די הערינג זיינען צוזויפגעפרעסט, טאקע ווי „הערינג אין א פאס״, ס׳זעט אויס ווי איין שטיק אויף וועלכן ס׳שווימט ארום א געלער אויל. הינדע, וועלכע איז א באוואוסטע קרעמערקע, פארלאזט זיך אבער ניט אויפן אויסזען. זי טוט־אויס די הענטשקעס און מיטביידע הענט גריבלט זי זיך אריין אין דער טיפענעש פון פאס, און שלעפט ארויס פון דארט א הערינג. זי גיט אים א ביס אין רוקן און פארטיפט זיך אויף א ווייל, אין ארויספילן דעם טעם. ווייזט אויס, אז עס געפעלט איר. זי פארטושט דעם שליאד פון ביס און זי שפארט צוריק אריין דעם הערינג אין טיפענעש פון פאס, פארגלעט זארגפעלטיק די אויבערפלאך פון דער צוזויפגע־פרעסטער הערינג־מאסע, און ר׳ דוד פארמאכט די פאס. דאס „געשעפט״ איז געמאכט, און ר׳ דוד צייכנט־אן אויף דער פאס דעם נאמען פון קונה.

הינדע האט זיך, ווייזט אויס ערקונדיגט, אז ס׳איז טאקע דער אמת׳ער „טראדע מארק״, און ניט עפעס סתם א „טראדע מארקל״.

## „ר׳ נח דער ליכטשער״

ווי באקאנט, האט די לאנגע גאס וואס האט זיך געצויגן פון מארק־פלאץ אין צענטער שטאט צו די אלטע און נייע קאזארמעס, געטראגן מקדמונים דעם נאמען „סקראבעוויע״, אויפן נאמען פון א פריצ׳שן הויפל וואס האט זיך געפונען אמאל אויפן ארט, ווו ס׳זיינען אין אנהויב פון הײנטיקן יאר־הונדערט אויפגעבויט געווארן די נייע קאזארמעס. אין די לעצטע עטלאכע צענדליקער יארן פון דער רוסישער הערשאפט האט די גאס געהייסן „מאסקאווסקע״, ווייל זי האט געפירט צום שאסיי וועלכער האט זיך געצויגן פון ביאליסטאק איבער בארנאוויטש, צו דער ריכטונג פון מינסק — מאסקווע. די פאליאקן האבן געענדערט דעם נאמען פון דער גאס אויף „3־טער מאי גאס״.

אין דער ערשטער העלפט פון גאס, אנטקעגן דעם הויז פון ר׳ יעקב גאלדפארב, אדער ווי ער האט געהייסן אין סלאנים „יאנקל דער וויינער״, האט זיך געצויגן די לאנגע און הויכע געמויערטע וואנט פון בערנארדינער פרוכט גארטן, וועלכער

*) ווי באקאנט, לייענט זיך דער בוכשטאב A אין ענגליש, ניט א, נאר איי, און די ענגלישע ווערטער: Trade Mark וואס באדייטן „האנדלס־צייכן״, לייענען זיך ניט „טראדע מארק״, נאר „טרייד מארק״.

איז געווען בארימט מיט זיינע פארשיידענע פרוכט, און ספעציעל מיט די בארימטע בארנעס „סאפיעזשאנקעס" (וואס האבן געצויגן זייער נאמען פון גראף סאפיעגא).

די 300 מעטער־לאנגע וואנט, וועלכע האט זיך געצויגן פון הינטן, פון צווייטן זייט גארטן, אזש ביז דער גרבליע פון שטשארע, האט געשראקן אונדזער קינדערשע פאנטאזיע. אויף אונדז, קינדער פון דער גאס, האט די וואנט אנגעווארפן א שרעק צוליב די סודות וואס באהאלטן זיך הינטער איר... אין די שפעטערדיקע יארן האט זי ביי אונדז ארויסגערופן אסאציאציעס מיט דער „כינעזישער וואנט", וועגן וועלכער מיר האבן זיך אנגעהערט פארשיידענע מעשיות.

הינטערן גארטן האבן זיך געפונען הויכע געביידעס פאר קאטוילישע גייסטלעכע, מיט א ברייטן ארייננפאר־טויער וואס האט געטראגן אן'אלטצייטיקע פוילישע אויפשריפט. אין איי־נער פון די געביידעס האט זיך געפונען די „קאזנאטשייסטווא" (די סלאנימער אפטיילונג פון רוסישן מלוכה־באנק), וועלכע האט זיך נאך דעם ערשטן צענדליק פון יארהונדערט אריבער־געצויגן אין א נייען שיינעם בנין קעגנאיבער דעם „נאראדני דאם". הארט נעבן דעם דערמאנטן טויער האט זיך געפונען דער בערנארדינער קלויסטער, וועלכער איז ביז דעם פוילישן אויפשטאנד פון יאר 1863 געווען א קאטוילישער קאשציאל און נאכן אונטערדריקן אים פארוואנדלט געווארן דורך דער צארישער מאכט אין א פראוואסלאווער צערקווע.

צווישן די צווי שכנות'דיקע הייזער פון יאנקל דעם ווייגער און פון נחמן־לייב דעם טעפער (ר' נחמן־לייב וואלאטין) האט זיך געצויגן א שמאלע, זאמדיקע געסעלע, וועלכע האט געפירט בארג־ארויף צו דער שטשענקע־געסל וואס איז געווען פאראלעל צו סקראבעווע. רעכטס אין דער זאמדיקער געסעלע האט זיך געפונען די עסיק־אונטערנעמונג און דער גארטן פון ר' יעקב גאלדפארב, און לינקס — די קאכל פאבריק פון ר' נחמן־לייב דעם טעפער.

אביסל וויטער אין געסל איז געשטאנען א קליין נידריק הייזל, א שטיבעלע כמעט איינגעזונקען אין באדן. די פענסטער פון הייזקע האבן דערגרייכט ביז דער ערד. פון דרויסן האט די קאפ פון א מיטלוואקסיקן מענטשן געקענט דערגיין ביז איבער די פענסטער, אזוי ארום אז ווען מען האט געוואלט ריידן מיט עמיצן אין הייזל דורך דער אפענער פענסטער, האט מען זיך געדארפט שטארק איינבייגן. אין הייזל זיינען געווען אייניקע צימערן, און אינווייניק פלעגט שטענדיק זיין ריין און אויפגערוימט. די ווענט זיינען געווען באהאנגען מיט פאמיליען־בילדער און פארטרעטן פון רבנים און גאונים.

אין הייזל האט געוווינט ר' נח לובאווסקי, באקאנט אין שטאט מיטן נאמען „ר' נח דער ליכטשער". ר' נח האט געצויגן פרנסה פון דער פאבריקאציע פון ליכט וואס ער האט אויסגעארבעט אויף א זייער פרימיטיוון אופן. זיין ליכט — אויסארבעטונג איז געווען פאר דער שטאטישער הצטרכות. קען מען זיך לייכט פארשטעלן, אז ר' נח האט זיך ניט גערעכנט צווישן די גבירים, נאר דאך האט ער אויסגעארבעט, הגם שווערלעך, פרנסה פאר זיין גרויסע משפחה, וועלכע איז באשטאנען פון זיין ווייב ביילע, פיר זין און דריי טעכטער.

אט זע איך אים ווי ער גייט אהיים מיט לאנגזאמע, געמאסטענע און שווערע טריט און טראגט, גייענדיק איינגע־בויגן, א שווערן פעקל אויף זיינע פלייצעס. געווען א הויכגע־וואקסיקער, שלאנק, מיט א הדרת־פנים־דיקן אויסזען, מיט א פיר־עקיקער שווארץ־גרויע בארד, אנגעטאן אין א לאנגער קאפאטע און א קליין פוילישע היטעלע, ווי די חסידים אין סלאנים האבן זיך נוהג געווען. ער איז געווען א „פארברענ־טער" סלאנימער חסיד, מיט גרויס חשיבות אין סלאנימער רבינ'ס הויף. די שווערע משא וואס ער טראגט איז א פעקל חלב וואס ער האט געקויפט אין די יאטקעס פאר זיין ליכט פראדוקציע.

ער שטעלט זיך אפ נעבן גאניק פון ר' יעקב גאלדפארבס וויין־געשעפט, וועלכער איז אויך א סלאנימער חסיד. ער לאזט אראפ דעם פאק, גלייכט זיך אויס און אטעמט טיף אפ און כאפט בינו לבינו א שמועס מעניני דיומא. נאכן אפרוהען זיך אביסל, נעמט ער ווידער ארויף דעם פאק אויף דער פלייצע און פארנעמט זיך אין דער שמאלער געסעלע. ער שלעפט זיך לאנגזאם, זוכט פון מאל צו מאל א שטיקל הארטע ערד ווו צו שטעלן זיינע טריט, ביז ער דערגרייכט צו זיין שטיבעלע. ער ווארפט אראפ דעם פאק אין פארהויז, גיט א טופע מיט די פיס כדי אפטרייסלען די זאמד פון די שטיבל, גייט אריין אין שטוב און זעצט זיך שווער אראפ אויפן טאפטשאן. ביילע, זיין פלונית'טע גרייט טאקע צו דעם ווארמעס.

פרייטיק צו־נאכט, ווען די גאנצע משפחה זעצט זיך אויס ארום דעם שבת'דיקן טיש, וואס איז באלויכטן מיט א שטארקע ליכטיקייט פון א הייננג־לאמפ און פיר שבת'דיקע הויכע מע־שענע לייכטער, רוט די שכינה אויפן פנים פון ר' נח דעם ליכטשער. די זמירות של שבת געזונגען פון דער גאנצער משפחה, צוטראגן זיך איבער דער גאנצער סביבה און הילכן אפ אין דער ארומיקער שטילקייט, אנגעזאפט מיטן שטארקן גערוך פון עסיק פאבריק.

קעגנאיבער דער הייזקע, ניט מער ווי דריי מעטער ווייט, האט זיך געפונען א ברונעם, צו וועלכן אלע ארומיקע שכנים פלעגן קומען שעפן וואסער. ווען עס פלעגט טרעפן אמאל, אז דער עמער האט זיך אראפגעגליטשט פון דער „קלוטשקע" (א מין איינריכטונג מיט וועלכער מען פלעגט אראפלאזן דעם עמער אין ברונעם) און דער עמער פלעגט אריינפאלן אין וואסער און אראפזינקען אין דער טיפענעש פון ברונעם, — פלעגט מען אנקומען נאך הילף צו ר' נח'ס בני בית, וועלכע האבן געהאט א „וואלף" (אן'אינסטרומענט וואס האט אויס־געזען ווי אן'אנקער) כדי אנצוכאפן דעם עמער און גאנץ אפט האבן זיי אליין מיטגעהאלפן אין דער ארבעט וואס האט צייטנווייס פארנומען א לאנגע שעה. ווינטער צייט פלעגט ארום ברונעם אנוואקסן א געדיכטער שיכט אייז, וואס פלעגט מאכן שווער און אויך געפערליך דעם צוטריט צום ברונעם, פלעגט מען ווידער אנקומען צו ר' נח'ן און זיין משפחה, כדי ארומשיטן דעם אייז מיט אש אדער זאמד.

ר' נח איז טאקע ניט געווען קיין עושר, אבער וואס ס'איז נוגע דעם חינוך־הבנים איז קיין אפהאלט ניט געווען. זיי האבן אלע געלערנט אין ישיבה, און איינער פון זיי איז געווארן א רב; זיי זיינען אלע געווען פייהיקע און האבן מצליח געווען אין מסחר.

ווען די פוילישע רעגירונג האט אנגעהויבן איר אנטיסעמי־טישע עקאנאמישע פאליטיק, וואס האט צוגענומען ביי די

יידן די עקזיסטענץ־מעגליכקייטן און די סלאנימער יידישע יוגנט, ווי די יידישע יוגנט אין גאנץ פוילן, איז געבליבן אויסזיכטסלאז און געזוכט וועגן צו עמיגרירן, זיינען אויך אייניקע קינדער פון ר' נח'ן געווען צווישן די עמיגראנטן. די ערשטע פון זיי צו עמיגרירן (אין דרום אמעריקע) איז געווען זיין טאכטער שרה (סאפיע) מיט איר מאן יעקב מישקין פון דערעטשין. נאכהער האט עמיגרירט דער זון קלמן.

כדאי צו באמערקן, אז ר' נח איז נישט געווען פון דעם צופרידן און איז אוועק צום סלאנימער רבי'ן זיך האלטן וועגן דעם אנ'עצה. דער רבי האט אים געראטן נישט צו שטערן זיי צו פארן מעבר לים און אים פארזיכערט, אז דער אויבער־שטער וועט זיי העלפן...

ווייזט אויס, אז דעם סלאנימער רבינס ברכה איז טאקע מקויים געווארן, און סיי די מישקינס און סיי קלמן האבן טאקע מצליח געווען. זיי האבן באוויזן אריבערנעמען אין דרום־אמעריקע אייניקע פון זייערע ברידער און שוועסטער.

ר' נח מיט זיין פרוי און די איבערגעבליבענע קינדער זיינען אומגעקומען מיט אלע סלאנימער יידן.

## די „הערבעליכע"

אזוי האט מען גערופען די בעל־הבית'טע פון א שפייז־קרעמל און אנדערע ארטיקלען, וואס האט זיך געפונען אין שלמה סוטשקעס מויער, אנהויב סקראבעווער גאס.

דער „הערבעליכעס" קרעמל האט באדינט אלע ארומיקע איינוווינער יידן און אויך די פויערים, וועלכע קומען אין שטאט, שטייען אויפן מארק־פלאץ און גייען איינקויפן פאר זייער שטוביקן געברויך.

דעם נאמען „הערבעליכע" האט זי אנגענומען אלס נאט־טירלעך, פונקט ווי דאס וואלט געווען איר געבורטס־נאמען. זי האט אים אבער באקומען ערשט נאך איר חתונה מיט חיים וועלוולען. אייגענטלעך, ניט זי האט געהאט דעם הארב און דערצו איז זי געווען א גאנץ שיינע, אמת ניט פון הויכן געוווקס מיט א שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן.

אט, אשטייגער לויפט אריין אין קרעמל א צען יאריקע מיידעלע, מיט פריש פארפלאכטענע צעפּעלאך און זאגט גיך־גיך: „הערבעליכע", „הערבעליכע", גיט מיר צוויי פינפערנע קוכנס און א פעקל פוטער, נאר גיך". — „וואס היילסטו זיך, חנה'לע, איך ענדיק נאר אפוועגן א פונט צוקער, וועל איך דיר געבן", ענטפערט די הערבעליכע. „מעשה שטן" — פארציט זיך דאס אפוועגן: די הערבעליכע שיט אן מיטן שופל אין זעקעלע מער ווי א פונט, נעמט זי אביסל אראפּ — ווערט צו ווייניק, און ווידער מער און ווידער ווייניקער. חנה'לע האט ניט קיין געדולד און זאגט ווידער: „הערבעליכע, איך וועל פארשפעטיקן אין שולע און אויך מיין ברודער אין חדר צוליב אייך". — „אויב אזוי" — זאגט די הערבעליכע מיט איר גוטמוטיקן פנים, — „טאקע דו ביזט גערעכט, נא דיר די צוויי קוכנס און א פעקל פוטער און גיי געזונט, איך וועל שוין פארשרייבן".

אזוי נאטירלעך זעט אויס דאס ווענדן זיך צו איר מיט אט דעם טשעקאוון צונאמען, אבער וואס איז שייך דעם הארב — איז זי גאט די נשמה שולדיק...

דעם הארב — און טאקע פון ביידע זייטן — פון פארנט און פון הינטן — האט געהאט איר מאן חיים וועלוול. ניט קוקנדיק אויף דעם, איז ער געווען אין איין הויך מיט זיין ווייב און זיי האבן אויסגעזען ווי א ברודער מיט א שוועסטער. אים האט מען אויך גערופן „דער הערבל", אבער ניט אין פּנים, פארט א מאנסביל, וועלכן מען וויל ניט און מ'קען ניט באליידיקן...

חיים וועלוול איז געווען דער „געשעפטס־פירער". ער פלעגט אונטערהאנדלען מיט סוחרים וועגן באשטעלן סחורה, פעסטשטעלן פרייזן, אבער אלץ מיט דער הסכמה פון דער ווייב, ווייל די קרעמערקע איז זי געווען און זי קען בעסער די קונים און זייער טעם. — אין א מארק־טאג האט מען אויך געמוזט נעמען צו הילף דעם זון אלטער און נאך שפעטער אויך די טאכטער טייבל. אין אזא טאג דארף מען האבן אסך אויגן...

אלטער איז גראדע געווען א הויך־וווקסיקער און א ברייט־פּלייציקער, ניט ווי טאטע—מאמע, אין נאטור אבער — ווי זיי; גוטמוטיק און שמייכלדיק. אלטער האט ניט געהאט קיין חשק גיין „דינען פאניען", און „קלייבענדיק" זיך שטיין צום פריזיוו, האט ער אויסגעקליבן דעם ניט אנזיכטסבארן יידישן מיטל, זיך געלאזט מאכן א שטיקל "אפעראציע" און געקראגן א „בלויען בילעט"... שבת, ביים עולה לתורה זיין האט ער „געבענטשט גומל" און אלע האבן אים און דעם טאטן אפּגעגעבן „מזל־טוב". אלטער האט געדונגען ביי שלמה סוטשקעס א שטיקל שטאל אין המשך פון טאטנס קרעמל און געעפנט א „ספּעציעלע אפּטיילונג": ער האט אריינגעשטעלט א מאשין, א גרויסע ראד מיט מעסערס וואס שניידט שטרוי — אלס „סעטשקע" צו קארמענען בהמות, וואס פויערים פלעגן קויפן, און אויך שטאטישע יידן וועלכע האבן געהאט בהמות.

אלטער פלעגט שטיין, דרייען די ראד און פון מאל צו מאל צושפּארן דעם קול שטרוי, וואס די מעסערס צושניידן אויף דינע שטיקלאך פון צוויי מילימעטער, וועלכע מ'פּאקט אין זעק.

דער עסק איז געגאנגען אויף דער הערבעליכעס נאמען, ווייל זי איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט אלע קונים. וואס האט מען ניט געקענט קריגן ביי דער הערבעליכע? דאס איז געווען א היינטיקער „סופּער מארקעט", להבדיל. פון שפּייז — וואס אמויל קען נאר אויסריידן: בולקעס, קוכן פון אלע גרויסן — „לאה ראכעס" פּראדוקציע; ברויט — יאנקל משה־מאטעס (לעמקין): געבייטעלטע, האלבע־זיידענע און ראזש־ווע; צוקער־קוסקעס (שטיקלאך) און מעל־צוקער (מאנט־שקע) קעז — ;סווארטכעס און געלע; קישקעס ווורשט; פארשיידענע מעלן, גרויפּנס פון אלע סארטן; קאשעס, לינדזן; זאלץ — פון די גאר דינע — טיש זאלץ, גרעבערע — אויף פלייש זאלצן, ביז די „שארע" — שטיקלאך, פאר גויים אויף איינזאלצן חזיר אויף א גאנץ יאר, בוימל; הערינג; געדרוי־כערטע הערינג, און קליינינקע גאלדענע פישעלאך, געני־זשטעטע אויף שטריקלאך; טיי, קאפע, ציקאריע און פיל־פיל אנדערע ארטיקלען און אויסער דעם אויך נאפט און שמארע־ווידלע אויף שמירן רעדער פאר די פויערשע פורן, פשוטע

לאמפן, גלעזער צו זיי, קנייטן, טרינק גלעזער, פאדים און נאדלען, אפילו אלע פארשיידענע קנעפלאך. מיט דער צייט האט חיים־וועלוול אריינגעפירט נאך צענדליקער ארטיקלען.

טייבל איז שוין א היבשע מיידל און האט זיך שוין „איינגעארבעט" אין „עסק"... נאר זי טוט בלויז גרינגע ארבעט, פארט א מיידל און שטייט שוין באלד אין שידוכים... די קרעמל פלעגט מען עפנען זעקס אין דערפרי און אמאל נאך פריער. פארמאכן —— שפעט אין אוונט, און כאטש די טיר איז פארמאכט, אבער ווער עס דארף — קומט אריין. דער פאלי־ציאנט האט „געוווסט" אז זיי זיינען פיינע מענטשן. פרייטיק פארמאכן זיי אבער זייער פרי, אזוי אז משה'לע דער חסיד, וועלכער לויפט ארום פארמאכן די קראמען, האט מיט זיי ניט געהאט קיין טרחה.

שבת פרי גייען חיים וולוול מיט דער ווייב אין שול אריין. ער טראגט א רונדז־ספארטאווע היטל מיט א קנעפל אין צענטער. (נאר ער אליין האט געוווסט, פארוואס עפעס אזא היטל)... און זי — א גרויסן שווארצן זיידענעם שאל, וואס פארדעקט דעם קאפ און היינגט אראפ פון ביידע זייטן. נאך „שלש סעודות" גייט דאס פאר־פאלק שפאצירן, טריט ביי טריט, צום ראד־קראמען, כאפנדיק אקוק אויף די קראמען און געשעפטן אויפן וועג און שמועסנדיק געמיטלעך.

ביי סוחרים האבן זיי געגאלטן אלס גוטע קונדן און ביי באלעבאסטעס זיינען זיי ביידע געווען באליבט פארן ערליכן באהאנדלען, ראיעלן וואג און גוטמוטיקייט. אויך ביי די פויערן נושא־חן געווען. זיי האבן געקויפט גערן ביי דער הערבעליכע.

די ארומיקע קרעמער האבן געקוקט מיט קנאה אוף זייער גרויסן פדיון און הצלחה.

## פעלדשערס (רופאים) און דאקטוירים
## אין די יארן 1900—1925

וועגען דעם סאניטאר־היגיענישן מצב און מעדיצינישן פערסאנאל אין 19־טן יארהונדערט האט דערציילט מענדל פערלשטיין אין זיינע זכרונות[1]), איך וויל דא ברענגען אייניקע פרטים וועגן דעם מצב און פערזאנען וועלכע זיינען געווען טעטיק אויפן זעלבן געביט אין אנהייב פון היינטיקן יארהונדערט און אין די ערשטע יארן פון דער פוילישער הערשאפט.

מיטן באזעצן זיך פון אויסגעשולטע, פראקטיצירנדע דאקטוירים אין שטאט האט זיך די קאריערע פון די פעלדשערס, פון די — אזוי גערופענע „רופאים" נאך ניט געענדיקט.

די ערשטע מעדיצינישע הילף האבן, ווי אין די פריהערדיקע תקופות, פארגעזעצט געבן די „רופאים". אז דער „רופא" פלעגט ניט העלפן, — פלעגט מען שוין רופן א דאקטער. (כאראקטעריסטיש, אז אין סלאנים איז די „רופאים"־פראפעסיע אריבער בירושה פון דור צו דור).

אזוי האט די דינאסטיע פון הירשעלע דעם רופא (ז' די זכרונות פון פערלשטיין), וועלכער האט „פראקטיצירט" אין שטאט א קיימא־לן פון א 3—4 צענדליק יאר אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט, זיך געצויגן גאנצע 3 דורות פון פאטער צום זון: פון אים צו זיין זון לייזערקע, און פון לייזערקען צו זיין זון יאנקל.

א צווייטע דורות ירושה פון „רופא פראפעסיע" אין געווען פון יאסל דעם רופא.

די טשעקאווסטע געשטאלט פון א „פאלקס־רופא" אין אנהייב פון היינטיקן יארהונדערט איז אן־ספק געווען לייזערקע דער רופא. ער פארדינט א באזונדערע שילדערונג, וועלכע איך גיב דא באזונדער, הן צוליב זיין פאפולאריטעט, און הן צוליב זיינע אייגנטימלעכע כאראקטער שטריכן.

באליבט און פאפולער איז אויך געווען יאסל יודילעוויטש, באקאנט אלס „יאסל דער רופא". וויניק האבן געוווסט זיין פאמיליע־נאמען. (אזוי ווי ס'איז אויך געווען דער פאל מיט לייזערקען). „יאסל דער רופא" — אזוי איז געווען זיין „פירמע", כאטש דער נאמען „רופא" איז אים ניט געווען לרצון, און ער פלעגט אונטערשטרייכן, אז ער איז א פעלדשער. יאסל איז געווען פיל יינגער פון לייזערקען. ער פלעגט גיין שנעל, געטראגן ברילן און א קאפעליוש... זיינער א באזוך האט געקאסט 15 קאפיקעס. יוסל'ס זון האט פארגעזעצט זיין פאטערס פראפעסיע.

עס איז אויך געווען א רופא, אב'ארטאפעד. דאס איז געווען אברהם יעזערניצקי, באקאנט אונטערן נאמען „אברהמ'ל דער געלער" (וועמען איך האב שוין דערמאנט אין מיינע זכרונות אין דריטן באנד, ז' 166). זיין הויפט־ארבעט איז געווען אין „הקדש", דארט האט ער אנגעפירט מיט דער משוגעים אפטיילונג. זיין צווייטע „ספעציאליטעט" איז געווען ארטאפעדיע. ער איז געווען א מומחה אין איינשטעלן ביינער, וועלכע זיינען ארויס פון זייער נארמאלן צושטאנד; אין מטפל זיין זיך מיט אב'אויסגעלונקענע אדער צובראכענע האנט אדער פוס און אין אריינגעבן זיי אין גיבס ביזן צונויפוואקסן. אין אזעלכע פאלן פלעגן אפילו די דאקטוירים אים שיקן פאציענטן.

ניט יידישע פעלדשערס, אויף וויפל איך געדיינק, זיינען אין אט דער תקופה אין סלאנים ניט געווען.

דאקעגן, די דאקטוירים־פראפעסיע איז געווען פארטראטן דורך יידן און גויים. זייער פאפולער איז געווען ד"ר צבי לעווין, אב'איידים פון סלאנימער אלט־איינגעזעסענעם בעל־הבית ר' שמואל טשערניאווסקי. ד"ר לעווין איז געווען א ציוניסט. אין די מלחמה יארן, אונטער דער דייטשישער אקופאציע, איז ער געווען פון די גרינדער פון „רויטן מגן דוד" דורך דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און האט פיל געלייסטעט פאר דער ארעמער יידישער באפעלקערונג. ער איז געשטארבן פון טיפוס אין 1919 ווען אין שטאט האט געבושעוועט די טיפוס עפידעמיע. זיין טויט האט ארויסגערופן א גרויסן טרויער ביי דער גאנצער באפעלקערונג צוליבן פארלוסט פון א פאלקס־דאקטער און געזעלשאפטלעכן עסקן. זיין פעלן איז געווען קענטיק א לאנגע צייט.

א צווייטער יידישער דאקטער איז געווען ראזענבליט,

1) ז': „זעכציק יאר אין סלאנים", צווייטער טייל, פנקס־סלאנים, באנד 3, זייטן 85—86.

א הויכגעוויקסיקער, א שטארק־טויבער. ער האט געשם׳ט אלס א גוטער דאקטער, אבער ניט געווען זייער צוטריטליך צו די ברייטע פאלקס־שיכטן. ער איז אויך געווען אסימילאטאריש געשטימט. פארן יאר 1914 איז אויך געווען טעטיק אין שטאט ד״ר קאווארסקי, וועלכער איז ארייננגעפארן אין סלאנים פון ווייסרוסלאנד

צווישן די ניט־יידישע דאקטוירים איז געווען זייער אנגענומען דער רוסישער ד״ר שיראצקי, וועלכער האט זיך באצויגן זייער ערנסט צו זיינע פאציענטן און האט געהאט א גרויסע יידישע פראקטיק. א צווייטער רוסישער דאקטער איז געווען שאכאוו. ער האט זיך אויסגעצייכנט אלס דאקטער און ליבעראלער מענטש. די צוויי רוסישע דאקטוירים האבן פארלאזן סלאנים בעת דער רוסישער עוואקואציע אין אויגוסט—ספטמבער 1915.

דער פוילישער ד״ר בעלסקי, הגם אנ׳אפענער שונא־ישראל, האט געהאט א היבשע יידישע פראקטיק. כדאי צו דערמאנען, אז ער האט געגרינדעט דעם קריסטלעכן קאאפעראטיוו אויף נעווסקי, אלס קאנקורענץ צום יידישן האנדל. אין די מלחמה־יארן איז ער געווען טעטיק אויך פיל געזעלשאפטלעך. נאכן באזעצן די שטאט דורך דער פוילישער מאכט, האט ער, טראץ זיין אנטיסעמיטיזם, געהאלפן פיל יידן[2]).

גלייך נאך דער מלחמה זיינען אנגעקומען נייע יידישע דאקטוירים, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין שטאט במשך פון די אלע יארן פון דער פוילישער הערשאפט.

איך וועל דא אויסרעכנען די מער באקאנטע צווישן זיי:

ד״ר יצחק אפרת איז געוויס געווען דער פאפולערסטער סלאנימער דאקטער במשך פון די יארן 1921—1939. ער איז געווען באליבט און געערט ביי דער גאנצער יידישער באפעלקערונג, וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבן בלב ונפש. ער איז געווען זייער אקטיוו אויפן נאציאנאל־ציוניסטישן געביט. האט פיל געלייסטעט פארן „קרן־היסוד" און „קרן קיימת לישראל", און באזונדער פאר די „תרבות שולן", פאר וועלכע ער האט זיך ממש געאפפערט מיט צייט, ענערגיע און גרויסע געלט־מיטלען. אין 1939 האט די סאוועטישע מאכט פארשיקט אין קאזאכסטאן אים, זיין פרוי און טאכטער צוליב זיין ציוניסטישער טעטיקייט. נאך דער מלחמה האט ער מיט זיין פאמיליע זיך צוריקגעקערט אין פוילן, און פון דארט אין ישראל, ווו ער האט באנייט זיין מעדיצינישע פראקטיק אין די ראמען פון „קופת־חולים" אין רמת־גן. אויך דא אין לאנד, איז ער געווען זייער באליבט ביי אלע זיינע פאציענטן. לעצטנס איז ער ארויס אין פענסיע.

פאפולער איז אויך געווען ד״ר משה עפשטיין, אנ׳אפשטאמיקער פון אזערניצע. אויך אים האט די סאוועטישע מאכט ארעסטירט; ער איז אומגעקומען אין די סאוועטישע תפיסות.

ד״ר חיה יעקימאווסקי, געבוירן אין סלאנים. זי איז געווען א טאכטער פון ר׳ אלטער דעם שטארן־מאכער (וועלכער איז געווען באקאנט אין שטאט אויך אונטערן נאמען „אלטער טשעפעלעווער"). זי איז געווען א פרויען־דאקטער, און געווען אנגענומען אין שטאט אלס א גוטע, איבערגעגעבענע דאקטארן. זי האט אויך פיל געטאן אין געזעלשאפטליכער ארבעט.

נאך דער מלחמה איז ארייננגעפארן אין סלאנים א צווייטער ד״ר קאווארסקי. א קינדער דאקטער. ער איז געווען צווישן די גרינדער פון „טאז" אפטיילונג אין שטאט. געווען אויך טעטיק אין דער „צישא" שולע. אומגעקומען אין די נאצישע שחיטות.

אלע יידישע דאקטוירים פון דער פוילישער תקופה זיינען געווען פארבונדן מיט דער ברייטער פראקטיק פון „רויטן מגן דוד", האבן געארבעט אין זיין אמבולאטאריע און באזוכט אין די הייזער פון די קראנקע.

[2]) ז׳: „זעכציק יאר אין סלאנים", דריטער טייל, קאפיטל דאקטאר בעלסקי, באנד 3, זייטן 164—165.

# חלק ב: פרקי הווי

# צווייטער טייל: לעבנס ארטן

## „חצי תמוז" — „ראש השנה" לדירות

שתי המלים האלה "חצי תמוז" היו שגורות בפיות כל תושבי סלונים, שרובם לא היו בעלי בתים פרטיים, אלא שוכרי דירות. העונה להשכרת דירה לשנה, היתה מחצי החודש תמוז של השנה השוטפת עד לחצי תמוז של השנה הבאה. כלל זה היה מקובל וידוע לכל. אם במקרה הדייר שכר דירה חודש או חדשיים לפני חצי תמוז, הוא ידע כי הוא שוכר את הדירה לתקופה שתגמר בחצי תמוז של השנה הבאה ואם שכר זמן־מה אחרי חצי תמוז, הרי שנת השכירות לא תהיה מלאה כי תגמר בחצי תמוז.

איש לא ידע מתי נתקנה תקנה זו, ולתכלית מה נקבע דוקא תאריך זה, אך המנהג נשתרש בצבור והפך, כאלו לחוק בל יעבור.

מלה עברית נוספת היתה מתהלכת בסלונים בלווי התאריך האמור, זוהי המלה "משך". פוגש אדם בחברו ותוך כדי שיחה הוא שואלו: "מתי המשך שלך"? — רצה לומר: מתי אתה עובר מדירתך שבה אתה יושב לדירה אחרת?

מתקבל על הדעת כי תקנה זו עתיקת-יומין היא ונעשתה לטובת הצבור. מחצית חודש תמוז זוהי העונה החמה ביותר בכל השנה ונוחה לטלטול, מה שאין-כן בסתיו ובחורף בהם יורדים גשמים ושלג וקור שורר בארץ. אף באביב שבו מזג האויר בלתי יציב, ואלו באמצע הקיץ, אף אם יורד גשם, הריהו חולף מהר, השמש שבה וזורחת ומחממת. מעלה יתרה לחצי-תמוז, שאז הימים הם ארוכים ביותר.

ביום זה ובימים סמוכים לו היו רחובות העיר מתמלאים עגלות הטעונות רהיטים ומטלטלים של מחליפי הדירות וגם של עגלות-יד מלאות כלי-בית שונים, כרים וכסתות וכדומה הנסחבות ע"י הולכי רגל-גברים ונדחפות ע"י נשים וילדים.

## ראש חודש בסלונים

ביום או ביומיים של ראש כל חודש שררה בעיר מעין אוירא דחול-המועד זוטא. אמנם, מלאכה לא בוטלה ועסק לא נשבת, אך במשפחה היהודית הורגש משום חג במיעוטו. בבית המדרש סדר התפילה היה חגיגי, היו אומרים "הלל", כמו בחג וכן קראו בתורה; בבית היתה מוגשת ארוחת צהרים משופרת קמעא מאשר בימי חול רגילים ובחדרים מסוימים היו מתקיימים הלמודים רק עד הצהרים וכו'.

אך נופף מיוחד נתוסף ליום זה: מצוות מתן צדקה לעניים. מתי זה נקבע ועל ידי מי זה נקבע, אין איש יודע, אבל עובדה זו היכתה שרשים והפכה למנהג שאין לו עוררין לא בצבור התורמים והמנדבים ועל אחת כמה וכמה לא בצבור העניים המקבלים.

מספר הקבצנים שסבבו בעיר מבית לבית היה כה רב, עד שהרבה בתים נשארו פתוחים במשך כל היום, לבל יצטרכו מפעם בפעם לפתוח את הדלת למבקשי הנדבות המתדפקים עליה.

היו דלפונים, בעלי-מומים, עוורים ופיסחים שנתארגנו לקבוצות, חזרו על הפתחים ותבעו בפה מלא נדבה לפי מספר אנשיהם בקבוצה, מעין "מס עניים". ואכן לפי מידה זו ניתנה הנדבה — מטבע לגולגולת.

משהו מזעזע היה במראה של חבורות נשים זקנות הסובבות בימי החורף הקשים, עטופות בלאות ולרגליהן נעלים מרופטות גדולות ממידתן, חסרות סוליות ושרוכים, מטפחות בלות עוטפות ראשן ופניהן ורק העינים נראות, הן הולכות, משרכות דרכן, אחת דחוקה לחברתה ונעות כגוש שחור אחד מבית לבית. יש שהלכו בשקט ויש שהקימו רעש, צעקו ובאו בטרוניות על קפוחים ועוותים בינן לבין עצמן, וכדומה.

ה"הקדש" (בית החולים היהודי) הוציא "מטבע" עובר לסוחר, המיוחד לצורך מתן נדבה לעניים ו"פ ר ו ט ה" שמו. הפרוטה היתה בערך גודל של סנטימטר אחד מרובע ושוויה רבע הקופיקה; (הרובל, יחידת המטבע הרוסי, הכיל 100 קופיקות). הפרוטה היתה עשויה קלף ועליה כתובה באותיות אדומות, מעשה ידי סופר סת"ם, המלה "פ ר ו ט ה" ושנת הוצאתה העברית ומעוטרת מסגרת יפה. ומכיון, שאף העני בישראל המתפרנס מן הצדקה חייב בצדקה", באה הפרוטה לעזרת נצרכים שגם הם זכו במצוות מתן צדקה. על דעת התורם קבל כל עני את נדבתו, אם פרוטה ואם שתים לגולגולת ולעתים אף יותר.

הפרוטה היתה כאמור עוברת לסוחר ושמשה למתן עודף או כהשלמה לקניה קטנה. יתכן, שהקדשת ימי ראש חודש למתן נדבות היתה כרוכה באיזו תקנה שקבעו קדמונים בסלונים, אולם תקנה זו לא מנעה גם חזרה על הפתחים במשך כל ימות החודש.

אמנם, היתה בעיר דלות רבה ורבים מעניי סלונים חזרו על הפתחים, אך חלק ניכר מהם היו קבצנים בהמוניהם שסבבו בתחום המושב מעיר לעיר וכוונו את בואם לסלונים בימי ראש חודש.

## התאורה ברחובות סלונים

בסוף המאה התשע-עשרה והתחלת המאה העשרים עדיין היו רחובות העיר מוארים אור קלוש בפנסי נפט; התאורה היתה רק ברחובות העיר המרכזיים.

מנורת הנפט הרגילה היתה נתונה בתוך פנס עשוי מסגרת ברזל מרובעת בעלת ארבע דפנות מזוגגות בזכוכית רגילה. בראש המסגרת היו השמשות ברוחב של כ-15 סנטימטרים והן נעשו צרות למטה עד לרוחב של כ-10 סנטימטרים. הפנס היה נתון על גבי כלונס בעובי של כ-12 סנטימטרים התקוע בתוך האדמה. קרוב לראש הכלונס היה נתון שפוד ברזל ועליו היה מדליק-הפנסים משעין את הסולם, שנשא אותו תלוי על שכמו מפנס אחד למשנהו לשם הדלקת המנורות בפנסים עם ערב ולשם מלוי נפט ונקוי זכוכיות המנורות והשמשות של הפנסים — בשעות היום. עמודי הפנסים היו צבועים בצבע ירוק-אפור. הפנסים שפכו אור קלוש למדי וכאשר נשבה רוח חזקה, היו על פי הרוב המנורות נכבות.

בשנת 1907 או 1908 פנה ה' חיים יצחק וואלקאוויסקי, שנקרא בעיר ה"פריזשעטניק", (הוא היה בעל המצאות ופיתח בית מלאכה לגלבניזציה, לצפוי כלי מתכת ידועים בכסף) לראשי ה"אופראווה" (כך נקראה אז הנהלת העיריה) להחליף את תאורת הנפט בעיר לתאורת גז. אחרי מו"מ ממושך הסכימה העיריה כי וולקוביסקי יקים פנס-גז אחד לנסיון במרכז העיר, בין רחוב הנבסקי, בקצה טור החנויות ובין בנין רוטקובסקי.

תוך זמן לא-רב נתקע בהדרכת וולקוביסקי עמוד גבוה כ-10 מטר בערך במרכז המגרש המסומן. הוא התקין על ידו ארגז ובתוכו מיכל גז, אשר ממנו הוליך צנור נחושת נבוב את הגז מן המיכל אל הפנס. מכשיר-גלגל הותקן בתחתית העמוד לשם הורדת הפנס והעלאתו.

ביום שנקבע להדגמת נסיון-ההדלקה, נתקהלו במקום ראשי העיר וקהל רב, מבוגרים ובני נוער, אנשים ונשים מכל קצות העיר באו לראות את "הפלא הגדול" של אור יום בחשכת הלילה. משמר שוטרים שמר על הסדר.

ה' וולקוביסקי הדליק את הפנס שהיה מורד למטה,

ובסיבובי הגלגל העלהו אט־אט לראש העמוד לקול תרועת הקהל הגדול, מחיאות הכפיים ותשואות לכבוד המאורע. כל השטח רחב־הידיים היה מוצף אור־יום.

הנסיון הצליח והעיריה הזמינה מה' וולקוביסקי מספר מסויים של פנסים לתאורת הרחובות המרכזיים של העיר.

מאז התחיל הגז לחדור לשמוש רחב בעיר. הראשון היה בית המדרש דחומה, שהכניס מנורות־גז במקום ה"בליץ לאמפן", שנשארו במקומם כעתודה לעת מצוא. מנורות הגז הותקנו לראשונה לקראת הימים הנוראים וחג הסוכות. מיכלי הגז היו נתונים בארון שעל הבמה והצינורות נמשכו משם לכל הכוונים אל המנורות. מכל בתי המדרש שעל השולהויף באו לראות את בית המדרש הגדול המואר באור יום. בערב ליל כפור אירעה תקלה והמנורות לא נדלקו וכל הנסויים לתקנן עלו בתוהו לרגלי השעה המאוחרת לפני היכנס החג. היה הכרח להסתייע במנורות הנפט של ה"בליץ לאמפן" לצערו הרב של קהל המתפללים הרב.

מאז התחיל לחדור לסלונים בהדרגה גם ה„פרימוס" — מכונת הבשול, שהנפט שבו הופך לגז דולק על ידי חימומו.

מהפכה בהארת הרחובות בסלונים חלה בעת הכיבוש הגרמני, במלחמת העולם הראשונה. בשנת 1916, כשנה לכבוש, הכניסו לשמוש בהארת הרחובות את החשמל. לפני המלחמה היה חשמל רק במפעלי־החרושת של משפחת בלאוס (שעברו לבעלות האחים אייזנשטט), וכן במנסרה של דובנבוים, בבית החרושת לשמרים של הגברת מנוחה לוזינסקי (בתו של התעשיין ורב־הפעלים בעיר במאה התשע־עשרה ר' יקותיאל קוניצה ואמו של בעל הבנק נחום לוזינסקי שנימנה על חשובי העיר ועסקניה).

הגרמנים האירו בחשמל לא רק את הרחובות, אלא איפשרו להכניס את תאורת החשמל גם לבתים פרטיים.

## „קום, לימיר אריינגיין צו באדאנען"...

די פאר ווערטער האט מען געקענט הערן אפט גייענדיק אין גאס אין סלאנים. די פרוי באדאנע איז געווען א שם־דבר אין שטאט.

ווער האט אין סלאנים ניט געהערט פון „באדאנעס שטוב", וועלכע האט זיך געפונען גייענדיק פון ווינקל רוזשנאיער גאס צום שולהויף, קעגנאיבער דער ליובאוויטשער שטיבל? דאס איז ניט געווען קיין „רעסטאראן" אין פולן זין פון ווארט, ווו עס שטייען געדעקטע טישלאך צום עסן און מיטן אריינגיין באגעגנט דיר א קעלנער מיט א טיכל אויפן ארם, מיט א פריינדלעכן גוט־מארגן און שמייכל אויף די ליפן, רוקט ארויס א שטול פון אונטערן טישל און לייגט דיר פאר זיך זעצן. א רעסטאראן אין יענע יארן האט געשמעקט „גוייש" לויט דעמאלסטדיקן באגריף אין סלאנים. די עטלעכע רעסטא־ראנען וואס זיינען געווען אין שטאט, זיינען מערסטענס געווען גוייש, ווו געוויסע יוגנטלעכע זיינען דעמאנסטראטיוו בעגאנגען עסן טרפות און מיט דעם געוואלט ארויסווייזן זייער „פראגרעסיוויקייט". „אריינגיין צו באדאנען" האט באדייט וואס אנדערש, „יידישלאך", דער פלאץ האט געדינט „עמך", די פאלקס־מאסן, פאר א טרעפונגס־פונקט און גוט צוביסן.

באדאנע איז געווען א שוועסטער פון באוווסטן אין סלאנים אינהאבער פון א גרויסן בוכהאנדלונג־געשעפט אין ווינקל רוזשנאיער און סקראבעווער גאסן און פארלעגער יוסף רעזניקאווסקי ז"ל. ער האט ארויסגעגעבן דעם העברעאיש—יידיש—רוסישן טאשן ווערטער־בוך פון אליעזר בן יהודה, „תולדות עם ישראל", דעם „מקרא מפורש" אויף תנ"ך און אנדערע ספרים.

באדאנעס שטוב האט געהערט צו ר' חיים, איטשע־יענקעלס (עדעלמאן), וועלכער האט געוווינט אין א הויז אויפן הויף, אין וועמענס פראנט איז געווען זיין מוטערס קרעמל פון מילכיקס.

...עטלעכע טרעפלאך האבן געפירט צו דער טיר פון באדאנעס שטוב, וועלכע האט זיך געעפנט מיט א קלונג פון א גלעקל, וועלכער האט אנגעזאגט דאס אריינגיין פון עמיצן אין „היכל האכילה"...

פאר די אויגן האט זיך אנטפלעקט א הויכער לאנגער בופעט, ווו אונטער גלעזערנע צודעקן זיינען געשטאנען גרויסע פאלומיסקעס פולע מיט געבראטענע גענדז, פופיקלאך, געהאקטע לעבער מיט ציבעלע, גריבענעס, קארפן קעפ, געמארנירטע הערינג, אוגערקעס און זויערע קרויט, טרוקענע קיכל צוצובייסן צו א שנאפס און אסך אנדערע מאכלים, וועלכע האבן פארשפרייט ריחות אין גרויסן עסזאל און גערייצט דעם אפעטיט...

באדאנע געהאט אירע שטענדיקע געסט און אויך צופעליקע, אלע פון „עמך" קלאס: אט זיצט אויבנאן ביים לאנגן טיש, אויף זיין שטענדיקן פלאץ, ר' אלטער קלמן'ס, ער איז פון מיטלן הויך, גלאט אפגעראזירט מיט אנ'ערנסטן אויסדרוק פון פנים, ברייט געבויטן קערפער און א שטארק בולטן בויך; ער איז דער פארזיצער פון דער גרויסער קאמ־פאניע פון די באן־בעלי־עגלות; ער פירט דעם עסק „ביד חזקה". פון צייט צו צייט צעשרייט ער זיך בקול רם אויף די וועלכע קומען צו אים וועגן א סיכסוך, צו דערליידיקן, אדער מיט געוויסע טענות צו חברים א. א. וו. פון מאל צו מאל כאפט זיך אריין צו אים ר' דאדזשע, א חבר אין דער פארוואל־טונג, ער איז שוין פון לאנג אין דער בעלי־עגלות משפחה, אריבער 60 יאר אלט און איז אויך דער גבאי פון דער בעלי־עגלה'שער שול. ער איז א באזאכטער און די גאנצע „משפחה" באציט זיך צו אים מיט רעספעקט. ער שטעלט אוועק דעם בייטש אין א ווינקל און זעצט זיך צו נעבן פרעזעס ר' אלטער קלמן'ס און זאגט אים איינקע ווערטער, ביידע נעמען צו גלעזלאך בראנפן און פארבייסן מיט באדאנעס געשמאקע קיכל, נאכהער נעמט ער די בייטש, און צוריק צו זיין „פאטאק" (א ספעציעלער לאנגער וואגן), ער איילט זיך פארן צום באן.

מאיר „זשובער" געהערט אויך צו דער פארוואלטונג פון באן־בעלי־עגלה פאריין. ער זיצט מיט נאך צוויי בעלי־עגלות נעבן פרעזעס און דעבאטירט ענ'ענין פון פאך. מען מאכט א גוטן שנאפס, מען פארבייסט מיט געמארנירטע הערינג און קיכל, כדי דער שמועס זאל ניט זיין מאנאטאן.

פון די שטענדיקע אריינגייערס צו באדאנען — איז חייקל, אלטער קלמנס עלטסטער זון, א יונגער מאן מיט א רויטע צורה, א בר־אבהן, דעם טאטנס א זון וואס ווייס פון זיין

מעמד אין דער בעלי־עגלה משפחה. ער באמיט זיך ריידן „פיין" אין טאטנס אנוועזנהייט, טרינקט אויס א גלעזל בראנפן שטייענדיקערהייט, פארביסט מיט קיכל און „היידא", צוריק צו דער עבודה, צום פאטאק — ווייל „היום קצר והמלאכה מרובה" — עם ווארטן עטליכע וואגאנעס צום אויסלאדן, סחורות פאר די סלאנימער הורטאווניקעס.

ר' אלטער קלמן'ס איז געווען א טאטע פון א 4—5 בנים און עטלאכע טעכטער. די זין זיינען אלע געווען ביים פאך (בעלי־עגלות). איינער פון די יינגערע — נאטקע, האט נאך ניט געהאט דערגרייכט צו זיין אייגענעם „מעמד", ער מאכט נאך „סטאזש", ער איז דערווייל א „שמייסער", געפארן מיטן טאטנס פערד און וואגן, אבער ער זאגט־צו ארייננגיין גאר אינגיכן אין „קאלעיע" און ווערן א באלעבאס פארזיך, מיט אנ'אייגענעם פערד און וואגן. נאטקע ווייזט זיך ניט צו אפט ביי באדאנען, ער האט נאך אביסל מורא פארן טאטן.

פארנאכט, נאך א שווערן ארבעטס־טאג פון אויסלאדן און צופירן די סחורות צו די סלאנימער הורט סוחרים, פלעגן די בעלי־עגלות און טרעגערס, וועלכע לאדעווען אן די וואגנס און נעמען אראפ די סחורות אין די שפייכלערס, זיך ארייננכאפן צו באדאנען כדי אפצונעצן די ליפן מיט א פלעשל „וואדקא" און פארבייסן מיט די „פאטראוועס" וואס די אשת חייל באדאנע האט געהאט פאר זיי צוגעגרייט.

אלטער פלעשטשוק איז געשטאנען בראש פון די ארגאניזירטע טרעגער. נאך אין די יונגע יארן איז ער געווען א „היינטיקער", א חבר פון „בונד", און האט זיך צווישן זיינע חברים געהאלטן מיט ווירדע און חשיבות.

מיט איין ווארט, ביי א גלעזל משקה ווערן ערליידיקט אלע סכסוכים וועלכע ברעכן אויס פון צייט צו צייט צווישן אייגענע און נאנטע „גדולה לגימה שמקרבת את הלבבות", איז געווען א כלל גדול ביי די יידישע מאסן, אבער קיין שכורים זיינען ניט געווען.

צווישן די זייער אפטע ארייגגייערס צו באדאנען, איז אויך געווען ר' יודל „יאץ" — מישקין פון חברה־קדישא. ער קומט אריין אין זיין לאנגן בגד, וועלכער איז אמאל געווען א פוטער ביי א סלאנימער בעל־הבית, מיט אנ'אויסגעקראכענעם קראגן, פון וועלכן עס זעט זיך בלויז רויטלאכע לעדער גלאנציק פון שוויס. דער פארנט פון מלבוש איז באדעקט מיט גרויסע און קליינע פילפארביקע פלעקן פון באדאנעס מאכלים. יודל יאץ איז אהויכער און א דיקער מאן מיט א שטריינגן בליק. זיין בארד קופער־רויטלאך איז דורכגעוועבט מיט זילבערנע פעדים. יעצט נעמט ער בלויז א„כוסה" מיט צובייסאכטס; ער האט היינט א חשוב'ן נפטר פון וועמענס שטוב ער קומט נאר וואס. ער האט דארט, מיט גדלות אנ'עפן געטאן די טיר, דורכגעגאנגען אלע צימערן ביז ווו דער נפטר איז געלעגן אויף דער ערד ארומגערינגלט מיט ברענענדע ליכט, אקוק געטאן פון אויבן אראפ אויפן נפטר, אמורמל געטאן עטלאכע ווערטער צו דער פאר'אבל'טער משפחה און אוועק. פארשטענדלעך, האבנדיק אזא „העכט" מעג מען זיך ארייננכאפן צו באדאנען און דערווייל נעמען א „כוסה" און „מירצעשעם" נאך דער לוויה וועט מען מאכן א סעודה כדת וכדין...

ליצנים האבן אמאל געמאכט אויף זיין חשבון א וויץ: „יודל יאץ האט היינט צובראכן א פוס". אייניקע האבן באדויערט; מערערע, וועמען ער איז ניט געווען סימפאטיש, האבן געזען א נקמה אן אים. עס האט זיך אויסגעלאזן, אז ער האט צובראכן א פוס פון א גאנדז. פאר יודל יאצן האט מען מורא געהאט. פרויען און קינדער דערזעענדיק אים פון דערווייטנס פלעגן זיך צולויפן אין פארשיידענע ריכטונגען, ווייל יודל יאץ איז געווען דער סימבאל פון טויט.

זיין געהילף איז געווען „קעצעלע", דער שמש פון חברה קדישא; אויך ער האט געשראקן קליין און גרויס: א קליינוואקסיקער, מיט אנ'אויסגעקראכענער בערדל אין א לאנגער לייווענטענער שמוציקער קאפאטע. ער פלעגט פירן די „עגלה", האלטנדיק דעם פערד פארן צוים. מען פלעגט זאגן די סיבה: מחמת דער פערד זעט דעם מלאך־המות פאר די אויגן. ווען מען זאל אים ניט האלטן פארן צוים, וואלט ער זיך צעטראגן און איבערגעקערט די „עגלה" מיטן מת... אויך „קעצעלע" פלעגט צוגיין צו באדאנעס שטוב, אבער בלויז ביזן טיר, ווארטנדיק עמיצער זאל אים דערלאנגען א גלעזל משקה.

כמעט א שטענדיקער בן־בית ביי באדאנען איז געווען דער זון פון ר' יודל יאץ — שלמה'קע מישקין. שלמה'קע האט זיך ניט פארנומען מיט „מתים", נאר דוקא מיט לעבעדיקע. דאס איז נאך געווען פאר דער „גזירה" פון פערזענלאכע פאטאס אין די פאספארטן אדער אנדערע דאקומענטן (ביז דעם ארייינגיין פון די דייטשען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה); ער איז געווען, ווי מען האט דאס דאן גערופן — א „פאדסטאוושטשיק", — דאס הייסט, איינער וואס פארטרעט א צוזייטן ביים „פריזיוו". שלמה'קע איז געווען א מאגערער, מיט א לייכטן הערבל, גלאט געראזירט און די אויגן האבן זיך ביי אים שנעל באוועגט אין אלע ריכטונגען. דער פעלער וואס ער האט פארמאגט, האט געדינט אלס „סגולה" באפרייט צו ווערן פון מיליטער־דינסט און קריגן א „ווייסן בילעט". ער פלעגט פארטרעטן א זונדל פון א חשובן באלעבאס אין אנ'אנדער שטאט וואס דארף זיך שטעלן צום פריזיוו. ער ווערט פאר דעם גוט באצאלט און ווען מען רופט אויס זיך שטעלן יענעמס נאמען, שטעלט זיך שלמה'לה און די דאקטוירים, פארשטייט זיך, געפינען אים „ניע גאדין" און באקומט פאר יענעמס דעם פאסנדן בילעט. נאך אזא עסק מוז מען האבן א גוטע וועטשערע ביי באדאנען. ער האט דאס פיין פארדינט — א קלייניקייט אז א פיין בחור'ל איז פריי געווארן „לתורה, לחופה ולמעשים טובים"! עס זיינען אויך געווען א גאנץ־יאר ענינים פון איבערשמוגלען עמיגראנטן איבערן גרענעץ, וואס זיינען פארבונדן מיט א גלעזל בראנפן און קיכל, און זיינען געמאכט געווארן אין א זייטיקן צימער, לויט זיין פארלאנג.

אויסער די און ענלאכע שטענדיקע געסט, פלעגן ארייינגיין צו באדאנען די רוזשנאיער בעלי־עגלות, וואס פלעגן קומען אפט קיין סלאנים אנלאדן אויף זייערע ספיציעלע וועגענער די גרויסע וואל־באלן פאר די קאלדרעס־פאבריקן אין רוזשנאי, און די דילעזשאנסן פון נאווארעדאק, זשעטל, מייטשעט, קאסאווע און נאך אנדערע שטעטלאך. נאך א גאנצע נאכט פארן קיין סלאנים און ווידער א נאכט צוריק, האבן זיי געפונען ביי באדאנען דעם פאסיקן פלאץ צו אונטערלייגן דאס

הארץ מיט א שנאפס און צובייסן מיט א געבראטענער „פאלקע" פון א גאנדז און געפרעגלטע גריבענעס.

אזוי ארום איז באדאנעס שטוב געווען א צענטער פאר „עמך" פון סלאנים און ברייטער אומגעגנט.

## „קונעראל"

דאס האט פאסירט אין דער פורים־תקופה אומגעפער אין 1908—1910. און פורים שמעקט דאך שוין מיט פסח...

אין אלע הייזער ווערן שוין געמאכט הכנות צו פסח. מען באשטעלט שוין אין די פאדראטן א באשטימטן טאג און שעה צו באקן מצה און „זריזים מקדימים". מצה באקן איז ניט קיין געוויינלעכע ווייבערשע ארבעט ווי למשל חלה באקן; אין פאדראט גייען אויף פיינע בעלי בתים — מען דארף דאך אכטונג געבן, אז אלץ זאל געמאכט ווערן בתכלית הכשרות און כדת וכדין, און אין אזעלכע זאכן קען מען זיך ניט פארלא־זן אויף ווייבער אליין; מען מאביליזירט אויך די קינדער. די חדר יינגלאך זיינען מבטל א טאג פון למוד תורה, ווייל דאס איז דאך אַן ענין גדול. נאכן ענדיקן באקן, ווערן די מצות אריבערגעטראגן אין גרויסע קוישן אהיים. מען דארף זיין פארזיכטיק ביים איבערלייגן די מצות אין גרויסן צוגע־גרייטן קאסטן, וועלכער איז אויסגעבעט מיט א קלאר ווייסן ליילאך און דערנאך ביים ארופשטעלן דעם שווערן קאסטן אין דערהויך אויף דער קליידער־שאפע. בקיצור, דאס איז א גרוי־סער עסק און פאר קינדער — פרעגט שוין גארניט... דער קאסטן ווערט נאכאמאל צוגעדעקט מיט א הילצערנער דעק, און אמאל אויך פארקלאפט מיט טשוועקעס, כדי די „חברה לצים", די גרעסערע חדר יינגלאך, זאלן ניט קענען צוקומען, ארויפקלעטערנדיק אויף דער שאפע אין די עטלאכע וואכן ביז פסח און צוביסלאך פטר'ן א געוויסן טייל פון די רייצנדע טרעשטשעדיקע מצה צווישן די ציינדלאך...

דערנאך קומט די פרשה פון „שטעלן בוריקעס" אויף פסח. די פעסל וואס דינט פאר דעם צוועק און ווערט געהי'ט פון יאר צו יאר, ווערט ווידער געוואשן, אנגעקלאפט די רייפן און אנגעפילט מיט רויטע צושניטענע בוריקעס. די פאס ווערט דערנאך אנגעפילט מיט וואסער. מען דעקט איר גוט צו מיט א ריינער טוך און איבער איר מיט א ברעט, אז א ברעקל חמץ זאל חלילה אהין ניט מגולגל ווערן. פון צייט צו צייט ווערט די פעסל באזוכט צו זען וואס הערט זיך דארטן, צו זיינען פאראן סימנים אז ס'איז שוין פארטיק און צו איז שוין דא שוים ארונטערצונעמען — מיט איין ווארט — פריצייטיקע הכנות פאר פסח. אין פיל הייזער ווערט אויך געמאכט אייגענע ווין פון ראזשינקעס, ווייל פאר „ארבע־כוסות" און מעד, אויף א גאנץ יום־טוב. עלטערע באלעבאסטעס זאגן אז גע־שטעלטע בוריקעס איז ממש ווין, אבער מען טאר ניט מאכן אויף דעם „בורא פרי הגפן".

אביסל שפעטער הויבט מען אן צו שטייסן די מצה אין א „סטופע", כדי אנצוגרייטן מצה־מעל פאר קניידלאך און פארפעלאך צו זופ. אין דער מלאכה נעמען אנטייל אויך די גרעסערע יינגלאך אין שטוב און ניט איינער מאכט זיך אן „פוזירעס" אויף די הענט און קען ניט מער שטייסן. דאס איז אלץ בנוגע אכילה, און אווו איז קאלכן, אדער אויסקלעפן מיט „אבאיעס", בייטען די שטרוי אין די בעטן און ריין מאכן יעדן ווינקעלע, וועלכע זיינען פארנאכלעסיקט געווארן דורך דעם לאנגן, קאלטן און שווערן ווינטער? —

א באזונדער משמעות איז געווען אין צוגרייטן גענדזענע שמאלץ פאר פסח. דער עיקר איז געווען דאס נוצן אויף פסח, אבער מען האט דאס אויך געניצט א גאנצן ווינטער, ווייל גוטע באלעבאסטעס האבן שוין געפרעגלט גענדזענע שמאלץ נאך חנוכה. מיט גרויס „יראת הכבוד" האט מען געפרעגלט גענדז אין שטרענג פסח־דיקע כלים, ווייל דער עיקר איז דאך פסח. אן שמאלץ קען מען קיין קניידלאך ניט מאכן; די „גריבענעס" האט מען געגעסן א גאנץ חנוכה מיט קארטאפל לאטקעס און די שמאלץ איז אריינגעגאסן געווארן אין גרויסע גלעזערנע סלאיעס. איבער נאכט האט די שמאלץ באקומען א ווייס־געלבלאכן פארב און אן'אויסזען ווי מאנע־גרייפלאך און פארשפרייט אן'אנגענעמען ריח. „עמך" האט זיך ניט פארנומען מיט פרעגלען אליין, נאר האט געקויפט פארטיקע גענדזענע שמאלץ. דאס איז טאקע ניט געווען למהדרין למראה ולריח, אבער מען האט יוצא געווען און מען האט געגעסן גאנץ גוטע קניידלאך.

און אט אין די „סומאטאכיקע" טעג, קום איך לעצם־המעשה וואס איז פארלאפן אין סלאנים און צוליב וועלכן די שטאט איז געגאנגען אויף רעדלאך.

ומעשה שהיה כך היה:

ר' עוזר שפירא'ס שפייז־געשעפט אין ארעמען ראד־קראמען איז געווען א שם־דבר אין שטאט; געפירט האבן אים ר' עוזר אליין און אויך זיינע טיכטיקע טעכטער, וועלכע פלעגן פארן אפט קיין ווארשע איינקויפן סחורה. און אט טאקע אין יענעם יאר הארט פאר פורים, האבן די טעכטער אראפגע־בראכט פון ווארשע א נייעם שפייז־ארטיקל, וואס הייסט „קונעראל", — און וואס קען און דארף פארבייטן גענדזענע שמאלץ. דער ארטיקל איז געווען פארפאקט אין שיינע קעסט־לאך, מיט א פיל פארביקן עטיקעט און אן'אויפשריפט: „כשר לפסח". דער „קונעראל" האט אויסגעזען ממש ווי גענדזענע שמאלץ, אפילו מיט די קליינע גרייפעלאך, און אויך זיין ריח איז ווי פון גענדזן שמאלץ; דערצו האט דער ארטיקל א גרויסע מעלה: ער איז פארעווע: מען קען אים נוצן צו פליישיקס און צו מילכיקס. „יודעי חן" האבן דערציילט מיט בייז וווּנדער וועגן די נייע ענטוויקלונגען פון דער וויסנשאפט און אז פון היינט אן איז א „כפרה" גענדז וועלכע גיבן אזויפיל טרחה נאך פון חנוכה צייט. מיט איין ווארט, — מען וועט זיך באפרייען פון אזא „עבודת פרך", ווי פרעגלען גענדזענע שמאלץ און מען וועט נוצן „קונעראל", וואס זיין מראה איז „כעין הבדולח" און גרייפלדיק ווי אמת'ע גענדזן־שמאלץ און וועמנס טעם און ריח, זיינען ממש, ווי פון די בעסטע גענדז..; דערצו וועט מען אויך קענען עסן מילכיקע קניידלאך... די ידיעה האט זיך פארשפרייט איבערן שטאט און באלעבאסטעס האבן זיך אלאז געטאן איינקויפן „קונעראל" אויף פסח, ווער איינצעלנע פעקלאך — כדי צו פרובירן און ווער — טאקע מערערע פעקלאך.

ניט אלע זיינען אבער געווען ענטציקט פארן נייעם ארטיקל. ס'האט זיך ארויס־געוויזן, אז דער „קונעראל" איז

געווארן א שטארקע קאנקורענץ פאר סוחרים פון פעטס. אויך האבן זיך געבייזערט די, וועלכע האבן שוין אנגעגרייט, ווי אלע יאר, גענדזענע שמאלץ אויף פסח. בקיצור, מען האט אנגעהויבן מורמלען אין שטאט... וועגן די כשרות פון „קונעראל".

וואס טוט מען ביי יידן אין אזא פאל? — לויפט מען צום רב, צו די דיינים מיט א געשריי און א גוואלד, אז מען האט ביי זיי צוגענומען זייער פרנסה ערב יום טוב מיט אנ'ארטיקל, וועמענס כשרות איז אין א גרויסן ספק, ווייל „שמאלץ קען ניט זיין פארעווע און דערצו כשר לפסח. דער אפגעדרוקטער הכשר איז קיין הכשר ניט, ס'איז א מעשה רמאות און יידן וועלן זיך אנעסן מיט טרפות"...

בינו לבינו האט דער בית־דין געפונען, אז עס איז פאראן א יסוד אין די טענות פון כשרות און באשלאסן אז מען דארף שטארק מברר זיין דעם ענין, און כדי צו פארהיטן יידן פון עסן ספק טרפות, דארף מען דערווייל אויסרופן אנ'איסור אויף נוצן „קונעראל".

שבת אין דערפרי צום דאווענען איז דער שליח פון בית־דין געגאנגען פון בית־מדרש צו בית־מדרש, א קלאפ געטאן אויפן טיש פון דער בימה און אויסגערופן:

„בשם בית־דין צדק דפה איז מען מכריז ומודיע אז „קונעראל" איז בספק טרפה און איז גע'אסערט צום נוצן ביז מען וועט מברר זיין און קלאר מאכן דעם ענין. און אויב מען האט שוין גענוצט, זיינען אויך די כלים בחזקת ספק טרפה און טארן ניט ביזן ברור באנוצט ווערן".

אין פיל הייזער איז דער שבת נעבאך געווען א פארשטערטער. די טשאלנטן וואס מען האט ארויס גענומען פון אייוון אדער אפגעבראכט פון בעקער זיינען געווען אסור צום עסן און מען האט זיי אפגעגעבן צו שבת־גויים, וואס פלעגן אראפנעמען די שבת־לייכטער און הייצן שבת די אייוועלאך... ס'איז געווארן א „ויצעקו" אין שטאט, ווייל מען איז געבליבן אן טשאלנט און ניט געהאט וואס צו עסן. והעיר סלאנים נבוכה...

ר' עוזר שפירא אליין, דער סוחר פון דעם „קונעראל", האט זיך גלייך נאכן דאווענען ארויסגערוקט במחילה פון בית־המדרש און געמאכט „ויברח", כדי ניט שטיין קעגן די אנגרייפן פון עולם, סך־הכל איז זיין טשאלנט אויך טריף געווארן. אויף מארגן, זונטיק פרי, איז ר' עוזר'ס קראם פול געווארן מיט באלעבאסטעס, וועלכע האבן אפגעבראכט צוריק די „קונעראל", אנדערע אויך מיט א טאפ טשאלנט און אלע מיט שווערע טענות פארן פארשטערטן שבת. ניט קענענדיק ביישטיין דעם אנפאל פון די קונים און זייערע טענות, האט ר' עוזר, נעבאך, אין היילנעש פארשלאסן די קראם און געמאכט א צווייטן מאל „ויברח" (נאכן ערשטן מאל שבת פון בית־המדרש).

און איצט דער סוף פון דער מעשה: ס'האט זיך ארויס־געוויזן אז „לא דובים ולא יער". א בלבול, א מיאוסער בלבול... דער בית־הדין האט אנגענומען שריט צו מברר זיין די כשרות פון „קונעראל" און האט זיך ערקונדיקט אז די טענה וועגן די כשרות איז ניט קיין ריכטיקע. די חששות פון בית־הדין זיינען געווען איבערטריבן; ס'איז פאראן פעטס אויך פון געוויקסן, וואס זעט אויס ווי גענדזן־שמאלץ, און דער הכשר וואס איז געדרוקט אויף די עטיקעטן איז א ריכטיקער. דער איסור איז אראפגענומען געווארן, אבער דער פארשטערטער שבת איז געבליבן אויף לאנג אין זכרון פון דער משפחה שפירא.

די געמיטער האבן זיך בארוהיקט. ר' עוזר האט צוריק געעפנט זיין קראם און איז געווארן געטרייסט פון זיין גרויסן פארשאפטן צער אומזיסט, דורך דעם ווייטערדיקן פארקויף פון „קונעראל", וואס איז שוין נאכהער געגאנגען אונגע־שטערט.

און עס איז געווארן שלום על סלאנים ועל.. ה„קונעראל"...

## „גראנצן"

ווי באקאנט, איז בעת דער דייטשער אקופאציע אין די יארן 1915—1918 געווען א סטאגנאציע אין דער רעגולירער האנדלס־באוועגונג. די שטאט איז געווען אפגעשניטן פון די גרויסע ליפערונגס־צענטרען; ס'איז געווען א פול־שטענדיקער מאנגל אין סחורות. די דייטשן האבן ארויסגעפירט און איבער־געשיקט אין דייטשלאנד וואס נאר זיי האבן געקענט. אין אט די אומשטענדן פון ארבעטסלאזיקייט, מאנגל פון פרנסה און אפילו הונגער, האבן, ווי באקאנט, געבליט ספעקולאציע און שמוגל. פריהער איז נאך אנגעגאנגען א האנדל מיט די שיריים פון סחורות וואס זיינען געבליבן, און נאכהער האט מען אנגעהויבן שמוגלען און שפעקולירן מיט סחורות וואס זיינען אריינגעבראכט געווארן דורך וועגן און ניט־וועגן. איינער פון די גאנגבארע ארטיקלען איז דאן געווען סאכארין, וועלכער איז טראנספארטירט געווארן פון סלאנים ווייטער איבער דער אלטער פראנט ליניע אין מינסק. אזוי ארום האט זיך געשאפן א אונלעגאלער האנדל, און בלית־ברירה האבן זיך צו דעם גענומען פיל מענטשן, אויך פון די סוחרישע רעגולערע קרייזן. פארשטייט זיך, אז עלטערע אנשטענדיקע סוחרים פון די פאר־מלחמה־יארן האבן געמוזט אין אזא אומריינע טעטיקייט אפטרעטן דעם פלאץ פאר זייערע יונגע געוואגטע קינדער, איבערהויפט זין.

וואס טוט אבער אזא אנשטענדיקער סוחר ווי ב. ק. וועל־כער האט ניט קיין זין, נאר צוויי ערוואקסענע טעכטער, און וועלכער קוקט־צו, ווי דער יונגער דור איז טעטיק, פארט אין ביאליסטאק, (אין ווארשע און לאדז האט מען ניט געקענט פארן), אין מינסק, (נאכדעם ווי די דייטשן האבן פארנומען מינסק אין 1917) און אנדערע ערטער, קויפט און פארקויפט, שמוגלט און שפעקולירט און מאכט א לעבן? — זיצן מיט פארלייגטע הענט און אויפעסן דאס ביסל מזומנים וואס עס איז געבליבן נאכן ליקווידירן דעם סטאק־סחורה אין די ערשטע יארן פון דער אקופאציע — איז דאך ניט קיין עסק. דער אלטער, איינגעזעסענער סוחר ב. ק. האט געקרעכצט, אונבעהאלפן פון „שב ואל תעשה" און געשוויגן. דאן... איז די איניציאטיווע אריבער צו זיין עלטערער טאכטער, אנ'אינטע־ליגענטע כלה־מיידל פון א יאר עטליכע און צוואנציק.

זי איז ארויס אין גאס מיט א פעסטן באשלוס נעמען דעם שיקזאל אין האנט און אנהייבן עפעס טאן, האנדלען, קויפן און פארקויפן מיט רווח, אזוי ווי עס טוען גאנץ פיינע,

לייטישע יונגע מענער, אפילו פון איר געזעלשאפט. סאכארין, פארב, טעקסטיל־אויסארבעטונגען, וואס פאר אנ׳ארטיקל עס זאל ניט זיין, אבי זיין אין די געשעפטן. געוויס פעלט איר ערפארונג, זי ווייס ניט ווי אנצוהייבן, ווו זיך צו ווענדן, מיט וועמען זיך בּאראטן; ווו קויפט מען, וואס קויפט מען? וואס פאר א פרייז צו צאלן? — זי ווייס אבער אייניקע נעמען פון ערפארענע יונגע סוחרים און אפילו גוטע באקאנטע פון דער זעלבער גאס, אפילו פון דער זעלבער בראנזשע פון איר פאטער, אפילו פון שכנים פון איר פאטערס הויז.

זי איז צוגעשטאנען צו זיי, און זיי — די יונגע שמוגלער־סוחרים, האבן אנגענומען די אויסטערלישע דאן ערשיינונג פון א מיידל פון דער געזעלשאפט וואס איז גרייט אריינגיין אין שותפות אין זייערע געשעפטן — ווי א שפאס. דער גורל האט אזוי געוואלט, און דער „שפאס״ האט זיך געקייקלט ווי א שניי־קייקל... איינער פון דער חברה־לצים האט געלאזט פאלן דאסווארט „גראנצן״. אומזיסט וועט איר זוכן די עטימאלאגיע פון ווארט? „גראנצן״ — וואס געהערט שוין צום סלאנימער פאלקלאר. „גראנצן״ איז א זעלטענער ארטיקל, שעין לא ראתה. די „סוחרטע״ איז אריינגעגאנגען אין שותפות, אויסגעלייגט איר חלק במזומנים און...

די שפאס־טרייבער האבן, אין אנזיכט פון ענטוזיאזם פון דער סוחרטע, זיך גיך אויסגעניכטערט פון זייער לצנות און, ווילענדיק מאכן אנ׳ענדע צום שפיל, — האבן זיי אין א קורצע צייט ארום איר „אויסגעשריבן״ פון שותפות און אומגעקערט איר געלט.

ליידער איז שוין געווען צו שפעט. דער שפאס האט זיך פארענדיקט ניט דווקא ווי די חברה לצים האבן געוואלט. נעמליך, דאס נאאיווע און גלייביקע מיידל האט אירע שותפים גערופן צו א דין־תורה מיט א טענה, אז היות די סחורה, דאס הייסט, די „גראנצן״ אין געשטיגן אין פרייז, האבן די שותפים איר ארויסגעשטייסן פון געשעפט, בכן, פארלאנגט זי גערעכטיקייט.

מיט וואס האט זיך דאס געענדיקט? — לאמיר בעסער עס פארשווייגן. גענוג צו זאגן, אז פון קלעמענעש און עגמת־נפש האט די פאמיליע מיט די צוויי טעכטער עוקר געווען נאכהער פון סלאנים אין לאדז — און איין גאט ווייס, ווי לאנג דאס מיידל איז געשטאנען אין שידוכים...

כדי צו ענדיקן בכי־טוב, ווען מיר צוגעבן, אז די צוויי טעכטער פון פאר־מלחמה׳דיקן חשוב׳ן סוחר האבן נאכהער חתונה געהאט מיט פיינע אנשטענדיקע מענער, וואס האבן געהאנדלט מיט אנדערע סחורה ווי גראנצן.

דער איינציקער צד וואס האט געוונען אין טראגיקאמישן שפיל, איז דער סלאנימער לאקאלער שפראך־אוצר, צו וועלכן עס איז צוגעקומען א סינאנים פון מנחם־מענדלשע, לופט־געשעפטן: „גראנצן״.

## די יידישע בעל הביתישע קיך אין די לעצטע דורות אין סלאנים בפרט און אין ליטע און מערב ווייס רוסלאנד בכלל

דער גרויסער באק־אויוון האט פארנומען דעם חשוב׳סטן ארט אין דער יידישער קיך. דער אויוון האט געדינט צו באקן ברויט אויף א גאנצע וואך און חלה אויף שבת און צו שטעלן טשאלנט. כאטש ער האט געהייסן באק־אויוון, האט ער אבער געדינט אויך צום קאכן, אין דער צייט ווען די האלץ האט געברענט און אויך דערנאך ווען מען האט פארמאכט זיין עפנונג. דער אויוון איז געווען געהייצט מיט האלץ פון סאסנע בוימער און אויך פון בעריאזע מיט די ווייסע קארע (בערעזינע). די האלץ פלעגט מען אונטער־צינדן מיט דינע שפענדעלאך (קינעלאך) פון סאסנע, אנגעזאפטע מיט סמאלע, וועלכע פלעגן זיך לייכט אנצינדן און ברענען לאנג און אזוי ארום אנצינדן די האלץ אין אויוון. (די פויערים פלעגן נאך אין אנהייב־יארהונדערט נוצן די קינעלאך צו באלייכטן די הייזער, אבער אט די ארט בעלייכטונג האט באדינט טיילווייז אויך די שטאט אין די פריהערדיקע יארהונדערטער, און אפילו אין אנהייב פון 19־טן יארהונדערט, ספעציעל ביי די ארעמע שיכטן, פאר וועמען גאזע צום באלייכטן איז געווען א צו־טייערער ארטיקל).

נאכן אויסברענען פון די האלץ פלעגט מען אויסקערן פון אויוון די גליהענדע קוילן און אש מיט א „פאמעלע״ (אזא מין בעזים וואס די פויערים פלעגן פארקויפן, געמאכט פון גרינע סאסנע צווייגן פעסט צונויפגעבונדן מיט ריטלאך און פארזען מיט א לאנגן שטעקן, כדי צו קענען דערלאנגען ביז דער טיף פון אויוון. מיטן פאמעלע איינגעטונקט אין וואסער פלעגט מען אויך „אפלעשן״ די אנגעגליטע ציגל פון אויוון (וואס האט זיך גערופן „פאדסאצקע״), כדי ער זאל ניט צוברענען די חלה אדער ברויט. עס זיינען געווען „ווילקעס״ פון פארשיידענע גרויסן מיט לאנגע שטעקנס, מיט וועלכע מען פלעגט אריינשטעלן טעפ אין אויוון און ארויסנעמען זיי. נאכן „אריינזעצן״ די ברויט אדער חלות אין אויוון, פלעגט מען פארמאכן די עפנונג פון אויוון מיט א „זאסלענקע״, א מין צוגעפאסטע דיקע ברעט (אין שפעטערדיקע צייטן איז זי געווען אויך פון אייזן), וועלכע האט איינגעהיט די היץ אין אויוון. נאכן אריינשטעלן דעם טשאלנט (מען האט דאס אויך גערופן „פארוקן טשאלנט״), איז די „זאסלענקע״ פארשמירט געווארן ארום מיט ליים, כדי דער אויוון זאל זיין פארמאכט הערמעטיש. א „לאפעטע״ האט געדינט אויף „אריינזעצן״ חלה און ברויט אין אויוון.

אין פראנט פון אויוון איז געווען א באדייטענדער שטח וואס האט געהייסן „פריפעטשאק״ און האט געדינט אויף אוועקצושטעלן טעפ, באזונדערס צום קאכן אויסערן אינער־לעכן אויוון. (אין די יארן פאר דער ערשטער וועלט מלחמה איז אין מאנכע הייזער אויפן פלאץ פון פריפעטשאק געמאכט געווארן א „פליטע״ מיט „פאיערקעס״ פון פארשיידענע מאסן פון טעפ, ווו די האלץ האט געברענט אונטער דער „פאיערקע״, אינווייניק). די טעפ פלעגן אוועקגעשטעלט ווערן אויף א „דרייפוס״, געמאכט פון אייזן, אונטער וועלכן עס האט געברענט די האלץ. עס איז געווען אויך א „פירפוס״ (גרעסער פון א דרייפוס) אויף קאכן א קעסל מיט וועש א. א. וו. אויפן דרייפוס פלעגט מען אויך אויפקאכן אדער פארזידן וואסער צו טיי אין א „ליאַק״, וואס איז א

קופערנע כלי מיט א שמאלע העלדזל — (עפנונג) פון אויבן. די ליאקן זיינען אויך געווען פון פארשיידענע גרויסן. אויף אנגיסן וואסער אין א ליאק אדער אין א טאפ, האט געדינט א „קענדל", פון בלעך אדער אפילו פון קופער מיט צוויי הענטלאך און האט ענטהאלטן א מינימאלע גרויס פאר נטילת ידיים. וואסער איז גענומען געווארן פון א „קיילע" (כלי), וואס דער וואסער־טרעגער פלעגט אנפילן (ביז וואנען עס איז איינגעפירט געווארן די מאדערנע וואסער־לייטונג). דער וואסער־טרעגער פלעגט ברענגען יעדן מאל צוויי עמערס געטראגן אויף א „קאראמיסלא", וואס איז געהאנגען אויף זיין אקסל. ער פלעגט נעמען די וואסער פון א נאנטן ברונעם. און אנשעפן מיט דער הילף פון א „קליוטשקע" וואס איז געווען ביים עק פון א לאנגן ניט צו דינעם האלץ, כדי אראפלאזן דעם עמער אין טיפענעש פון ברונעם. אויפן פריפעטשאק פלעגט מען אויך מאכן א פיינקוכן אויף א„ פאנווע" (סקאוואראדע), די פאנוועס זיינען געווען פון פארשיידענע גרייסן. אויף די פאנוועס פלעגט מען אויך באקן „לאטקעס" פון קארטאפל און אנדערע מינים, באזונדערס פרייטיק ביים ברענען פון אויוון. פון די זעלבע אנגעריבענע קארטאפל פלעגט מען אויך מאכן א „טייגאכטס", וואס מען פלעגט צוגרייטן אין א ספעציעלער בלעך אדער אין א ליימענע „ליאכענע". (אזא מין כלי ספעציעל פאר דעם און ענלאכע צוועקן). צום ארויסשארן די הייסע קיילן פון אויוון האט געדינט אויך די „קאטשערע", געמאכט פון אייזן, וואס האט זיך אונטערשיידעט פון דער פאמעלע מיט דעם, וואס זי האט ניט געהאט דעם אייגנארטיקן בעזים. פאר די קלענערע ווארם־אויוועלאך אין שטוב זיינען געווען קלענערע קאטשערעס.

פארשיידענע כלים אין קיך האבן געדינט פאר ספעציעלע אויפגאבן. דאס מאכן לאקשן האט געדארפט דורכגיין פריהער א „לאקשן־ברעט", נאכהער א „וואלגער־האלץ", כדי אויסוואלגערן (מאכן דינער די טייג). די לאקשן פראדוקציע פלעגט זיך פארענדיקן מיט אויסבראקן, צושניידן אין דינע פאסן די אויסגעוואלגערטע טייג און אויסטריקענען זיי, — און ס'איז געווארן לאקשן... צו מאכן די טייג פאר אלע צוועקן ווי חלה, לאקשן און אלע אנדערע טייג אויסארבעטונגען האט געדינט דער „מולטער". אויך דער מולטער איז געווען פון פארשיידענע גרויסן, אפהיינגיק פון קוואנטום פון מעל. די מעל פלעגט פריהער „פאר־ראשטשינעט" ווערן מיט הייוון און נאכן „אויפגיין" (ברויזן), פלעגט דער טייג ווערן פארקנאטן און צוגעגרייט צום באקן. צו באקן ברויט פלעגט די ראשטשינע ווערן צוגעגרייט אין א „דייזשע" און דערנאך פארקנאטן. דאס קנעטן מעל פאר ברויט, איז געווען איינע פון די שווערסטע הויז־ארבעטן.

די טעפ זיינען געווען ליימענע, אטייל „גלאזורטע", וואס מען פלעגט ברענגען פון פרוזשענע מיטן וואסער. שפעטער זיינען שוין געבראכט געווארן טשוגונענע טעפ פון רוסלאנד, וועלכע האבן אויסגעזען שווארץ פון דרויסן און ווייס פון אינעווייניק. אין פאלקס־שפראך האט ער געהייסן „טשוהון" און א קליינער טאפ פון דעם טיפ — „טשוהונטשיק".

**א לאנגע רייהע פון פאנען האבן „דעקארירט" די קיך.** זיי זיינען געווען קופערנע און אויסגעווייסט אינעווייניק מיט צינק. די פאנען זיינען געווען פון פארשיידענע גרויסן און פארברויכן. געווען א פאן פאר פיש קאכן, א פאן פאר פרעגלען געגנדזענע שמאלץ און פאנען צו מאכן פארשיידענע „ווארעניעס". זיי זיינען געווען אויסגעשטעלט אין קיך אויף פאליצעס; צווישן די קופערנע כלים איז געווען א „סאגאנטשיק", וואס האט געדינט צו קאכן זופן.

א רייהע פון בלעכן־פארמען פון פארשיידענע גרויסן האט געדינט צו באקן טארטן, זעמעלאך, בולקעס אדער אפילו חלות. צו די קיך מכשירים דארף מען אויך צורעכענען די קאך־לעפלען געמאכט פון קופער (שפעטער „פראזשעט"), האק־מעסערס, א קאשיק צו זאלצן פלייש. די טעפ און די כלים זיינע געווען פליישיקע און מילכיקע, יעדער מין באזונדער. פסח'דיקע כלים פלעגן ווערן געהיט במשך פון א גאנצן יאר אין א גרויסן קאסטן אויפן בוידעם.

צווישן די קופערנע בלישטשעדיקע כלים האט פארנומען א בכבוד'דיקן ארט די פון מאסיוון מעש געמאַכטע „שטייסל" און דער אין איר אריינגעשטעלטער „מערזל". דער שורש פון ווארט „שטייסל" איז געוויס געווען „שטייסן", ווייל אין איר פלעגט מען שטייסן צימערינג און מאנדלען צו טארטן און אויך נאך אנדערע ארטיקלען, ווי: קאווע, פעפער, אינגבער, מאן און אנדערע געווירצן. צו דער זעלבער משפחה „שטייסער" געהערט אויך די „סטופע" מיטן „סטוקאן" אין וועלכער מען פלעגט שטייסן מצה צו מאכן מצה־מעל פאר קניידלאך און פארפעלאך צו זופ. די סטופע האט געדינט נאר אויף פסח און א גאנצן יאר האט מען איר געהיט אין ריינקייט צוגלייך מיט אלע פסח־דיקע כלים.

אין קיך זיינען געווען נאך פיל הילצערנע הילפס־כלים פאר ספעציעלע באדערפענישן, ווי דער „טויקאטש" אויף צו מאכן „פיורע" פון אפגעקאכטע קארטאפל, פארשיידענע הילצערנע לעפל און פיל אנדערע כלים. כדאי אויך צו דערמאנען די ריב־אייזנס פון פארשיידענע פארמען און גרויסן צו מאכן קארטאפל־לאטקעס, אנרייבן רעטאך און מערן פאר צימעס, ווי אויך הילצערנע שיסלען אויף איינהאקן לעבער און ציבעלע א. א. וו.

דער מעשענער אדער ניקלענער סאמאוואר מיטן קוימען אין שפיץ — האט געקוקט מיט גאווה פון זיין הייכן טישל, זייענדיק ארומגערינגלט מיט גלעזער, קובקעס אין זייערע טעצלאך.

די ממשלה פון די טעפ איז געווען גאר א באזונדערע, אנ'עולם בפני עצמו. אין די מער פארמעגלאכע הייזער זיינען געווען אויך טעפ קופערנע, און האבן געהערט צום שבט „קופערנע כלים", געווייסטע אינערלעך און בלישטשענדע אויסערלעך ווי די פאנען, אבער אין אלגעמיין, אין די הייזער פון דער ברייטער באפעלקערונג זיינען, ווי געזאגט, מערסטנטייל טעפ געווען ליימענע. אויב א ליימענער טאפ האט זיך צושפאלטן און אנגעהייבן רינען, האט מען אים אוועקגעטראגן פאריכטן צו דער טעפ־דראטערקע, וועלכע האט אים ווידער צורעכט געמאכט, דורך איינבינדן אים מיט דראט; דורך דעם האט דער טאפ באקומען אויך א שיינעם אויסזען און האט זיך געהאלטן לאנג. עס האט זיך

אויך געמאכט, אז דער דראט האט זיך אין פארלויף פון דער צייט איבערגעבערגעט און מען האט אים איינגעדראטעוועט א צווייטן און דריטן מאל...

לעפל, גאפל און מעסערס, זיינען געווען מערסטענס פון מעש באדעקט מיט זילבער, אונטערן אלגעמיינעם נאמען „פראזשע־עט". דער נאמען פראזשעט איז אנגענומען געווארן אויף אלע גאלוואניזירטע ארטיקלען, וואס זיינען געמאכט געווארן דורך פארשיידענע פאבריקאנטן.

אין סלאנים אין געווען א „פראזשעטניק", וועלכער האט אויסגעארבעט לעפל, גאפל און פיל אנדערע ארטיקלען דורך גאלוואניזאציע. דאס איז געווען היים־יצחק וואלקאוויסקי (א זון פון ר' לאזשע בעלאוס, דער באקאנטער אין זיין צייט אין שטאט למדן און „בורר").

ביי מער פארמעגלאכע, זיינען אויך געווען זילבערנע לעפל, גאפל, מעסערס און אנדערע כלים, וואס זיינען באנוצט געווארן באזונדערס שבת, יום־טוב און ביי א שמחה.

טעלער זיינען אממערסטן געווען פון ווייסן פארצעליי. די ארעמע בעפעלקערונג האט אויך גענוצט ליימענע גלאזורטע טעלער.

עס זיינען נאך געווען פיל אנדערע קלענערע כלים, ווי האק־מעסערס, א לייקע, א פראפן־ציהער און אנדערע הילפסמכשירים צום קיך.

אנ'אנגענומענעם ארט האט געהאט דער שווערער פרעסאייזן וויילכן מען האט געווארמט מיט קוילן. די „באלייע" צום וואשן וועש און דער קופערנער קעסל צום „קאכן" די וועש האבן זיך, צוליב זייער גרויס, געפונען אויסערן קיך.

## נאכווארט צום ארטיקל וועגן דער יידישער קיך אין סלאנים

ביים פארעפנטליכן דעם זייער אינטערעסאנטן היסטאריש־פאלקלאריסטישן ארטיקל וועגן דער יידישער קיך אין סלאנים, איז דער רעדאקטאר, אין איינקלאנג מיטן חשוב'ן מחבר און רעדאקציע־מיטגליד, געשטאנען פארן פראבלעם: וואס פאר א נאמען צו געבן דעם ארטיקל? — דער ענטפער אויף אזא פראגע האט געפירט צו נאך צוגאב־פראגן: וועגן וועלכער קיך האנדלט זיך? די קיך פון א נגיד? פון א דורכשניטלעכן בעל־הבית? אדער גאר פון אנ'ארעמאן? — און עס איז דאך קלאר, אז מען האט ניט געקענט בשום אופן פארגלייכן די קיך פון א בעל־הביתישן ייד מיט דער קיך פון אנ'ארעמאן. גענוג צו דערמאנען די באשרייבונג פון א שותפישער קיך פון די ארעמע שיכטן אין סלאנים, וואס האט אונדז געלאזן אונדזער בת־עיר לאה קובאוויצקי (ז' „פנקס־סלאנים", דריטער באנד, ז' 24); די ארעמע, פרימיטיווע שותפישע קיך, מיט דעם שותפישן באק־אויוון, ארום וועלכן ס'האבן זיך געפארעט (און אויך זיך געקריגט...) יעדן דאנערשטיק—פרייטיק 4 ארעמע שכנות, ביים באקן חלה און ארייגשטעלן טשאלנט...

אויך האט זיך געשטעלט די פראגע: די קיך פון וועלכע צייטן? צו איז דאס נאר די קיך פון אנהייב יארהונדערט, ווי מיר, די געבארענע פון יענער צייט, האבן איר געקענט, אדער אויך פון פריהערדיקע צייטן, ווי מיר האבן זיך אנגעהערט פון אונדזערע עלטערן און פון די זקני הדור?

און ענדליך די פראגע: צו זיינען די באשריבענע אין ארטיקל קיך־מכשירים, מיט זייערע נעמען, די מנהגים און אנדערע פרטים געווען כאראקטעריסטיש נאר פאר סלאנים, וואס עס וואלט געווען געוויס א בארעכטיקונג צו פארעפנטליכן דעם ארטיקל אויסשליסלעך אין „פנקס־סלאנים"?

נאך א זאכקענערישע און רעאלע באאורטיילונג פון דער שילדערונג, איז נייטיק צו געבן פאלגנדע ענטפערן:

ערשטנס, די באשריבענע קיך מיט אלע אירע פארשיידנארטיקע און צאלרייכע כלים איז, ליידער, ניט געווען טיפיש פארן ארעמאנ'ס קיך (הגם עס זיינען געווען פיל מדרגות פון ארעמקייט אין סלאנים). זי איז גיכער די קיך פון א דורכשניטלעכן בעל־הבית, פון א גוט־איינגעארדענטע ווירטשאפט פון א מיטלשטאנד־בעלהבית'טע.

צווייטנס, הגם דער מחבר, ווי אויך זיינע אלע בני־דור, קענען די קיך ווי זי איז געווען אנהייב יארהונדערט, דארף מען אננעמען, אז זי איז געווען, מיט קליינע שינויים, דיזעלבע במשך פון 19־טן און אפשר אויך במשך פון דער צווייטער העלפט פון 18־טן יארהונדערט: דיזעלבע טעפ, דיזעלבע פאנען, דיזעלבע פאנוועס (אגב, דער נאמען „פאנווע" פיגורירט שוין אין סלאנימער געריכט־דאקומענטן פון 16־טן יארהונדערט. ער איז א ווייסרוסישער ווארט און געוויס האבן סלאנימער יידן גענוצט פאנוועס שוין אין יענע צייטן). מען קען צוגעבן, אז אויך במשך פון דעם לעצטן דור, ד. ה. פון דער לעצטער פוילישער תקופה, האט זיך די קיך ניט געביטן, אחוץ אפשר אייניקע מאדערנע מכשירים, ווי עלעקטרישע כלים, וואס האבן זיך שוין באוויזן אין די דרייסיקער יארן. דער באק־אויוון איז געבליבן דערזעלבער.

וואס איז שייך די „סלאנימערישקייט" פון דער באשריבענער קיך, דארף מען אונטערשטרייכן, אז זי איז ניט געווען, אפילו טיילווייז, אויסשליסלעך סלאנימעריש. זי איז כאראקטעריסטיש אין אלגעמיין פאר די מעריב־ווייסרוסישע און ליטווישע געגענטן, ד. ה. פאר די געוועזענע ווילנער, גראדנער, קאוונער און מינסקער גובערניעס. געוויס זיינען געווען, דא און דארטן, קליינע ענדערונגען אין נעמען פון די כלים, פון קיך־טראדיציעס, פון בעקעריי — און געקעכטסמינים (צום ביישפיל, דער „ליאק", און דער מין טייגאכטס וואס האט געהייסן „גוטמאן", — נעמען וועלכע זיינען געווען באקאנט איבערהויפט אין סלאנים און אין אומגעגנט). אבער אין אלגעמיין איז דאס די ליטוויש־מעריב־ווייסרוסישע יידישע איינגעפונדעוועטע קיך, און אזא איז געווען, פארשטייט זיך, אויך די קיך אין סלאנים.

און דווקא צוליב דעם שרייבן מיר צו א חשיבות דעם ארטיקל, ווייל א דאנק אים האט דער „פנקס סלאנים" דעם זכות ביצוטראגן א היסטארישן צושטייער צו א חשוב'ן פאלקלאראפשניט פון טאג־טעגלעכן לעבן פון גרויסן ליטוויש־מעריב־ווייסרוסישן יידישן שבט.

צוליב די אלע טעמים האבן מיר, מיט דער צושטימונג פון מחבר, באטיטלט דעם ארטיקל מיטן קעפל:

„די יידישע בעלהביתי׳שע קיך אין די לעצטע דורות אין סלאנים בפרט און אין ליטע און מעריב-ווייסרוסלאנד בכלל״.

ק. ל.

## נשים צדקניות אין סלאנים

ווי אין אלע שטעט און שטעטלאך אין תחום המושב, האבן די פרויען אין סלאנים ארויסגעוויזן אגרויסע טעטיקייט אויפן געביט פון הילף פאר נויטבאדערפטיקע און אזעלכע האבן אין סלאנים ניט געפעלט.

נשים צדקניות זיינען געווען פון פארשיידענע קאטע-גאריעס: די ערשטע, ביי וועלכע עס האט זיך אויסגעדריקט אין „כאפן קדושות״. איז דאך בין די וועלכע עס האבן ניט געוזן, טאקע א פליאה, ווי אזוי כאפט מען דאס, ווייל א קדושה איז דאך ניט קיין פויגל, להבדיל ניט דער שלו, דער וועלכער פליט אין מיליאנען קיין אפריקע און דערלעבט זיך אראפלאזן אויף די ברעגעס פון סיני שטארק אויסגעמא־טערט, קומען אראבער, פארווארפן נעצן און כאפן זיי אין די טויזנטער, וועל איך אייך טאקע אויפקלערן: כאפן קדושות דארף מען טאקע קענען, מען דארף זיין אפגעלייגט און וויסן ווו, ווען און ווי אזוי. גייט מען ארויס צו „שחרית״ און טאקע פון איין בית-מדרש צום צווייטן קריגט מען א געוויסע צאל, אבער „כל המרבה הרי זה משובח״, וואס מער, וואס מער, אט די „קדושות״ דארפן דאך דינען „אריינגאנג-באשטעטיקונג״ גלייך אין גן-עדן, און „גליקלאך״ איז געווען די פרוי, וועלכע האט מצליח געווען אנקלייבן יעדן טאג א מערערע צאל קדושות. צו דעם צוועק האט פיל געהאלפן דער פאלוש פון דער גרויסער שול און צו מנחה. אהער קומען צענדליקער יתומים און „יארצייט״-האבער דאווענען מנחה און זאגן „קדיש״. דא גייט דאס שנעל. דא צו מנחה דארף מען לאנג ניט װארטן. לויפט אריין א יונגערמאן, גיט ארוף אויס בקול רם „אשרי יושבי ביתך״, זאגט „קדיש״ און שטעלט זיך צו „שמונה עשרה״ און גיך הויבט ער אן מיט חזרת הש״ץ און קדושה און די פרויען זאגן גלייך מיטן חזן און שפרינגען צו דריי מאל „קדוש, קדוש, קדוש״ ווי די מאנסביל טוען... דא איז טאקע געווען דער וויכטיקסטער פלאץ אויף אנצו־קלייבן קדושות ביד רחבה, דא אין פאלוש זיינען געווען פיל, פיל פאלן, וואס יארצייט-האבער כאפן זיך אריין שפעטלאך און באנוגנען זיך מיט א הויכע קדושה און עס גייט שנעל איינער נאכן צווייטן און אונדזערע נשים צדקניות נוצן דאס טאקע גוט אויס. דאס איז זייער איינציקע חשובע ארבעט זיך גרייטן פארן „עולם האמת״ נאכן האבן שוין צוגעגרייט פאר זיך די אייביקע קליידער פון גוטן לייוונט און וועב. זיי האבן דאס טאקע געטאן פאר אייגענעם נוצן, פאר „עולם הבא״, אבער זיך גערעכנט פאר נשים צדקניות.

די צווייטע קאטעגאריע פרויען זיינען די וועלכע האבן זיך פארנומען מיט געבן ממשות׳דיקע שטיצע די נויטבאדער־פטיקע אין דער געגנט ווו זיי האבן געוווינט. זיי האבן נאכ־געקוקט ווער פון די שכנות איז געדריקט, האבן זיי געזאמלט מיטלען אז עס זאלן ניט זיין קיין הונגער־לײדנדע און בא־זארגט זיי אויך מיט אנדערע נויטווענדיקע באדערפעניששן, ווי למשל: חלה און פיש פאר שבת און אמאל אויך ווײן פאר „קידוש״, און האבן געהאלפן ווען א חולה איז אין א שטוב. האט זיך געמאכט אין א געדריקטער משפחה א צרה אז א שווערן חולה מוז מען פירן אפערירן קיין ווארשע, זיינען פרויען געגאנגען פון הויז צו הויז און צונויפגעזאמלט די נויטיקע מיטלען פאר דעם.

אנדערע פרויען האבן זיך פארנומען מיט „הכנסת-כלה״, זען חתונה-מאכן ארימע מיידלאך, — זיי זאלן, חלילה ניט פארזעסן ווערן — מיט פאסנדע חתנים... די פרויען פלעגן דאגה׳ן פאר קליידער און אנדערע הצטרכות׳ן פאר דער כלה, נויטיקע מיטלען אויף דינגען א דירה און א זאל פאר דער חתונה. האט אנ׳ארעמע פרוי געבוירן א קינד, האבן פרויען געבראכט אלץ וואס ס׳איז נויטיק פארן ניי־געבארענעם און אויך פלעגע פאר דער געווינערן. די פרויען האבן אויך איינגעארדנט דעם „ברית״ פאר א יינגל. פאר יעדן יום-טוב און באזונדערס פאר פסח, האבן די נשים צדקניות פארזיכערט אז ס׳זאל ניט בלייבן, חלילה, קיין משפחה אן יום-טוב׳דיקע מאכלים, ווי ס׳האט זיך געפירט אין יעדער יידישער שטוב.

א ברייטע הילפס-ארבעט איז געפירט געווארן דורך פרויען אין אלע טיילן פון שטאט פאר די הונדערטער אלמנות און יתומים אין דער ערשטער וועלט-מלחמה, וועלכע זיינען געווען אן מיטלען פאר עקזיסטענץ, טראץ דער הילף פון וועד הקהל. די לאגע האט זיך געביטן פאר בעסער נאך דער מלחמה, ווען ס׳איז אנגעקומען הילף פון סלאנימער רעליעף אין ניו-יארק און דזשוינט. דאן איז ביים וועד-הקהל ארגאניזירט געווארן א באזונדערע יתומים קאמיסיע וועלכע האט אנגעפירט מיט דער שטיצע. אטייל יתומים זיינען אריינגענומען געווארן אין דעם גוט איינגעארדעטן „בית-יתומים״ אונטער דער אנפירונג פון פריילן סאניע מערעמינסקי ז״ל און פארזיץ פון ד״ר שמואל ווייס ז״ל און א צווייטער טייל — ביי משפחות וואס האבן געהאלטן יתו-מים פאר געצאלט צווישן זייערע קינדער. דער סעקרעטאר פון דער יתומים-קאמיסיע, וועלכער האט אנגעפירט מיט דער ארבעט במסירות ונאמנות איז געווען יעקב גולדבערג ז״ל, דער זון פון יוסף גולדבערג ז״ל.

איך געדיינק אין די גאר ערשטע יארן פון דעם יארהונ־דערט א פרוי, אנ׳אלטיטשקע, א קליין-ווקסיקע מיטן נאמען מאשע, רייך געקליידעט, מיט א גרויסן, שווארצן זיידענעם שאל אויפן קאפ, אראפגעהאנגען לאנג פון ביידע זייטן, וועלכע האט געזאמלט געלט פאר „מתן בסתר״, צו שטיצן אנשטענדיקע משפחות וועלכע זיינען פאראמט געווארן אדער צו העלפן חתונה-מאכן כלות פון בעליבתי׳שע משפחות אן געלט מיטלען און די נצרכים האבן געדארפט בלייבן אנאנים. זי האט געהאט דעם פולסטן צוטרוי פון אלעמען.

אין איינעם פון אירע באזוכן ביי אונז, האבן מיר קינ־דער געהערט ווי זי האט דערציילט וועגן איר אפשטאמונג פון א גרויסער גבירישער משפחה אין סלאנים (דעם נאמען

געדיינק איך ניט) און אז צו איר חופה אויפן שולהויף, זיינען געווען אויסגעשפרייט זיידענע טרעטערס פון הויז פון אירע עלטערן ביז דער חופה.

די עסקניות זיינען געווען פון אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג: פארמעגלאכע וואס האבן געהאט גענוג צייט פאר קהל׳שע ארבעט; פרויען וואס זיינען געווען פארנומען מיט פרנסה, ווי קרעמערקעס, א. א. וו. אדער מטופלות מיט קליינע קינדער און געפונען צייט זיך צו פארנעמען מיט צדקה ענינים.

אלס א ביישפיל קען דינען די פרוי „שפרה לייבע מאטעס", אדער ווי באקאנטע האבן איר גערופן „שפרה חסידה", (דעם פאמיליע־נאמען מאוושאוויטש ווער האט געדארפט וויסן). דאס איז די מוטער פון רעדאקטאר פון סלאנימער בולעטין אין ארגענטינע. זי איז געבליבן אן אלמ־נה מיט קליינע קינדער און האט געמוזט שווער הארעווען צו פארדינען פאר דער עקזיסטענץ פון דער משפחה. זי פלעגט איינקויפן פארשיידענע שפייז ארטיקלען פון הורט סוחרים און צושטעלן זיי אין געוויסע רייכע הייזער. טרעפנ־דיק זיך מיט פארשיידענע מענשן, האט זי געוווסט פון אלץ וואס ס׳גייט אן אין שטאט. זי איז געווען א שטענדיקע אריינ־גייערן צו דער „ראש־הישיבה׳טע, (פרוי פון ראש־הישיבה ר׳ שבתי יגל ז"ל). דארטן פלעגט זי אויך הערן פיל פון קהל׳שע ענינים, פון פארשיידענע גבאים און א. וו. די אלע ידיעות האבן געבראכט דערצו אז זי האט געזען פאר נויטיק העלפן די געפאלענע בעליבתי׳שע מענשן, וועלכע האבן געליטן שטילערהייט און זיך גענומען זאמלען מיטלען פאר דעם צוועק.

שפרה האט געטראגן א שווערע הארץ, וואס איר זון לייבע איז אראפּ פון דרך הישר, אויפגעהערט גיין אין שטיבל און פשוט ארויס ל„תרבות רעה". עס זיינען דערגאנגען צו איר קלאנגען אז ער איז געווארן א „היינטיקער" — א לינ־קער און גאר א „לינקער שבלינקע". — איר זאל דאס טרעפן? פון א שטריינג חסידישער שטוב ביז „מ׳ט שערי טומאה". אירע רייד מיט אים האבן ניט געהאלפן און זי איז ארומגעגאנגען א פארביטערטע... און כדי זיך אביסל פארנעמען האט זי פארשטארקט איר צדקה־ארבעט צו העלפן נצרכים און בעיקר טאן פאר „הכנסת כלה". זי האט זיך אנגעהייבן פארנעמען ניט נאר מיט ארעמע כלות, נאר אויך מיט בעליבתי׳שע קינדער. אז זי פלעגט זיך נאר דערוויסן אז א געוויסער בחור׳ל גייט ארום צו לאנג מיט א געוויסער מיידל — „פארשטייט זיך אז עס טייג ניט" און עס פאסט ניט אויך, האט זי געפרובט ריידן מיט טאטע־מאמע כדי דאמיט „מקרב זיין דעם קץ"... זייער ווייניק האט דאס געהאלפן, אבער זי האט געטאן וואס נייטיק איז געווען.

שפרה חסידה איז געווען באקאנט אין סלאנים אלס עסקנ׳טע און גרייט צו טאן מעשים טובים אין א שטריינג רעליגיעזער פארם. שפרה׳ס „ממשלה" איז געווען פארשפרייט איבער דער גאנצער שטאט.

פון די באקאנטע כלל־טוערנס איז כדאי צו דערמאנען די פרויען: פעשע יודקאווסקי, פריידל שערעשעווסקי, (פרוי פון ר׳ יוסף שערעשעווסקי ז"ל) און פראנדזע ווייצל (פרוי פון ר׳ זיידל ז"ל, זון פון ר׳ מרדכי׳לי). די דריי פרויען האבן אונערמידליך געארבעט צו העלפן קימפעטארנס. שפעטער, האבן די דריי דערמאנטע פרויען ארגאניזירט א פרויען געזעלשאפט פאר קימפעטארנס. אויפגעשטעלט א „בית יול־דות" פאר אונפארמעגלאכע פרויען און גוט בעזארגט דעם אנשטאלט מיט א פאסנדן שטאַט א. א. וו.

צו דער דריטער קאטעגאריע פון וווילטעטיקע פרויען האבן געהערט די פיל צענדליקער חברות וועלכע זיינען צוגעשטאנען צום „רויטן מגן דוד" וועלכער איז געגרינדעט געווארן בעת דער ערשטער וועלט מלחמה ביי דער ציוניס־טישער ארגאניזאציע. די חברים און חברות פון „רויטן מגן דוד", צווישן אנדערע טעטיקייטן, זיינען געגאנגען אויף „לינות". נעכטיגן אין די הייזער פון קראנקע אויך בעת דער טיפוס און שפאנקע עפידעמיעס, און אזוי ארום פארלייכ־טערט די אויסגעמאטערטע משפחות. אייניקע חברות און חברים פון „רויטן מגן דוד" האבן זיך אנגעשטעקט מיט טיפוס און געשטארבן. (אין די נעכט איז געווען פארבאטן ארויס גיין פון די הייזער).

# חלק ג: מראות העיר

## דריטער טייל: איבערן שטאט

### „בית המדרש הגדול דחומה בק"ק סלונימא"

זה היה שמו הרשמי של ה„געמויערטער־בית מדרש", שהיה בית המדרש המרכזי בעיר אשר עמד מול בית הכנסת הגדול, דלת כניסה מול דלת כניסה, והרחבה שביניהם שמשה להתכנסויות מסויימות, לחופות שהעמדו בחצר השולהויף וכן למקום הספדים בלוויות של חשובי העיר. בית־מדרש זה עתיק־יומין היה ועל כך יעידו קירותיו שעבים הגיע עד

מטר. על השם העידה גם החותמת הגדולה דמוית ביצה שהכילה את הכתובת הנזכרת שהיתה מוטבעת על כל מסמך, שובר קבלה ואף על כל הספרים המרובים שהיו בבית המדרש כמו: משניות, ש״סים לעשרות ומפרשים שונים עתיקי־ימים וחדשים, סדורי־תפילה, ספרי תהילים, חומשים ואחרים. בין הש״סים הצטיינו עוד לפני מלחמת העולם הראשונה אלה שהיו מהוצאת האחים ראם בוילנה, הוצאה מחודשת עם הרבה מפרשים ועל ניר טוב ומכורכים בכריכות־עור חזקות ויפות למראה־עין ונקראו הש״ס הוילנאי החדש, שנדבנים מבין הלומדים בעיר וכן נשים צדקניות שראו זכות לעצמן במעשה זה, תרמו לבית המדרש דחומה.

אם בית המדרש „דעץ״ שבשולהויף, שלמרות היותו בנין לבנים נקרא „עץ״, הרי זה בא להדגיש את המשך השרשרת של בית־מדרש זה מתקופת היותו בנין עץ על מסורתו, אבל בנין שכולו בנוי לבנים, מאי רבותא? לשם מה הכנוי „חומה״? ללמדך שבית־מדרש זה שמש חומה ומבצר ליהדות, ללומדי התורה ולא מן הנמנע שזה קשור בריב בין החסידים וה„מתנגדים״ שכן מתפללי בית מדרש זה נמנו על המתנגדים מדורות ושמש מקום תורה ראשי בסלונים. רוב מתפלליו נחשבו למופלגי הלומדים בעיר, חברה ש״ס שבמקום היתה מן המפורסמות ובית מדרש דחומה שמש מקום תפילתם של רבני העיר ומשום כך היה מקובל לבית המדרש הראשי בעיר, כאמור.

דלת הכניסה לבית המדרש היתה רחבה ועשויה עץ עבה ושמשה למקום הדבקה של מודעות שונות ואף לכתבי פלסתר. דרכה נכנסו לפרוזדור ארוך ומקצהו — דרך דלת כבדה שניה לתוך פרוזדורון קטן, שמצדדיו שני זוגות דלתות המסתובבות בקפיצים ונסגרות מאליהן לאחר שנפתחות ע״י דחיפה קלה ועוברים בהן. הדלת המרכזית היתה תמיד נעולה והיתה נפתחת רק בעת התכנסויות גדולות לשמוע לדרשות של מגידים מפורסמים או רבנים בעלי־שם שמשכו קהל רב. דלתות הפרוזדורון היו מזוגגות עד מחציתן בזכוכית צבעונית.

בקיר המזרחי, משני צדדיו של ארון הקודש הגדול, שאליו עלו בשבע מדרגות, היו בנויים מושבים קבועים, שהכילו תחתם ארגזים אשר בהם אחסנו חלק מן הספרים שהיו ברשות בית המדרש ולפניהם שורה של „סטענדערס״, שעליהם הניחו המתפללים את ספרי התפילה או הלימוד. גם אלה היו עשויים מעשה ארגז. בחלקם היו נגעלים ע״י בעליהם, שם החזיקו את הטלית ותפילין וספרי התפילה. את המעילים העבים שהיו לובשים בימי הקור והסגריר היו מניחים עם הכניסה על אדני החלונות הרחבים. מול הקיר המזרחי משני הצדדים של ארון הקודש, היו ספסלי ביניים ולפניהם שורה של „סטענדערס״, שהיו נוגעים בחבריהם מצד מזרח.

היו גם מקומות־ישיבה ובעלים להם מעברם השני של הספסלים האמצעיים משני הצדדים של ארון הקודש וכן לרוחב קיר הבמה שהיה עשוי אריחים לבנים בגלל היותו הצד החיצוני של התנור שבבמה. מקומות ישיבה אלה היו אל מול ארון הקודש ועמוד התפילה. מצד ימין לבמה ארונות ספרים צמודים לקיר בין חלון לחלון ועל־ידם עשר שורות של ספסלים ושולחנות להם להנחת סדורי התפילה ואלו מצד שמאל — צד צפון — שני שולחנות ארוכים, עשויים עץ עבה, ללומדי גמרא. רוחב השולחנות כמטר והספיק להנחת שני ספרי תלמוד מן הגדולים ביותר אחד מול משנהו בעת הלימוד: משני עברי השולחנות עמדו ספסלים כבדי משקל. החיצוני שבהם היה כפול ואפשר ישיבה אל־מול הבמה.

* * *

בארון הקודש היו כשלוש עשרות ספרי תורה ומספרם הלך וגדל מתרומות אנשים שונים. ארון הקודש היה עשוי מעץ מובחר וצבוע בצבע מבריק חום־כהה. הדלתות היו מעוגלות קמעא. על פני הדלתות היתה תלויה פרוכת. בימי חול — הפרוכת היתה לא מהודרת ביותר, עשויה משי ומגן־דוד במרכזה ואלו בשלוש רגלים היתה הפרוכת עשויה קטיפה נהדרת, מצבע כחול־כהה ורקומה בחוטי זהב טבלת „עשרת הדברות״ נתמכת באריות מצדדיה וקשוטים אחרים. בשבתות, נתנה פרוכת יפה, מאלה המוקדשות לשבתות, בימים נוראים היתה פרוכת מיוחדת עשויה משי לבן ללא כל תוספת של קישוט פרט למגן־דוד עשוי חוטי כסף. בערב תשעה־באב היתה מורדת הפרוכת בכלל לאות אבל לחורבן והדלתות נראו גלויות וכן הארון שלמטה בו נשמרו מגילות הנביאים להפטרות. לפתיחת הארון היתה הפרוכת מוסבת הצדה ע״י משיכה בחוט מקושט ועם סגירתו נמתחה הפרוכת ע״י משיכה בחוט מן העבר השני.

הבמה שבמרכז הבית היתה רחבת ידים ונתמכת על ארבעה עמודים עבים בארבעה קצוויה. שולחן גדול לקריאה בתורה ולפניו קרנים לתלית הכתר ופעמוני הכסף שהורידו מעל ספרי התורה בעת הקריאה בהם. משני עברי הבמה היו תנורים גדולים שחממו יפה את כל הבית הגדול בימי החורף. על הבמה ישנו שנת ישרים בחורי ישיבה שהתמקמו במקום ראשונים וקנוהו בחזקה.

את הבמה עטרו ארונות ספרים: בחלקי הקירות הדרומי וצפוני ולכל רוחב מערבה. בזוית דרום־מערב היה בנוי ארון־ספרים גדול באלכסון ועל ראשו עמדה במשך כל השנה מנורת־חנוכה מנחושת בגובה של מטר והגיעה עד לתקרה. לימי החנוכה הורדה ומורקה והעמדה על הבמה. עוד כמה וכמה ארונות לספרים נוספו מדי פעם ומוקמו בכל שטח ריק שנמצא.

מצד מערב היו שתי עזרות לנשים. האחת נמצאה בקומת הקרקע ששתי דלתות אליה, אחת מהן מבחוץ ושניה מבית המדרש. שטח זה היה לעתים תפוש גם ע״י הגברים, כמו: למנין נוסף, לקריאה בתורה בשמחת תורה, שכל המתפללים וגם ילדים היו עולים לתורה ובעוד מקרים יוצאים מן הכלל. עזרת הנשים השניה היתה בקומה השניה עם כניסה מיוחדת מן החוץ, בשכנות עם ה„ליובאוויטשער שטיבל״.

שמש בית המדרש היה ר׳ פיניע (פנחס) אדם לא צעיר וצולע על ירכו. את העבודות הרגילות היה ממלא בעצמו, כמו: הסקת התנורים, מלוי מנורות ה„בליץ״ בנפט, ניקוי הבית היה בידי אשתו. בעבודות שחיבו סולם, היה נעזר ע״י בחורי הישיבה שהיו ישנים במקום, כמו החלפת הפרוכת ביום ו׳, סדור הספרים שנמצאו פזורים והנחתם

באצטבאות עליונות וכו׳. בהורדת נרות מעזרת הנשים העליונה בימי אמירת „יזכור" בא לעזרתו בנו, שהיה תפר לפי מקצועו, שעשה את העבודה הזאת בזריזות יוצאת מן הכלל בטפסו על סולם גבוה שהגיע עד לחלונות עזרת הנשים, נטלם משם והעבירם למקום המיועד להם. ב„מכירת העליות" בימי מועד היה עוסק ר׳ פיניע בעצמו כשהיה מדלג מקצה בית המדרש ועד קצהו ומכריז.

בבית המדרש דחומה היו הרבה חברות ללימודי התורה לדרגותיהם: חברה ש״ס, שהשתתפו בה טובי הלומדים והיו מסיימים את כל הש״ס בכל שבע שנים ולסיומו עשו משתה שבעה ימים, חברה ללמוד משניות, חברה ל„עין יעקב", לפרשת השבוע ולאמירת תהילים. ללומדי הש״ס שמשו שני השולחנות הארוכים מצד צפון, חברה משניות השתמשו במקומות הקבועים למתפללים לאחר התפילה ואלו ל„עין יעקב" ולאומרי תהילים — שימש השולחן הארוך מצד מערב לאורך עזרת הנשים.

על-יד הכניסה מצד צפון נתון היה כיור-נחושת גדול-ממדים לנטילת ידיים ובקרבת מקום לו שתי מגבות שהיו נתונות על גבי דלתות ארון ספרים אחד.

* *
*

דלתות בית המדרש לא ננעלו לא ביום ולא בלילה וקול תורה עלה ממנו גם באמצע הלילה, כי רבים סוגי הלומדים שבאו לשם. יש לציין במיוחד את אנשי ה„משמר", שהיו יושבים משעה עשר בלילה עד אור הבוקר ולומדים. טעם מיוחד היה ללמוד בלילה. דממת הלילה נתנה אפשרות של ריכוז המחשבה והתעמקות בסוגיה חמורה ולהבינה לאשורה. בחורי ישיבה היו חוזרים על לימודי היום שלהם ומעיינים בדף הבא ללימודי יום המחרת. בחורים אלה שישנו במקום היו לעתים משתמשים בתנורים הבוערים ואופים על הגחלים הלוחשות תפוחי־אדמה ומרתיחים קומקום טה. שני אנשים היו מופיעים לילה-לילה בשעה שלוש, והם בני שבעים ומעלה, ישבו על מקומותיהם הקבועים ולאור הנר המהבהב עיינו ולמדו בגמרא הגדולה הפתוחה לפניהם. האחד בהם היה ר׳ וואלף בכנויו „לאזער-טשיכעס" (שם משפחתו אינו זכור לי, הוא היה סבו של גרשון ברנשטיין מצד אמו). הוא היה לומד בנגון מיוחד בלתי מקובל בלמוד הגמרא, שמשך את תשומת הלב של הלומדים ב„משמר" ואני בתוכם. נגון עגמומי בהפסקות קלות. עם בואי לארץ וחייתי בירושלים, הייתי שומע את קול המואזין הקורא לתפילת הבוקר בעוד חושך או עם דמדומים, נזכרתי ושמעתי את נגונו הערב של ר׳ וואלף זה, מעין העתקה, להבדיל, מניגונו של המואזין והיתה פליאה בלבי מהיכן לקח ר׳ וולף ניגון מושך זה. היו עוד אחדים שהיו מקדימים בעוד חושך ללמוד לפני התפילה ובין אלה יזכר שמו של מנדל קצוביץ, שאולי לא היה בין גדולי הלומדים אך עשה למודו קבע.

חזן קבוע היה בבית המדרש דחומה, ר׳ יעקב יהושע ושמש בקודש הרבה שנים, פרט לשלוש תפילות בשנה והן: תפילות „גשם" ו„טל" בחג הסוכות ובפסח ותפילת „נעילה" שעליהן היתה „חזקה" לר׳ יוסף שרשבסקי, שראה את עצמו שליח נאמן של העדה לבוא להתייצב בפני בורא העולם וכתינוק המתפרקד על ברכי אביו ומתחטא בפניו על עוותים קלים, היה ר׳ יוסף שוטח בפניו את עקת-לבו של בית-ישראל ומשאלותיו.

הקורא בתורה היה ר׳ יעקב למקין ואחריו ה׳ משיץ. ר׳ מיכל קטוק שמש שנים רבות כגבאי וכן ר׳ אליהו וינשטיין, שהיה איש ה„דגל", ועמד על הבמה בעת קריאת התורה.

משה׳לי חסיד (ר׳ משה פוקסמן) היה בין חובשי ביה״מ דחומה הקבועים. רוב זמנו היה מתהלך ולומד בע״פ, הולך ומשנן. חלק לא־רב מזמנו בילה בשטיבל של חסידי ליובאביטש. בין המסתופפים במקום זה היה ר׳ שלום גלמן (הצהוב). מחוץ לשעות הלימוד שלו עסק בארגון „תפארת בחורים", בקרוב נערים, רובם שוליות בעלי מלאכה, ללמוד התורה.

יזכרו לטוב חלק ממתפללי בית המדרש דחומה שנשארו בזכרוני, זכרם לברכה והם: ר׳ מרדכי־לי ואחריו הרב פיין, ר׳ יוסף שרשבסקי ובניו, ר׳ איצלי אסתרקס, ר׳ אליהו וינשטיין, מיכל קטוק, ר׳ צבי גרייבר, ר׳ מיכל בורדה, ר׳ יעקב חנונוביטש, ר׳ אברהם-מאיר וינשטיין, יעקב גרייבר, צבי שרשבסקי ובניו, הורביץ — חתן גרייבר, שמואל בוטבינסקי, אהרן וינשטיין, חיים גרודנצ׳יק, בצלאל קוניצה, ר׳ שלמה רבינוביץ (השוחט), ויגדרוביץ, ר׳ אליעזר־יוסף קלאצ׳קו, לעתים קרובות חתנו הרב שבתי יגל, ברל (גדליה״ס) אורינובסקי, גיסו שמואל זשוכאוויצקי, משה מיליקובסקי, ...גריבסקי, אליהו ריפ, ירוחם לוינשטיין, אבא (לאסקעס) שכבערס, אליהו-משה דרצ׳ינסקי, מנחם-מנדל דרצ׳ינסקי, נצטרף כאורח אלתר (טשעפעליוועד) יקימובסקי, רפאל דרצ׳ינסקי, בנימין.... (מלמד), משה ברעוודע, שמואל ברעוודע, שמואל-משה רבינוביץ, משה (קוקס) בטלן ועוד לאורך השולחנות ר׳ יעקב מלאך, מנדל איינשטיין, ר׳ אליעזר לוזשע בלאוס, ר׳ וולף לוזערטשיכעס, וילנצ׳יק הזקן, חתנו אברהם־יוסף אוורבוך, יצחק קוניצע, מנדל קרליץ, יעקב למקין, מנדל קצוביטש, ר׳ חיים־ירשל המוהל, משה׳לי, ר׳ שלום גלמן, אלפרשטיין, אליהו זקלד, ליובטשנסקי, ישראל אהרנשיין, וולף שמוקלרובסקי ועוד.

## אמצעי התחבורה בסלונים בראשית המאה העשרים

בעינינו כיום, באמצע העשור השמיני למאה הנוכחית, נראים אמצעי התחבורה מאז כמגוחכים ואנו ממלאים שחוק פינו לצער בעלי העגלה בסלונים "ומלחמתם" נגד פתיחת תחנת מסילת הברזל בעיר שנבנתה בשנת 1885. אם הגענו כבר כיום כמעט למכונה פרטית לכל משפחה, מה רב יהיה הלעג בפי נינינו באמצע המאה הבאה, כשלרשות כל משפחה יעמוד הליקופטר קטן או מכשיר תנועה אוירי אחר, וכאשר למישהו מהם יתגלגל תאור על התחבורה, כשסביהם השתמשו בה!

בסלונים, כמו בכל תחום המושב, היתה התחבורה ענף כלכלי חשוב בחיי היהודים. מספר העוסקים בהסעה, ובהובלת סחורות היה גדול ועל כך תעיד גם העובדה שהיה קיים בית־מדרש מיוחד לעגלונים (בעל־עגלה־שער בית־המדרש), בשכונה בה גרו הרבה עגלונים. על יד בית־המדרש היתה באר,

שאליה היו העגלונים מביאים את סוסיהם להשקאה. בית־המדרש שמש להם לא רק כמקום תפילה ולמוד תורה, אלא גם כמקום התכנסות לדיונים בעניני המקצוע.

ברור, כי לפני שנסללה מסילת־הברזל שעברה דרך סלונים היה מספר העגלונים בעיר פי כמה מאשר לאחר מכן. העגלות היו אמצעי־התחבורה היחיד מהעיר לסביבה הקרובה והרחוקה גם יחד. תחנת הרכבת דומאנובה שבמסילת הברזל בריסק— ברנוביץ היתה המוקד העיקרי של העברת סחורות ממרכזי־האספקה הגדולים (ורשה, לודז, מוסקבה וכו׳) לסלונים. בהובלה זו היו מועסקים מאות עגלונים, עוזרים, סבלים וכדומה, רובם ככולם יהודים בני העיר. הם הם גם שטרחו בהספקת הסחורות והמטענים ממחסני הסיטונאים שבעיר לעיירות הקטנות שבמחוז. סוג מיוחד של עגלונים עסקו בהעברת עצים מהיערות למנסרות. בעלי העגלה היו ידועים ביושרם ונאמנותם והיו מעבירים כספים ומכתבים בקווי נסיעותיהם.

בתקופה הטרום־רכבתית היו אומני סלונים מביאים את מרכולתם לירידים שבסביבה הקרובה ואף הרחוקה ע״י בעלי־עגלה יהודים מהימנים; העגלות היו עמוסות סחורות מסחורות שונות, כמו: רתמות לסוסים, אוכפים ונעלים, מצרכי הלבשה: בגדים מוכנים, כובעים, אריגים, כלי בית מפח ויציקה ומכשירים שונים וכו׳. תפקיד מיוחד מלאו ״הדיליז׳נסים״ בהסעת אנשים בין העיר והעיירות. אלה קיימו תחבורה קבועה, פעמים, שלוש לשבוע לנוסעים ואף להעברת מטענים עדינים. עגלותיהם היו יותר נוחות לנסיעה ומכוסות כילות, מחסה מחום השמש וגשמים בקיץ ומשלגים ורוחות סוערות בחורף.

משום כך, אפשר היה להבין את הצער והזעם של צבור בעלי העגלות עם פתיחת תנועת הרכבות בעיר, בראותם כי נשבר מטה לחמם ויכולת קיומם מתערערת.

הרכבת אמנם קצצה את פרנסת בעלי העגלה, אך במשך השנים נתגלה, כי הרכבת יצרה אפשרויות תעסוקה חדשות בתובלה: את הסחורות המגיעות העירה ברכבת, יש להעביר למחסני הסוחרים הסיטונאים ומשם לקמעונאים. כמו כן נשארה ההספקה מהעיר לעיירות־הסביבה בלתי־פגיעה על ידי מסילת־הברזל.

עד למלחמת העולם הראשונה עסקו בהובלת סחורות מן הרכבת למחסני הסוחרים שתי קבוצות מאורגנות של בעלי עגלה, שמספרם הגיע כדי 60 איש בערך, לתכלית זו שמשו להם פלטפורמות מיוחדות מותאמות לסוגים שונים של סחורות. הפלטפורמה להובלת מצרכי־מזון נקראה בפי אנשי המקצוע בשם ״פוטוק״. על הפוטוק היו מעמיסים בשורה ארוכה אחת ובשני טורים בגובה שקי קמח, סוכר, מלח, אורז ומיני קטניות שונים וכן חביות של דגים מלוחים, חביות שמן, שמני משחה שונים ואף נפט (בעגלות מיוחדות). גם למטעני ברזל שונים, הפוטוק היה מתאים להובלה, ואילו לסחורות אחרות, כמו: לחבילות צמר גדולות שנתקבלו ברכבת עבור בתי־החרושת לשמיכות ברוז׳נוי, היו בנויות עגלות מיוחדות בעלות כנפיים רחבות, להובלת סיד — ארגזים משולשים גבוהים וכו׳. את הפוטוק משכו סוסים יחידים אך אמיצים, ורק בעת קלקול דרכים ולעתים רחוקות היו מוסיפים סוס לעזרה. בעבודת פריקת קרנות הרכבת, טעינת הסחורה על גבי העגלות ופריקה למחסנים עסקו כמה עשרות סבלים. חלוקת הסחורה לקמעונאים בעיר נעשתה על ידי בעלי־עגלות קטנות יותר וכן בעגלות יד, שנדחפו ונמשכו על ידי אנשים, סבלים גברתנים. בעיר היו בשמוש גם עגלות מסוג כפרי להעברת נוסעים והובלת סחורות עדינות ולמשלוח חבילות ברכבת.

מראשית המאה הופיעו בעיר הכרכרות לצורך הסעת אנשים אל הרכבת וחזרה העירה. גוף הכרכרה היה נתון על גבי קפיצים, הנקל לתאר, איזה רעש היו גורמות העגלות והכרכרות בנוען על אבני השדה המחוספסות, שבהן היו אז מרוצפות רחובות העיר. בשנים האחרונות לפני מלחמת 1914 צוידו הכרכרות בגלגלי גומי, כדי להקל על הנסיעה. מספר בעלי הכרכרות משני הסוגים הגיע ל־30.

העגלונים, הסייסים, הסבלים ועוזריהם היו ברובם יהודים שומרי מסורת וקדושת השבת. יום זה שמש להם יום־מנוחה שלמה. ביניהם היו אפילו יודעי־תורה ולומדי־תורה. מעידים על כך כינויים של כמה מהם, כגון: איטשע למדן, דער ״רב׳ל״ ועוד כינויים שאכן היו ראויים להם.

בעשור הראשון למאה הופיעה כפלא־הדור המכונית הראשונה ברחובות העיר. זו היתה מכוניתו של האציל פוסלובסקי מאלברטינה הסמוכה. כשהיו שומעים את צפירתה מרחוק, היו המונים יוצאים מבתיהם מקטון ועד גדול, לראות במו עיניהם את המכונית הפלאית החולפת בין־רגע ובולעת שטחים כהרף־עין, וכשהיתה מופיעה ביום שוק, היתה מרקידה את הסוסים הנבהלים, שהיו מתפרצים מרתמותיהם ומתפזרים בריצה מבוהלת ומושכים אחריהם עגלות הפוכות, כשככר השוק מלאה אכרים ויהודים פעורי־פה מרוב המהומה והתדהמה...

בשולי ענף התחבורה התקימו ענפי־עבודה ופרנסה, שהיו קשורים בה, ואלה הם: א) המסחר בסוסים: בעיר היו מתקיימים כמה פעמים בשנה ירידים מיוחדים למסחר זה. לירידים אלה היו מביאים מאות סוסים וסוסות למכירה. בעלי העגלה היו בין הקונים החשובים של הסוסים האמיצים והנבחרים שבהם. גם סוחרי הסוסים, כעשרים איש, היו יהודים. ב) ענף אביזרי ריתמה: יצרנים של עולים, רצועות ריתמה, מושכות, שוטים, כסיות, אוכפים וכו׳, כל אלה תוצרת עור עבה שעובד לתכלית זו. אביזרים אלה הוכנו בבתי מלאכה באזורים שונים בעיר, אך המסחר בהם התרכז בשורת חנויות, בין החנות לכלי זכוכית של ר׳ יצחק קוניצה עד לבית המלון ״ויקטוריה״ של זליקובסקי, וכן בכמה חנויות של טור ההנויות בסביבה זו. ג) ייצור עגלות, מגררות, וחלקי חלוף אחרים עשויי עץ, שפרנסה עשרות משפחות. ד) התקנת גלגלי עץ על כל חלקיהם. אלה עשויים מעץ חזק — עץ אלון וכדומהו. בעלי המלאכה שעסקו בייצור עגלות וגלגלים והתמחו באומנות זו, היו נקראים ביידיש ״סטעלמאך״. ה) פרזול חשוקי הגלגלים מעץ וקרשי המגררות בפסי־ברזל עבים. גם פרזול פרסות הסוסים העסיק נפחים רבים בעיר. ו) במשיחת הצירים הניתנים בתוך הגלגלים במין זפת מיוחד לכך, עסקו שוליות בעלי המקצוע הנ״ל.

וכך הגיע מספר המפרנסים מענף התחבורה והמקצועות הקשורים לו, לפי אומדנא מקובלת לכדי 10 אחוזים בערך מהאוכלוסיה היהודית בעיר.

הערה לרשימה על בית הכנסת הגדול בסלונים *)

במאמר על בנין בית הכנסת, לא עמדנו ביותר פרטים על הקיר המזרחי שלו, שהוא להלכה היה הקיר החשוב ביותר ונבנה בטעם ארכיטקטוני מיוחד וצריך היה לשמש בטוי ל״מקדש מעט״. לתכלית זו הוקם הקיר המזרחי בשטח רחב יותר מהבנין עצמו על שתי עזרות הנשים משני עבריו, והלך והתמשך למעלה בצורה גלית ומדורגת וקשוטים של גלילי עץ מגולפים בראש כל דרגה עד לראשו הצר הנשא במרכז בצורת פירמידה. בחלק העליון של הקיר בלטו ביותר ארבעה עמודים מקושטים, שנים — שנים מכל צד של המרכז המקושט, והם שמשו, לדעתי, ״זכר למקדש״ שבירושלים, כיון שהם דומים מאד לעמודים המופיעים בתבליט מטבעת ה״סלע״ של השנה השלישית במטבעות בר־כוכבא **.

בתקופת הרב, ר׳ בערוש אשכנזי, הוקמו לכל אורך הקיר המזרחי מבנים של חנויות שהוחכרו לצורך מקור הכנסה להחזקת בית הכנסת. מבנים אלה כערו את מראה הקיר ותשומת הלב למראה בית הכנסת הופנתה מן הצד הזה לצד הדרומי שלו — צד הכניסה.

רק בראשית שנת תשל״ו, עם הגיע לידי תצלום של הקיר המזרחי של בית הכנסת, שנעשה באחרונה ע״י תושב סובייטי, יליד סלונים, שביקר במקום באמצע 1975, התבלטו נגד עיני ביותר 4 העמודים אשר היוו, בלי ספק, את הקשר בין ״המקדש מעט״ למקדש בירושלים.

בהזדמנות זו כדאי לציין: פגעי המלחמה ופגזי התותחים הרוסיים לא הצליחו למוטט את הבנין והקיר המזרחי, אך רישומם ניכר מאד מן החורים, חורי הפגזים שפגעו בו. והשלטונות הסובייטיים לא מצאו עד היום לנחוץ לתקנם לבל יהרס הבנין, ולוא מבחינת היותו עתיק־יומין, כמונומנט היסטורי של העם שנכחד ע״י הנאצים.

מרבית העיר כבר נבנתה מחדש ע״י השלטונות ומעט מזעיר נשאר מן העבר היהודי בה. ראשי העיר הקימו בה מוזיאונים ונטעו גנים למכביר, אך נמנעו מלנהוג כבוד במקום הזה והפכו את השריד היהודי היחיד, את המקדש המונומנטלי בן שלש מאות שנה ומעלה, למחסן לבשר וירקות.

## ראשיתה של תנועת „גורדוניה

עד לפרוץ מלחמת העולם השניה היתה תנועת הנוער החלוצית „גורדוניה״ נפוצה בפולניה על כל חבליה, בליטה, בלטביה. ברומניה ובארצות אירופה אחרות וכן בארצות אמריקה הלטינית בצורת אגודות נוער ע״י מפלגת „התאחדות צעירי־ציון והפועל הצעיר״ ואף כאגודות עצמאיות. חלקה של תנועה זו היה רב ב„הכשרה״ לעליה לארץ ישראל וכן גם מקומה בעליה ובבנין הארץ.

יכול אני לקבוע בכל האחריות, שתנועה זו הורתה ולדתה בסלונים, העיר הראשונה בה הוכרזה אגודת נוער בשם „גורדוניה״.

בסלונים התקיים סניף פעיל של ה„התאחדות״ ולידו אגודת נוער אשר התחנכה ברוח תנועת העבודה בארץ ישראל, דרכו של „הפועל־הצעיר״ ותורת א״ד גורדון. לפחות פעם בשבוע היתה מתקיימת הרצאה על אחד הנושאים הפרוגרמטיים של התנועה, על פעולות „החלוץ״ והחיים בארץ־ישראל. ההרצאות היו מלוות בררורים ויכוחים. היו מקיימים גם ערבי שאלות ותשובות בהשתתפות ראשי התנועה במקום ולעתים גם מן המרכז הארצי. החברים היו פעילים במפעלי הקרן הקיימת לישראל, היו משתתפים בהרקת הקופסות של הקהק״ל בבתים, נוטלים חלק פעיל בימי סרט וכדומה והיו ערים לכל הבעיות שהיו מנסרות בעולם היהודי ובחיי הקהלה היהודית במקום. כמו כן קיימו קורסים ללמוד השפה העברית לחברים שלא שלטו בה מספיק.

בשבת, כ״ו בשבט התרפ״ב (1922) עם התקבל בסלונים בבוקר עתון ה„היינט״ מיום ו׳ ובו טלגרמה על מותו של א״ד גורדון ז״ל בדגניה א׳ ביום כ״ד בשבט בצירוף דברי הערכה לנפטר, קראנו מיד אספה כללית של חברי ה„התאחדות״ ואגודת הנוער שעל ידה להערכת המורה הגדול והדגול, שבמותו אבד המחנך רב ההשפעה של ציבור הפועלים בארץ־ישראל ושל תנועת העבודה הציונית בכלל. בו במקום הכרזנו על אגודת הנוער שלנו בשם „גורדוניה״ והוחלט לדרוש מן המרכז ששם זה ישאו כל אגודות הנוער של ה„התאחדות״. על כך פנינו במברק למרכז בוורשה ובקשנו במכתב את כנוס מועצת המרכז לשם כך.

כעבור ימים מעטים השתתפתי בישיבת מועצת מרכז ההתאחדות בפולין, שהייתי חבר בה, ושם נתקבלה הצעתנו. המרכז שלח הודעות לכל הסניפים ברחבי פולניה אודות השם „גורדוניה״ שישאוהו בכבוד כל אגודות הנוער, וחבריהן יתחנכו ברוח המורה הגדול, אבי תורת חיי עבודה בארץ ישראל, א״ד גורדון ז״ל.

## הקרן הקיימת לישראל בסלונים

כמורשה הקרן הקיימת לישראל בסלונים במשך שנים רבות ועד עלותי לארץ בסוף 1925, הנני לציין כי מכל ערי פולין הצטיינה סלונים במסירותה ונאמנותה לגאולת הארץ. על כך העיד גם מר שמואל דיין ז״ל מנהלל לאחר בקורו בעיר. (מכתבו ללשכה הראשית של הקהק״ל בנידון זה מובא להלן).

הפעולה למען הקרן הקיימת היתה מאורגנת ומסודרת באופן אידיאלי, עד כדי ניצול כל האפשרויות שיתכן להעלות על הדעת לשם הגדלת ההכנסה.

בפעולות המסועפות נטלו חלק זקן ונער, ציונים ותיקים עם בני תשחורת, גברים ונשים.

ועדת הקהק״ל היתה מורכבת מבאי־כח כל האגודות הציוניות ואגודות הנוער והעבודה נתחלקה בין כל הגופים שראו בקרן הקיימת פעולה ציונית ממדרגה ראשונה.

העיר חולקה לאזורים לשם הפצת הקופסאות והרקתן החדשית הקבועה. בפעולה זו השתתפו זוגות — מבוגר עם צעיר. אגודות הנוער גייסו את חבריהן לימי־סרט, שהיינו עורכים בסלונים לעתים קרובות ואשר נוסף להכנסה

---

*) ראה פנקס־סלונים, כרך ג׳, עמודים 334—336.

**) קיימת תמונה של הקיר המזרחי של בית־הכנס בציון 4 העמודים של היכל.

שנתקבלה ערכם היה רב גם מבחינת התעמולה הציונית, שכן התוויות שהוצמדו לדשי בגדיהם של העוברים ושבים קרבו את ההמונים לרעיון הציוני ולגאולת הארץ.

תשומת-לב מיוחדת הופנתה ליעור הארץ — לנטיעת עצים בעקבות שמחות בבתי ישראל ובכל הזדמנות מתאימה אחרת. זוגות של פעילי הקרן הקיימת לישראל היו מבקרים בכל חתונה, ברית, חגיגת בר־מצוה, ימי הולדת ושיתפו את האורחים בנטיעת עצים על שמות חתני השמחה.

באירועים יוצאים מן הכלל לא היו מסתפקים בנטיעת עצים יחידים, אלא בנטיעת „גנים" ו„חורשות" וכן בהרשמות ב„ספר הזהב" של הקרן הקיימת לישראל.

הקערות לגאולת הארץ שהעמידו בבתי התפילה בערב יום־הכפורים תפשו את מקומן המכובד בין עשרות קערות שונות לצרכי ציבור ולצדקה ועל ידן ישבו מחשובי הצבור והשגיחו שתרומת כל מתפלל תתאים ברמתה ליכלתו ומעמדו.

פרק בפני עצמו היתה הפעולה המיוחדת בבתי הכנסת: ימי שבתות שבהם הקדישו מפעלי נדרים למען גאולת הארץ, „מכירת" פסוקי „אתה הראית" לפני ההקפות ב„שמחת תורה" שבהם חזרו כמה וכמה פעמים על הפסוקים האמורים עד ששיתפו את מרבית המתפללים בנדריהם, מפעלי „יזכור" בעת „הזכרת נשמות" בחגים והזדמנויות אחרות, שימשו מקורות הכנסה ניכרת ואלה חייבו כח-אדם לא מועט ומאמץ בלתי פוסק, שחייב גם בגביית הכספים המובטחים, אשר רק בהתנדבות רחבה ומתוך הכרה עמוקה בחשיבות הפעולה, אפשר היה להגיע לתוצאות חשובות.

הפעולה למען הקרן הקיימת לישראל, שימשה מעין קנה־מידה למצב הציונות במקום, למצב בארץ־ישראל והעליה, וכן לכמות הסרטיפיקטים שהוקצבו לעליה החלוצית, כי הפעולה למעו הקהק"ל נתנה לחלוץ המועמד לעליה נקודות מסויימות בתור לעליה. והנה עדותו של ה' שמואל דיין 'על הקרן הקיימת לישראל בסלונים.

### זהו קטע מתוך החוברת של הקרן הקיימת לישראל „קרנגו"

זהו קטע מתוך החוברת של הקרן הקיימת לישראל, „קרנגו" מספר 6—7, אדר—ניסן הרפ"ו — 1926, שיצאה בירושלים בשם: הקרן הקיימת, בולטין לידיעות הלשכה הראשית של הקהק"ל. בעמוד 13 מופיעה סקירה של ה' שמואל דיין מנהלל שהיה בשליחות הלשכה הראשית לקהק"ל בפולין, וזו לשונו:

„בסביבות אלה מכניסה כל נפש מישראל בעיר בערך חצי זלוטה (2 ג"מ) לשנה, בסביבות וילנה 1,5—1 זלוטה (6—4 ג"מ) לשנה. נמצאות ערים יוצאות מן הכלל, נמצאים אנשים „משוגעים" לקהק"ל המוסרים את חייהם על זה, עובדים בימים ובלילות שנים רבות. עיר כסלונים הכניסה 3 זהוב לנפש (12 ג"מ) וקבלה על עצמה לתרפ"ו כפלים. אמנם לא רבות הן ערים אלה ומעטים האנשים המסורים כ"כ, אבל צריך להגיד, שבכל העבודות הציוניות של כל הקרנות, גם של הפועלים, הקהק"ל היא היחידה המורמה בעם, המושרשת בתוך כל השכבות והכי עניות, היא היא המחנכת לא"י, המספרת על התחיה, על שינוי חיינו, המכניסה חיים חדשים בלבבות השוממים בגולה".

## דער ראד קראמען

דער ראד־קראמען איז געווען די הארץ פון סלאנים, דער האנדלס צענטער פון שטאט. פון דאנען זיינען זיך צוגאנגען גאסן אין אלע ריכטונגען: אין מערב — צום שולהויף און צום שטאט־טייל וואס האט געהייסן „אויפן בארג"; אין דרום — צום „פלאץ" (מארק), וועלכער איז געווען דער צווייטער צענטער פאר האנדל, איבערהויפט מיט די פויערים, וועלכע פלעגן זיך צונויפפארן אין מארק־טעג. אין מזרח — די גאס וואס פירט צו דע שטשארע, צום בריק ביי „באליאנע" און האט געפירט נאך דער ערשטער וועלט מלחמה אויך צו זאַ־מאשטשע; און אויך א צווייטע גאס וואס האט געהייסן ביי די פאליאקן „קאסציושקא־גאס", פארביי גראדזענסקי'ס אפטייק, צום פאסט־אמט און פון דארטן צום טייך; פון צפון־מזרח — בריקער גאס מיט איר גרויסער סביבה און פון צפון־מערב — פאנעסווער גאס, פארביי דעם פוסטן סאד מיט די ארומיקע גאסן. די צוויי גאסן לענג אויס די קראמען: פון מזרח — דער אזוי גערופענער „נעווסק" און פון מערב „פאראדנע" (פארביי סטרעבייקאס אפטייק) זיינען אויך געווען פול־באזעצט מיט גרעסערע געשפטן. (זע אין המשך א באזונדערע רשימה).

דער ראד האט ענטהאלטן ביי 140 קראמען פון אלע געברויך־ארטיקלען פאר די שטאט איינוווינער און אומגעגנט. א 7—8 יאר פאר דער ערשטער וועלט מלחמה איז דער ראד־קראמען איבערגעבויט געווארן. אויף דעם פלאץ איז געשטאַ־נען אנ'אלטער ראד־קראמען; ער איז געווען אלט פון יארן און שטארק אפגעלאזן, און מען האט אים געמוזט צוווארפן און בויען פון דאסניי. די אלטע לאנגע געביידע איז געווען פיל נידריקער פון דער נייער, און דער דאך פון דאכאווקעס איז געווען אנגעשפארט אויף געמויערטע סטאלבעס פון ביידע זייטן, וועלכע האבן אזוי־ארום געשאפן א צוגעדעקטן טראַ־טואר פאר פוסגייער לענג אויס ביידע זייטן קראמען. דער טראטואר איז געווען ברוקירט מיט געוויינלעכע שטיינער ווי די גאס.

דער ראד־קראמען איז געווען ביי 150—200 מעטער לאנג. איבער יעדער קראם איז געווען איר נומער פון אנ'איינהייט־ליכן גרויס; עס זיינען געווען ביי 68—70 קראמען פון יעדן זייט און צו 3 פון ביידע שמאלע זייטן. דער לאנגער בנין האט אינמיטן געהאט א דורכגאנג, וועלכער האט זיך גערופן דער „ראזריוו" צום דורכגיין פון איין זייט צום צווייטן. דער דורכגאנג האט אויך געדינט אלס ארט צו האלטן די ריינ־גונגס כלים און אלס א מין פארזיכערונג צו איזאלירן בעת א שריפה איין האלבן ראד פון דעם צווייטן.

דעם זייט צום נעווסקי האט מען גערופן — „דער רייכער זייט" און דעם צווייטן „דער ארימער". אייגענטלעך ניט אלע קראמען אין רייכן זייט, מ'שטיינס געזאגט, זיינען געווען רייכע; אין נאענטן שכנות פון גרויסן און באמת רייכן אייזן געשעפט פון יעזערסקי'ן זיינען געווען די קרעמל פון אלטן אייזנווארג הענדלער אברהם'ל ראשקעס (קרופעני) ווו מען האט געקענט קויפן אנ'אלטע זאוויעסע, אדער א פאררוקערל פאר אפאר גראשן און אויך א קרעמל מיט שמארעווידלע (שמיראכטס) פאר רעדער א. א. וו. אבער דאך איז געווען א גרונט פאר דעם באמען „רייכער זייט", ווייל מערסטנטייל

פון די געשעפטן זיינען דארטן געווען גרעסערע און פון מער דעליקאטע ארטיקלען, ווי: בעסערע גאלאנטעריי, היט, מאַ־נופאקטור פון בעסערע אויסארבעטונג א. א. וו.

אט זע איך פאר מיר פון אנפאנג פון רייכן ראד די נומערן 1—2: די גאלאנטעריי קראם פון שיינע „שכינעכעס״ (לידער), די קליינינקע פרוי מיט אירע טרייסלענדיקע הענט, ווו אונדזער „צעירי־ציון״ חבר יעקב לידער האט אין די צוואנציקער יארן אנגעפירט מיטן משפחה־געשעפט, ווייטער אין די נומערן 3—4 איז געווען דער מאנופאקטור־געשעפט פון אברהם און חיה ליכטענשטיין, וועלכער איז געווען דער איינציקער געשעפט אין „ראד״, וואס איז געווען פארטראטן אין ביידע זייטן מיט אנ׳אייגענעם דורכגאנג. אויף וויפל איך געדיינק, זיינען געווען אין „רייכן זייט״ די געשעפטן פון די היטן־פוצערקעס רייצע אבראמאוויטש און רחל לעמקין, ביידע מיט שויפענסטער פון זייערע אויסארבעטונגען; די געשעפטן פון פאסמאניק און כאווין פון מענער־היט, היטלען, זומערדיקע, ווינטערדיקע, שטרויענע, קאראקולענע און אפילו שטריימלאך פאר חסידים; ווייטער — „ליבע זושיכעס״ (טשעפעלעווסקי׳ס) שוך געשעפט, חאמע גראיעווסקי׳ס גאַ־לאנטעריי געשעפט (וועמענס זון, משה זלמן, וואס האט געארבעט אין געשעפט, איז אין 1905 — געווען אנ׳אקטיווער חבר אין עס־עס פּרטיי), דאס זיינען מער — ווייניקער די קראמען ביזן ראזריוו וואס איך געדיינק. ווייטער זיינען געווען קליינע קירזשנער־קרעמלאך, מערסטנס פאר פויערים. זיי פלעגן פארקויפן אויך היטלען מיט גלאנציקע קאזשירקעס פאר די שילער פון די רעגירונגס שולן, אין שטאט און אין דארף, ספעציפישע היטלען מיט באזונדערע גערבן, ווי אויך לעדערנע פאסן מיט „ספראנטשקעס״ אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעפרעסט די איניציאלן פון דער שולע. דא זיינען געווען די אייזן־קראמען פון יעזערסקי, עדעלמאן און אנדערע. יעזערסקעס געשעפט האט פארנומען א גרעסערן שטח מיט א גרויסן קעלער, וואס איז געווען אנגעפילט מיט סחורה. אין פראנט זיינען געשטאנען טעלעגע קאוואדלעס, אויף וועלכע מען פלעגט אפהאקן אייזן־פאסן אויף אנציהען אויף הילצערנע רעדער, און „פאדרעזן״ פאר שליטנס. דאן זיינען געווען אריהע האלב־ליידיקע קרעמלאך און ווידער קליינע אייזן־געשעפטלאך, רימערס, קרעמלאך פון שמיראכטס פאר רעדער, וועלכע האבן געגעבן א שארפן ספעציפישן ריח.

פון שמאלן זייט, קעגנאיבער ר׳ איטשע קוניצע׳ס גלאז־געשעפט איז געזעסן דער געלט־חלפן ר׳ דוד שוהאטאוויטש און אין שכנות מיט אים, דער ברויזענדער און קאכיקער קאר־פעלע ריפ (א זון פון ר׳ שמואל, א סלאנימער חסיד, וואס פלעגט גיין אויסליידיקן „ר׳ מאיר בעל הנס״ פושקעס). קארפעלע האט געהאט א גרויסע השפעה אויף די פויערים וואס פלעגן קומען אין שטאט ביים דאלארן אדער פונטן שטערלינג וואס זיי פלעגן באקומען פון זייערע קרובים וואס האבן עמיגרירט אין אויסלאנד. קארפעלע פלעגט מאכן דעם אנשטעל, אז ער האט כלומר׳שט „פארבינדונגען״ מיט ניו־יארק און לאנדאן, כדי צו וויסן דעם לעצטן קורס פון דער וואליוטע, פלעגט ער אין אנוועזנהייט פון פארקויפער ארײנ־גיין הינטערן פארהאנג און מכלומר׳שטן אנקלינגען אין טעלעפאן און „ריידן״ דירעקט מיט ניו־יארק אדער לאנדאן...

אין „ארעמען זייט״, כמעט ביזן „ראזריוו״, זיינען אויסער איינצלנע פאלן, געווען קראמען מיט „גוישע״ סחורות, ד״ה שטאפן פאר קליידער און בלוזן פאר פויערטעס — מערסטנ־טיילס לייכטע זומערדיקע שטאפן מיט בונטע פארבן: רויט, גרין א. ד. ג. און ווינטערדיקע, שווערע שטאפן פון ביליקער אויסארבעטונג. די פויערים פלעגן גיין פון קראם צו קראם, קוקן, טאפן די שטאפן, דינגען זיך אויף די פרייזן און קויפן אמ׳ענדע וואס זיי דארפן.

אין המון זעט מען א פויער וואס שאקלט זיך פון זייט צו זייט. ער איז געווען אין שיינק און האט שוין אויסגעטרונקען אפאר גלעזלעך. יאגט אים אן א חדר־ייִנגל און רופט צום ערל: „היי, טשעלאוועטשע, — שיר המעלות נא פלעטשע״. הויבט דער גוי אויף זיינע שווערע קוים באוועגלאכע הענט, זוכט אויפן פלייצע אין דער לייגג און אין דער ברייט: „ניטשעווא נימא״ מורמלט דער אנגע־טרונקענער גוי. רופט דער ייִנגל ווייטער: „היי, פאגליאדי, ,שיר המעלות׳ נא גאלאווע״. הויבט שוין ווידער דער פארשי־כורטער גוי זיינע שווערע הענט צום היטל און קען ניט דעגרייכן צום שפיץ. זוכנדיק אויפן קאפ, ווארפט ער אראפ זיין היטל, בייגט ער זיך איין, וועלנדיק אים אויפהויבן — פאלט ער אנידער טויט שיכור...

גייען פארביי מענטשן; ווער פון זיי באדויערט און גייט ווייטער, ווער — גיט א שמייכל און אנדערע בלייבן שטיין און קוקן ווי דער אנקומענדער פאליציאנט באוועגט אים צוביסלאך מיטן פוס, שאקלט אים, טרייסלט אים און אמענדע שטעלט ער אים אוועק אויף די פיס און וואקלענדיקערהייט פירט ער אים אוועק.

אין א מארק טאג איז אט דער טייל פון ראד־קראמען פול מיט א המון געקליידעט אין בונטע פארבן און פילט אויך אן די גאס. אבער דאס איז נאר איינמאל א וואך, און די איבעריקע טעג פון דער וואך זיצן קרעמער אדער קרעמער־קעס ביים טיר איינער נעבן דעם צווייטן, מען קוקט אויף רעכטס, אויף לינקס, טאמער וועט זיך ווייזן א פויערטע מיט א רויטע טיכל פון דערווייטנס, מען כאפט א שמועס וועגן פארשיידענע ענינים; די אויסנאם־קראמען אין אט דעם פערטל פון ראד זיינען די עטלעכע גרעסערע גאלאנטעריי־געשעפטן פון טעלצע און מענדל איינשטיין און פון איטקע משה־יוסף׳ס (כ׳געדיינק ניט איר פאמיליע־נאמען), וועלכע זיינען שטענדיק פול מיט ארטיקע קונים, הענע־רחל ראכא־וויצקי׳ס פארב־קראם און נאך עטלעכע אנדערע, וועלכע זיינען אויך ניט דירעקט פארבונדן מיטן מארקטאג.

דער פערטער פערטל פון ראד איז פארטראטן מיט פארשיידנארטיקע קראמען, צווישן וועלכע די בולטע זיינען דער שטריק־געשעפט פון רפאל קאפלינסקי, דער באקאליי־געשעפט פון עוזר שפירא, דער מאנופאקטור־געשעפט פון אברהם און חיה ליכטענשטיין (מיטן דורכגאנג צום רייכן זייט). דער ראד האט זיך פארענדיקט אין צווייטן שמאלן זייט מיט דער גרויסער מאנופאקטור־קראם פון די שותפים יעקימאווסקי — גלושעוויצקי. אומגעפער 30 קראמען האבן געהערט צו דער ישיבה, וואס במשך פון יארן האבן עלטערע קרעמער אדער זייערע יורשים זיי אפגעגעבן אויף ״עולמות״ און די הכנסה אין געגאנגען פאר דער ישיבה.

אלע קראמען, אן אויסנאם, זיינען געווען יידישע, צו זיינען בכלל דען געווען גויים אין ברייטן שטח פון צענטער שטאט? די ביסל גויים האבן געלעבט אין די שטאט פעריפעריעס. אין צענטער זיינען געווען בלויז צוויי ניט־יידישע געשעפטן: די אפטייק פון סטרעבייקא ביים קאסטשאל, קעגנאיבער דעם „ארעמען" זייט און די קאאפעראטיווע פוילישע קאנסומענטן־קראם, קעגנאיבער דעם רייכן זייט, וואס אין געשאפן געווארן מיט אנטיסעמיטישע טענדענצן.

שבת און יום־טוב האט אין דער גאנצער אומגעגנט געהערשט פאלקאמע רו; א לאנגע שורה פון פארשלאסענע טירן, קיין קלאפ ניט געהערט, קיין פור ניט דורכגעפארן, אויסער אמאל, זייער זעלטן, פלעגט דורכלויפן דער רויטער אויטאמאביל פון גראף פוסלאווסקי פון אלבערטין, וועמענס פייף פלעגט זיך דערטראגן פון דערווייטנס כדי צו מאכן א וועג צווישן די שבת־יידן וואס פלעגן שפאצירן אין מיטן די גאסן. אין דער לופט האט זיך געטראגן א לאנגע צייט א גרינגער רויך און א שארפער־ריח פון פארברענטן בענזין.

דער בעווסק, קעגנאיבער די קראמען, האט געדינט אין די אונטן אלס שפאציר־פלאץ פאר דער יוגנט. דארטן פלעגן זיך טרעפן בחורים מיט מיידלאך, שפאצירן און שמועסן — דארטן אין די שפעטערדיקע יארן פלעגט שוין שטודירנדע יוגנט קאקעטירן אויך אין רוסיש און נאכהער אין פויליש...

דאקעגן, די ציוניסטישע יוגנט האט אין די נאך־מלחמה יארן זיך „עראבערט" אלס טרעף־פונקט קעגנאיבער, דעם ברייטן טראטואר פון רייכן זייט פון ראד־קראמען. דא זיינען דיסקוטירט געווארן אלע פראבלעמען, שטאטישע און ציוניסטישע. דא האט מען אויך גערעט עברית. מאניע קאפלאן ז"ל, וועלכער איז געווען סעקרעטאר פון דער יידישער קהלה און מיטגליד פון מאגיסטראט, האט אנאמען געגעבן דעם טראטואר אין א שפאס „דער נאציאנאלער באדן". אהער פלעגט ער אנקומען נאך א זיצונג פון דעם ועד הקהלה, זיך טרעפן מיט חברים און דערציילן פון די פראבלעמען וואס זיינען באהאנדלט געווארן, אדער פאר א שפאציר מיט זיין פרוי אסתר ז"ל און זיך טרעפן מיט חברים פון אלע ציוניסטישע גרופירונגען.

דער ארעמער זייט קראמען איז ווי ער וואלט געווען רעזערווירט פאר עלטערע מענשן: דא פלעגן שבת שפאצירן בעיקר בעל־הביתישע יידן מיט זייערע פרויען, ווי אויך פארשיידענע בעלי מלאכה, דא פלעגן זיי כאפן א ביסל פרישע לופט און א היימישן שמועס...

## די האנדלס־גאסן ארום ראד־קראמען

דער האנדלס־צענטער איז באשטאנען ניט נאר פון דעם ראד־קראמען. ער האט אריינגענומען אויך די גאסן קעגנאיבער ביידע זייטן פון ראד, ווי אויך דעם קליינעם מארק וואס האט געפירט צום שולהויף און דעם גרויסן מארק־פלאץ, ווו ס'פלעגן פארקומען די מערק, און די קראמען וואס ארום אים.

אנטקעגן דעם „רייכן" זייט פון ראד, לענג אויס דעם נעווסקי, זיינען געווען א רייהע געשעפטן. אויפן ווינקל אולאנסקע האט זיך געפונען דער קאבינעט פון צאן־דאקטער קאמענעמאסטקי. אין הויז פון די ברידער שאפירא — די פוילישע קאאפעראטיווע קראם, אויבן, אויפן צווייטן שטאק האט זיך ביז 1914 געפונען דער קינאמאטאגראף פון גאוויש, ווייטער — דער זייגער־מאכער און געשעפטס־אינהאבער דיין, די הייזער פון חיים יעלעצקי און אברהם ליכטענשטיין. אויף זייער גרויסן הויף האבן זיך געפונען ביז 1915 די רוסיש־יידישע רעגירונגס־שולע (יעווריייסקע) און די רוסישע שטאט־שולע (גאראדסקאיע). אין זעלבן בנין איז שפעטער געווען לאקירט די יידיש־פוילישע גימנאזיע. נאכן הויז פון ליכטענשטיין איז געשטאנען א גרויסער צוויי־שטאקיקער מויער; אונטן — פארשיידענע געשעפטן און אויפן צווייטן שטאק, איז פאר 1914 געווען א רעסטאראן; בעת דער ערשטער דייטשער אקופאציע איז דארט געווען א קלוב פון דייטשע אפיצערן. אין קלוב פלעגט זייער אפט קומען דער קראנפרינץ פון בייערן, לעאפאלד, וועלכער איז געווען דער הויפט־קאמאנדיר פון מזרח־פראנט און וועמענס שטאב האט זיך געפונען אין אלבערטינע. נאכהער, איז א געוויסע צייט דער שטאק געווען פארנומען דורכן „רויטן מגן דוד". אין דער נעקסטער געביידע איז געווען דער גרויסער פאפיר געשעפט און בוכהאנדלונג פון ז. ליובאווסקי, וועלכער האט געהאט די אגענטור פון אלע צייטונגען און זשורנאלן פון ווארשע; דער פרוכט־געשעפט פון פאליאקאו, די קראם פון שרייב־מאטעריאלן און ביכער פון ה' ריף; דער פוטער־געשעפט פון לייבע מיליקאווסקי; ביז 1915 איז דארט אויך געווען דער געשעפט פון וועלאסיפעדן און גראמאפאנען פון וואלאכוויאנסקי, נאכהער — דער אפטייק־געשעפט פון לאכאזוויאנסקי און דאן דאס הויז פון רייצע אבראמאוויטש ווו ס'זיינען געווען א קאפע און געשעפטן און ווו אויפן צווייטן שטאק אין אין דער פוילישער תקופה געווען די קאנצעלאריע פון נאטאריוס טיטוס סאלטאווסקי. קעגנאיבער דעם ראד, אויפן ווינקל בריקער גאס — די גרויסע און שיינע געביידע פון ישראל רוטקאווסקי, ווו ס'האט זיך געפונען זיין מאנופאקטור געשעפט. בעת דער ערשטער דייטשער אקופאציע האט זיך אויפן ערשטן שטאק געפונען די שטאט־קאמענדאנטור.

אנפאנג האנדלס־גאס, קעגנאיבער דעם „ארעמען" זייט קראמען, אויפן ווינקל פאנעסווער גאס איז געשטאנען דאס הויז פון גארפינקל מיטן מאנופאקטור־געשעפט פון חיים קאסטעלאנסקי, דער געשעפט פון די ברידער קוניצע פאר עלעקטרע — און וואסער לייטונג־מאטעריאלן. דער פאפיר־געשעפט פון שערעשעווסקי (ניט פון דער משפחה ר' יוסף), אין די הייזער פון די ברידער ר' יוסף און ר' צבי שערעשעווסקי זיינען געווען זייער וויין־געשעפט, דער טאבאק־געשעפט, א שערערייי, א שפייז געשעפט. אין הויז פון ר' לייבטשע קאגאן האט זיך געפונען א געוויסע צייט דער געשעפט פון פארטיקע זאכן פון קאברינסקי און א קאנדיטאריי געשעפט פון פרוי קריינע דאווידאווסקי; נאך אים איז געשטאנען דער שיינער מויער ווו ס'איז געווען דער פוילישער אפטייק פון סטרעבייקא. (דארטן פלעגט ד"ר בעלסקי אויפנעמען א געוויסע צייט זיינע פאציענטן). נאכהער — דער טויער פון פוילישן קאשטשאל, ווו ס'האט זיך געפונען אויך א גלחים־סעמינאר. בא דער ערשטער דייטשער אקופאציע איז דארטן געווען א שפיטאל. דער איינגאנג האט געפירט צום קאשטשאל

און צו מערערע געביידעס הינטער וועלכע ס'איז געווען א גרויסער פרוכט־גארטן. אין א קלענערע געביידע נאכן קאשטשאל זיינען געווען דער גאלאנטעריי געשעפט פון טשערנע לובטשאנסקי (באקאנט מיטן צונאמען „טשערנע מערעמונטשיכעס״); דער פריזירער לאסקין, א שפייז־קראם און גאלאנטעריי־קראם פון שמואל באטווינסקי, אין ראג פון רב״ס (ר' מרדכי'לעס) געסעלע. דארטן איז אויך געזעסן א גאלדשמיט מיטן נאמען שאפירא. אין רב'ס גרויסן ווינקל־מויער האבן אויפן צווייטן שטאק געוווינט דער רב ר' מרדכי'לי און זיין זון ר' זיידל. אין אונטערשטן שטאק — דער געשעפט און וואנונג פון ר' אהרן מאנאסעוויטש, א מעל־קראם דער אפטייק־געשעפט פון רפאל קאפלינסקי, פריהער דער מאנופאקטור־געשעפט פון אבא שאכנערס.

אנטקעגן דעם צווייטן שמאלן זייט פון ראד־קראמען האט זיך געפונען דער גלאז־געשעפט פון ר' יצחק קוניצע און א לאנגע רייהע פון רימער קרעמלאך, ביזן מויער פון ה' זעליקאווסקי, ווו ס'איז געווען זיין האטעל „וויקטאריע״, וועלכער איז געווען דער אנגעזעענסטער אין שטאט, און אונטן — דער אפטייק־געשעפט פון אייבעם פון זיינע זין.

די האנדלס־גאס ציט זיך ווייטער פון דעם רב'ס מויער צום מארק־פלאץ. נאך דער גאס וואס פירט צום שולהויף, קומט דער מויער פון ירוחם לעווינשטיין ווו ס'איז געווען דער גרויסער באקאליי און פארב־געשעפט פון מאיר מעשל. נאך אים גייט דער אפטייק־געשעפט פון באסקיר, דער קינא פון יעליאן, דער טויער וואס האט געפירט צו דעם פאטאגראפישן אטעליע פון נאטקאוויטש, דער גרויסער וויין און געטראנקען־געשעפט פון וואלף שיינבערג, עטלאכע קלענערע קראמען, דער האטעל „פעטערבורג״ פון שואל קווינט און אין ווינקל דאס פאפיר־קרעמל פון אלפערשטיין. דאס הויז פארן ווינקל האט געהערט צו ר' איצעלע אסתרקעס. (אסתרקע איז געווען אנ'אשת־חיל, אנ'אייניקל פון בעל „אפיקי יהודה״). דערנאך קומט בורשטיין'ס מויער ווו ס'האט געוווינט ר' אלחנן ז״ק, דער מורה הוראה. לייגג אויס דער גאס קעגנאיבער דעם מארק־פלאץ איז געווען די שפייז־קראם פון נחמה־קע און יהושע קרופעני; אין דער פאלגענדער געביידע דער פאפיר־געשעפט פון צבי שפירא, דער חזיר־פלייש געשעפט פון דעם דייטש מאיענקא, די געסעלע פון שלמה־מאיר רובינאווסקי, דער „סטאראסטא״, וואס האט געפירט צום שולהויף, דער שיינק פון משה ברעווערע, די שפייז־קראמען פון מנשה ראטנער און זאקליאס און א שערעריי, אין צוויי־שטאקיקן הויז פון שניידער אהרן סאלאמיאנסקי. אויפן ראג שולהויף און רוזשנאיער גאס — דאס געשעפט פון פארב און בוי־מאטעריאלן פון אייזל שערעשעווסקי; אויפן צווייטן ראג פון סקראבעווער און רוזשנאיער גאס, קעגנאיבער דעם מארק־פלאץ, — אין קעוועס'עס מויער — דער גרויסער בוד־און צייטונג־געשעפט פון יוסף רעזניקאווסקי (ווו אויפן צווייטן שטאק איז אין די 20־קער יארן געווען דער „מושב־זקנים״). אין שכנותדיקן הויז איז געווען א געשעפט פון א זייגער מאכער און אין קעלער די בייגל בעקעריי פון לייקע דאבעס. נאכהער גייט ר' שמעון קאפעליאוויטשעס (דעם חסידישן־רבינ'ס איידעם) — שניט־געשעפט, עובדיה דעם בעקערס (דוניעץ) בעקעריי און קאנדיטאריי, דאס הויז און געשעפט פון טעוול לעמקין, דעם שטעפער.

אנהויבנדיק פון צווייטן זייט פון האנדלס־גאס, קעגנאיבער מעשל'ס געשעפט, זיינען געווען אין ווינקל — דער גלאז־געשעפט פון איטשע קוניצע, זיין ברודער מיכל'ס שפייז־קראם, א קאנדיטעריי, דער גרויסער גלאז־געשעפט פון שמעון אנעקשטיין, דער דעליקאטעסן־ געשעפט פון שרה'קע דער קליינער און דאס באנק־הויז פון נחום לאזינסקי. נאך דעם הויז — א שיינק. אויפן ווינקל פון א געסעלע וואס האט געפירט צו בערנארדינער גאס איז געשטאנען דאס צוויישטאקיקע הויז פון נחום יאקימאווסקי, ווו ס'איז געווען אויפן ערשטן שטאק דער שיינק פון מאיר שעליובסקי. נאך אים, אויפן צווייטן ראג פון זעלבן געסעלע — יהושע־אליעזר קוניצע'ס נאפט־געשעפט, וועמענס איידים איז געווען דער לערער און „התאחדות״־טוער ז. ווערעביאווסקי. פאלגענדיק ווייטער דעם רונדיקן מארק־פלאץ איז געווען דער אפטייקגעשעפט פון ר' ביינוש שמיט, דער מעל־געשעפט פון בטלן און א וועשעריי. פון דארט, האט א שמאל געסעלע געפירט ביז צום ברעג פון טייך, פארביי יאכוועדאוויטשעס הויז און הרצל יורש'ס הייזער. נאכן געסעלע — דער שיינק פון „אלטע יששכרטשיכעס״ — רעזניק (די מוטער פון משה און מיירים רעזניק). נאך דער גאס צום „נאראדני דאם״ איז געווען די געביידע פון „וואדאפראוואד״ (וואסער־לייטונג פון שטאט) און דאס שיינע הויז פון „אלטן בחור״ שערעשעווסקי, דאס לאנגע הויז פון פערד־הענדלער שלמה סוטשקעס, ווו ס'זיינען געווען עטלאכע שיינקען פאר די אנפארנדע פויערים אין די מארק טעג. אין ווינקל מארק־פלאץ און סקראבעווער גאס, אין הויז פון זעלבן באלעבאס איז געווען דער ניט־גרויסער סוחרישער האטעל „צענטראל״ פון מענדל ביזשאנסקי — מערעמינסקי.

אין צענטער מארק־פלאץ איז געשטאנען א „פאמיאטניק״ (אַ „דיינקמאל״) לזכר דאס אונטערדריקן דעם פוילישן אויפשטאנד קעגן די רוסן פון 1863, אונטער וועלכן, ווי מען האט געזאגט, איז געווען א גרויסע הייל. דעם דיינקמאל האט די מאכט אראפגעווארפן גלייך אין אנהויב פון דער פוילישער הערשאפט אין 1919/20

## פארקער אויף דער שטשארע

אויף דער שטשארע (אדער ריכטיקער געזאגט, אויפן קליינעם אגינסקי־קאנאל וואס איז געגאנגען דורך סלאנים) איז ניט געווען קיין רעגולערער פארקער פון שיפן; מען האט אזעלכע איבערהויפט ניט געזען, אויסער דעם שיינעם „פאראחאד״ [1]) פון „וואדנעם נאטשאלניק״ [2]), וועלכער האט אויסגעזען ווי א שיינע פאסאזשיר־שיף אין א קליינעם פארמאט, געפארבט מיט ווייסן לאק, וועמענס „אנקער״ איז געהאנגען אויף דער זייט נאנט צום שיף־עק. א „רעטונגסבייגל״, געפארבט אין ווייס מיט רויטע פאסן איז געהאנגען אויף דער וואנט אויף דער „פאלובע״ [3]). ווען דער פאראחאד האט געפייפט, האט מען דערהערט גאנץ ווייט אין שטאט, און מיר, יינגלאך, האבן שוין געוווּסט וואס דער פייף באַ־

דייט: אז די שיף גרייט זיך ארויסצוגיין פון איר „פריסטאן" [4], אויף דער דאמבע, וועלכער איז געווען כמעט שטענדיק פארמאכט. פארשטייט זיך, אז מיר, חברה, זיינען ניט געווען פויל און מען פלעגט זיך אלאז טאן אין א געלאף צו דער דאמבע און אנקומען אין ריכטיקן מאמענט ווען די שיף גייט לאנגזאם־ארויס פון איר פלאץ, שווימט זיך רוהיק און לאזט זיך חשיבות'דיק לאנגזאם פאראויס ארויף וואסער. אין אונדזערע, יינגלשע אויגן האט די שיף אויסגעזען ממש ווי א „פעליקאן" [5]), וואס מיר האבן געקענט פון בילדער, ווי ער האלט אויפגעלייגט די פליגלען, מיטן קאפ פאראויס און באוועגט זיך רוהיק איבערן וואסער.

אויף דער שטשארע זיינען טאקע ניט געגאנגען קיין שיפן, אבער עס איז דאך געווען א לייכטע באוועגונג אויפן טייך, דאס זיינען געווען די „לאדקעס" [6]), די קליינע שיפלאך, באוועגט מיט „וועסלעס" [7]), וואס „אברהמ'קע פון די לאדקעס" (אזוי איז ער געווען באקאנט אין שטאט) האט געבויט ביים ברעג־טייל פון טייך אנטקעגן ברעגער גאס. די לאדקעס זיינען געווען שיין געפארבט, געווען צווישן זיי רויטע, גרינע, געלע און פון אנדערע פארבן. אברהמ'קע פלעגט פארדינגען די לאדקעס פון שעה. יעדער לאדקע איז געווען פארזען, לויט איר גרויס און צאל פארער, מיט דער געהעריקער צאל פון וועסלעס.

אין אנהויב יארהונדערט פלעגן שוין יידישע יוגנט, בחורים מיט מיידלאך, ארויספארן אויף א שפאציר ארויף־וואסער צום שאסיינעם וואלד, און נאך א גוטן אנמאטערן זיך פון פירן די לאדקע געגן דעם שטראם, פלעגט מען נאכדעם מאכן א פיקניק אין וואלד. צוריקוועגס, מיטן שטראם, פלעגט שוין די לאדקע גיין לייכט. מען פלעגט אויך פארן מיטן שטראם אין דער ריכטונג צום אייזערנעם בריק וואס איז געווען אטייל פון דער אייזנבאן ליניע און ווייטער, ווו דער קליינער קאנאל פלעגט זיך פאראייניקן מיט דער שטשארע. עס זיינען אויך געווען פישער, ניט פיל, וועלכע פלעגן זיך באדינען מיט קליינע צוגעפאסטע שיפלאך.

אין די זומער חדשים איז געווען א שטארקע באוועגונג פון „פליטן" [8]). יעדער פליט איז געווען לאנג ארום 80—100 מעטער. די קלעצער זיינען געווען געבונדן צווישן זיך מיט צווייגן אין דער ברייט און יעדער בלאק פון די געבונדענע קלעצער איז געווען געבונדן צום צווייטן ענלעכן קלעצער־בלאק. אזא פליט איז געפירט געווארן דורך א 5—6 פויערים אראפ וואסער פון די וועלדער אין פאלעסיע איבערן גרויסן אגינסקי־קאנאל, דורך דער שטשארע און ניעמאן, אזש ביז מעמעל אין דייטשלאנד.

די פויערים האבן פארטיילט צווישן זיך די ארבעט. בראש איז געשטאנען א פויער מיט א לאַנגען „פריז" [9]) אין האנט, מיט וועלכן ער האט רעגולירט די ריכטונג פון פליט. און לענג אויס דעם פליט זיינען געשטאנען נאך אייניקע פויערים מיט די זעלבע מכשירים ווי דער ערשטער. אויפן פליט איז געווען איינגעארדנט א שטרייענע ביידל צום שלאפן, ווען דער פליט פלעגט איינגעאנקערט ווערן ביינאכט.

עס איז אויך געווען א ספעציעלער העכערער פלאץ בעדעקט מיט ערד, ווו די פליטניקעס האבן געקאכט זייער עסן.

די באוועגונג פון די פליטן אויף דער שטשארע פלעגט אנהאלטן א גאנצן זומער, און האט געדינט דעם האלץ־האנדל און עקספארט פון די בעסטע האלץ־מאטעריאלן נאך דייטשלאנד. דער האנדל איז געווען אן אויסנאם אין די הענט פון יידישע סוחרים.

א קאפיטל פאר זיך איז געווען א שיף וואס פלעגט 1—2 מאל אין א זומער אראפקומען אין סלאנים מיט טעפ מכל המינים. וואכן לאנג פלעגן סלאנימער באלעבאסטעס אויסקוקן דאס אריינקומען פון דער שיף מיט די טעפ. איבערהויפט פלעגט זי אנקומען אין די טעג צווישן פסח און שבועות און אויך ערב ימים־נוראים ווען מען דארף באנייען דעם טעפ־אינווענטאר.

זיי פלעגן אפט אראפגיין צום ברעג פון טייך זען „צו זי איז שוין דא"; אנדערע פלעגן בעטן די מענער און קינדער וואס גייען זיך באדן צום טייך צו „כאפן א קוק צו די שיף שטייט שוין". שכנות פלעגן ביי יעדן שמועס בארירן דעם ענין פון דער שיף. מען פלעגט אויסקוקן אויף דער שיף מיט די טעפ ווי, להבדיל, די פרויען פון די פישער, נאך א שטורמישער נאכט אויפן ים פלעגן אויסקוקן דאס אנקומען פון די מענער...

ביי איר אנקומען, פלעגט די שיף אנקערן ביים ברעג פון אברהמ'קע פון די לאדקעס, פארן באליאנער בריק. פארשטייט זיך, אז אברהמ'קע האט געהאט א ביסל פרנסה ביים צובינדן די שיף, אויסלייגן דיקע ברעטער, צו מאכן א באקוועמען ארויפגאנג מיט פארענטשעס צום שיף. דאס איז דאך מערסטענס פאר פרויען, דארף זיין א זיכערער ארויפגאנג.

עס פלעגט ניט נעמען לאנג און גאנץ סלאנים פלעגט שוין וויסן, אז די שיף מיט די טעפ איז אנגעקומען. די פרויען פלעגן זיך אלאז טאן צום שיף פון אלע ריכטונגען פון שטאט. די שיף איז געווען א גאנץ גרויסע: טעפ, ליאכינעס, ליאקן, טיגלען פאר וואזאנעס, שיסעלאך מכל המינים זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף די אויפגעבויטע אין דערהויך פאליצעס. די טעפ זיינען געווען געוויינלאכע פון ליים געברענטע און אויך „פרוזשינער" גלאזורטע מיט גרינגעלן לאק.

דער פארקויף איז געווען ניט נאר פאר באלעבאסטעס, נאר אויך פאר די טעפ־קרעמערקעס, און דער טעפ־יריד איז געווען גרויס.

## ערקלערונגען פון ווערטער

1). „פאראכאד", א רוסישער ווארט, וואס באדייט דאמפשיף און איז באנוצט געווארן אין ליטוויש־רוסישן יידיש, מערסטנטייל טערמינען אין צוזאמענהאנג מיטן שיף — און וואסער — וועזן פון דער רוסישער אפשאמונג.

2). „דער וואדנער נאטשאלניק", דער רוסישער רעגירונגס־אנגעשטעלטער, וועלכער האט פארוואלטעט מיטן פארקער אויף די וואסער־וועגן. אין סלאנים פלעגט מען אים רופן בקיצור: „דער וואדנער". דער „האפן" פון וואדנעם אין סלאנים איז געווען אומגעפער אין מיטן פון דעם צענטראלן דאמבע־שפאציר,

אויף דעם קליינעם אגינסקי־קאנאל וואס האט דורכגעשניטן די שטאט.

3). „פאלובע" — אויך א רוסיש ווארט: דער דעק פון שיף.

4). פריסטאן" — דער האפן אויף דער דאמבע, ווו די שיף פון וואדנעם פלעגט אנקערן.

5). פעליקאן" — איין פויגל.

6). „לאדקע" — קליינע הילצערנע שפאציר — אדער פיש־פאנג־שיפלאך.

7). „וועסלעס" — די הילצערנע רודער־שטאנגען, וועלכע די־נען פון ביידע זייטן פון לאדקע, צו באוועגן איר.

). „פליט" — איז א פארייִדישונג פון רוסישן ווארט „פלאט", וואס האט א באדייט א האלץ־טראנספארט מיטן וואסער.

9). „פריז" — לאנגע פלעקער צו מאנעווירן די פליטן.

## צבי חומסקי ז״ל

הלך לעולמו במיאמי (פלורידה) אשר בארצות הברית חברנו היקר צבי ואני הכרתיו מנוער, והוא עודנו צעיר לימים היה חדור הכרה ציונית עמוקה אשר נבעה מעמקי נשמתו. בהיותו בן שבע־עשרה בערך הוא ארגן ילדים ונע־רים במסגרת „נפש בריאה בגוף בריא" לחלוציות לקראת עליה לארץ ישראל. הוא קיים לחניכיו תרגילי־סדר ברוח יסוד מוצק של „השומר הצעיר" שהמשיכו בו האחים אלעזר



צבי חומסקי אחרי שנפצע במאורעות תרפ״א ביפו

ויעקב שפירא בהצלחה רבה והיה מפורסם בכל רחבי פולין כאחד הסניפים של התנועה המאורגנים והטובים ביותר.

צבי בעצמו היה בין ראשוני המגשימים ועלה לארץ ישראל כחלוץ בשנת 1921, אולם איתרע מזלו ועם רדתו מעל האניה לבית העולים ביפו נתקל בערבים שהשתוללו בעיר ובסביבות בית החלוצים וערכו פרעות. צבי שהתגונן בידים ריקות נגד ההמון הפרוע נפצע קשה בעיניו ונחבל בכל גופו וכל תכניותיו החלוציות נופצו. פצעי עיניו החמו־רות חייבוהו לצאת מן הארץ ולהנתח בוינה. אולם לא עלתה לו ארוכה ונשאר נכה. מחוסר יכולת לעבוד חזר לסלונים בבריאות כללית לקויה, נוסף לעיגיו הפצועות ללא תקנה.

צבי בעל המזג החם, הדייקן והיודע למלא פקודות ולתתן, לא מצא מנוחה לנפשו הסוערת. לאחר שהייה מסויי־מת בבית נסע לארצות הברית לחפש מזור לעיניו, אך גם שם לא נרפא וכך השתקע בארצות הברית.

במשך כל שנות חייו במדינה זו חי את חיי הארץ, עקב אחרי כל מאורע בה ושאף לבוא לארץ ישראל, אשר מסיבות שונות לא נתאפשר לו הדבר. הוא היה שם חבר פעיל ב„נאציאנאל ארבעטער פארבאנד", פעל בהתמסרותו הטבעית במפעל למען ארץ ישראל וה„באנדס" כהתפרקות זמנית עד יבוא להשתקע בארץ.

פעמיים ביקר מארצות הברית בישראל ובבקורו האחרון בלויית אשתו גלוריה והוא חולה־לב ולקוי בראייה, היה מלא שמחה מן ההתפתחות שמצא במדינת ישראל, אולם לבו ה־חולה דאב שלא יכול היה להיות שותף במשך כל השנים בבנין הארץ. הוא הביע תקווה כי עוד יוכל לבוא לחיות את שנותיו האחרונות בארץ משאת נפשו. מה רבה היתה שמח־תו לשבת עם חברים ולהעלות זכרונות מימי החלומות בס־לונים, על הצורך להקים כח עברי להגנה ולהתישבות.

ה„צבי" ישראל, עליך יאמר, חלמת על כח עברי להגנה ושביום הגיעך לחופי הארץ נוכחת בעליל בדחיפותו, אך בידיים ריקות נגד פורעים לא יכולת עמוד ונפלת — הוכ־רעת. „איך נפלו גבורים"? נעמת לי מאוד אחי צבי היקר.

עם שובו לארצות הברית מבקורו האחרון בישראל, הלך מצב בריאותו ורע; לא היה מסוגל לכתוב במו ידיו ובעזר בידי אשתו, מלוותו בחיים המסורה לו, בכתיבת מכתב, עד שבא המוות ונתק את פתיל חייו ואתם חזונו.

יהא זכרו היקר לי ברוך וישאר לעד בזכרון חבריו המעטים שעודם בחיים וחניכיו הנפוצים בכל הארץ שנטע בהם את אהבת המולדת וההגשמה.

הערת המערכת: ר׳ עוד שתי רשימות של יוסף דרור בכרך זה: במדור „לבדי" ובמדור יקותיאל צ׳פלבסקי.

# המשך הזכרונות מסוף המאה התשע עשרה והתחלת המאה העשרים

# המשך פון די זכרונות פון סוף ניינצנטן און אנהייב צוואנציקסטן יארהונדערט

הרב ר׳ יוסף שערעשעווסקי ז״ל

## פון בעל „חלקת מחוקק״ ביז׳ן בעל „נועם ירושלמי״

### זכרונות וועגן סלאנימער רבנים, שולן און בתי־מדרשים

איך בין געבארן אין סלאנים אין תרכ״ה (1865). אין מיינע קינדער יארן האב איך זיך אנגעהערט פיל מעשיות וועגן אמאליקע סלאנימער רבנים. איך געדיינק ווי די זקני־הדור פלעגן דערציילן געשיכטעס פון בעל „חלקת־מחוקק״, פון ר׳ שמשונ׳ען, פון ר׳ שלמה מינץ, פון אמאליקע לומדים, מנהגים און די פארשיידענע בתי־מדרשים.

וועגן סלאנימער רבנים פון פאר׳ן „חלקת־מחוקק״ האב איך ניט געהערט. דער „חלקת־מחוקק״ האט געדאוונט אין א הילצערנעם בית המדרש אויפן שול־הויף, דאס איז געווען אין די צייטן ווען מ׳האט געבויט (אדער איבערגעבויט) די גרויסע שול (אומגעפער אין יאר ת״ב). א סברא, — האט מען דערציילט, — אז אויפ׳ן ארט פון דער גרויסער שול איז געשטאנען א הילצערנער בית־המדרש, וואס ס׳איז דאן געווען דער צענטראלער בית המדרש פון דער קהלה, וועלכע איז נאך געווען א קליינע אין צאל. און אט אין דעם הילצערנעם בית־המדרש האט געדאוונט דער דאמאלסדיקער מרא דאתרא ר׳ משה לימא, באקאנט מיט זיין חיבור „חלקת־מחוקק״.

פון די רבנים וואס נאך אים, — האט מען פיל דערציילט וועגן ר׳ שמשונ׳ען. אין פארבינדונג מיט אים האט מען שטענדיק דערמאנט ר׳ איצעלע גינשפריקער. ר׳ איצעלע איז געווען א זון פון „בעל־הפרדס״ דעם קעניגסבערגער רב. ער איז געווען א גרויסער למדן און האט געקענט אליין זיין א רב. נאר זייענדיק אין די יונגע יארן אין קעניגסבערג, האט ער זיך אנגעהויבן פארנעמען מיט מסחר. נאכדעם ווי ער האט זיך באזעצט אין סלאנים, האט ער פארבונדן האנדלס־באציהונגען מיט קעניגסבערג, וואנען ער פלעגט פראווינץ. ער איז אויך געשטאנען אין האנדלס־פארבינדונגען מיט ווילנע, קאוונע, און ווארשע. מען האט דערציילט, אז דאס האט ר׳ איצעלע אראפגעבראכט ר׳ שמשון׳ען אין סלאנים. די רביצ׳ן, ר׳ שמשון׳ס פרוי, איז געווען א שוועסטער־קינד פון ר׳ איצעלען.

ר׳ איצעלע איז געווען א מעורב בין הבריות. ער האט געקענט גוט ריידן דייטש, וואס ער האט זיך אויסגעלערנט אין קעניגסבערג. ער איז געווען באפריינדעט מיט ר׳ יהושע׳לע אושצער (געמיינט ר׳ יהושע צייטלין. — רעד.), וועלכער פלעגט קומען צו זיין פאטער אין קעניגסבערג. ר׳ איצעלע פלעגט אויך פארן אין אושציע (אין דעם גוט פון ר׳ יהושע צייטלין. — רעד.). ער איז אויך געווען א מקורב צום סלאנימער דוכס (געמיינט דעם העטמאן פירשט מיכאל אגינסקי, וועלכער איז דאן געווען דער אייגנטימער פון סלאנים. — רעד.).

ר׳ שמשון איז געווען א גרויסער בקי און דער ווילנער גאון האט זייער געהאלטן פון אים. ער פלעגט זיין אנ׳אפטער גאסט ביים גאון און פלעגט אים אויסלייהען זעלטענע ספרים. איבערהויפט איז ר׳ שמשון געווען שטארק אין מסורה פון ש״ס. ווען ס׳פלעגט זיך מאכן אמאל א פראגע וועגן א ריכטיקע מסורה, פלעגט דער גאון אנפרעגן ר׳ שמשונ׳ען זיין מיינונג. מען האט דערציילט, אז איינמאל האט דער גאון אראפגעשיקט קיין סלאנים ר׳ חיים וואלאזשינער און ר׳ יהושע צייטלינ׳ען, אז זיי זאלן קלאר מאכן ביי ר׳ שמשון׳ען א געוויסע מסורה אין ש״ס. די זקני הדור האבן אפילו געוווסט צו דערציילן געוויסע פרטים פון זייערע געשפרעכן מיט ר׳ שמשון׳ען. אזוי געדיינק איך די מעשה, אז ר׳ שמשון

האט אריינגעזאגט ר' יהושע'ן: „אל תתוודע לרשות" — ער האט געמיינט מיט דעם ר' יהושע'ס באנטקייט צו פאטיאמקי־נען, דורך וועלכן ער איז דאס געווארן אנ'עושר און קרוב למלכות.

ר' שמשון איז געווען א גרויסער דרשן און אין זיינע צייטן האט סלאנים ניט געהאט קיין מגיד, און דער רב איז אויך געווען גלייכצייטיק דער שטאט־מגיד. דער בעל „אפיקי־יהודה", הרב ר' יהודה־לייב עדעל איז געווארן שטאט־מגיד אין די צייטן פון הרב ר' שלמה מינץ. אין „פנקס־הקהל", וואס איז פארברענט געווארן און דער גרויסער שריפה פון יאר תרמ"א (1881), זיינען געווען תקנות וואס ר' שמשון האט איינגעפירט. אויך אנדערע זאכן זיינען געווען דארטן פארשריבן אין זיין נאמען. וועגן צוויי „פארשרייבונגען" וואס זיינען געווען פארבונדן מיט אים, געדיינק איך, ווי כ'האב זיי געהערט דערציילן פון זקני הדור. איינע פון זיי האט געהאט צוטאן מיט א תקנה. דער בעל „אפיקי־יהודה" האט איינמאל, אריינקוקנדיק אין פנקס, דערזען פארשריבן א תקנה וואס האט געשטאמט פון א דרייסיק יאר צוריק, און אונטער דער תקנה איז געווען אנ'אומפארשטענדלעכע אונ־טערשריפט: „וחם השמש ונמס", וואס ס'איז א טייל פון א פסוק פון פרשה בשלח, פון ספר שמות. דער „אפיקי־יהודה" און די מענטשן וועלכע זיינען געווען מיט אים האבן ניט פארשטאנען וואס דאס באדייט. נאר סוף־סוף האט זיך געכאפט דער „אפיקי־יהודה", אז דאס איז א נוטריקון פון די ווערטער: וחתמתי מטה הקטן שמשון מסלונים...

די צווייטע זאך איז געווען פארשריבן, ווייזט־אויס, שוין נאכדעם ווי ר' שמשון האט פארלאזן סלאנים און האט אנגענומען די רבנות פון קעניגסבורג. אין א גרויסער שריפה וואס איז געווען אין סלאנים, זיינען פארברענט געווארן אלע זיינע ספרים ווי אויך כתבי־יד. ער האט זייער געטרויערט און האט אין א דרשה אין דער גרויסער שול באקלאגט דעם פארלוסט פון די ספרים, אויסשרייענדיק: „בהגיגי תבער אש!" — ווייזט־אויס, אז דער רושם אין שטאט איז געווען אזוי גרויס, אז די ראשי־הקהל האבן דאס פארשריבן אין פנקס, געוויס שוין נאך ר' שמשון־ס פארלאזן די שטאט, ווייל נאך דער שריפה איז ער שוין לאנג אין שטאט ניט געבליבן.

וועגן מויערנעם בית־המדרש האט מען דערציילט, אז ער איז געווארן אויפגעבויט אין די יארן תק"ן—תקנ"ב (1790—1792), אומגעפער און דער צייט ווען ר' שמשון האט פארלאזן די שטאט. ניט אויסגעשלאסן אז פאר דעם איז אויפן זעלבן ארט געשטאנען א הילצערנער בית־המדרש. און מעגלעך, אז נאך א שריפה (אפשר טאקע די שריפה אין וועלכער ס'זיינען אויך פארברענט געווארן די ספרים פון ר' שמשון'ען) האט מען אויפ'ן זעלבן ארט אויפגעבויט א מויערנעם בית־המדרש, וועלכער האט שוין פון דאן־אן געטראגן דעם נאמען „מויער".

די צעכישע בתי־מדרשים (ד. ה. וועלכע זיינען געווען געבויט דורך פארשיידענע צעכן, אדער בעלי־מלאכות־פאכן) זיינען געווען אין סלאנים, פון „קדמונים־אן", ווי די זקני הדור פלעגן זאגן. אזוי זיינען די שניידערשע, שוסטערשע, קירזשנערשע, קצבישע (ז"ץ) — זייער אלטע בתי־מדרשים. דער בעל־עגלה'שער בית־המדרש איז אנט־שטאנען שפעטער. ס'איז אמאל אפילו געווען א סופרי'שער בית־המדרש. ער איז געשטאנען הינטער די שניידערשע און הילצערנע בתי־מדרשים. ער האט זיך נאכהער פאראייניקט מיטן קירזשנערשן. אנ'אלטער בית־המדרש איז אויך חברה־שטיבל (פון חברא־קדישא). איך האב געהערט אז חברה־שטיבל איז געווען אפגעברענט אין יאר תר"ט (1849) און ווידער אופגעבויט געווארן און תר"י (1850). אנטקעגן חברה־שטיבל איז אמאל געשטאנען א ברונעם, און מען פלעגט אפילו דארטן גיין צו תשליך*).

וואס ס'איז שייך חסידישע שטיבלעך, איז די ליובאַ־וויטשער זייער אנ'אלטע. זי איז געווען אויפ'ן זעלבן ארט זינט איר גרינדונג. א סברא, אז די שטיבל איז גע־גרינדעט געווארן אין די ערשטע יארן פון דער אנטשטיי־אונג פון ליובאוויטשער חסידות. אין סלאנים זיינען שטענ־דיק געווען א היבש ביסל ליובאוויטשער חסידים.

שפעטער אין די צייטן פון דער ליאַכאוויטשער חסי־דות איז געווען אין שטאט אויך א ליאַכאוויטשער שטיבל. זי האט זיך געפונען אין הויז וואס האט נאכהער געהערט צו ר' חיים־איטשע ברודע.

מיטן אנטשטיין פון סלאנימער חסידות איז די ליאַכאַ־וויטשער שטיבל פארלאזן געווארן, און די ליאכאוויטשער חסידים זיינען אריבער צום סלאנימער רבי'ן.

די סלאנימער שטיבל (ד. ה. דער „הויף" פון ערשטן סלאנימער חסידישן רבי'ן — רעד.) איז פריהער געווען נעבן דער אמאליקער געבײדע פון דער ישיבה, קעגנאי־בער דעם יורדזיקער בית־עולם. ערשט־שפעטער האבן ריי־כע סלאנימער חסידים געשאפן א פאנד און אפגעקויפט דאס גרויסע הויז מיטן גארטן אויף סקראבעווער גאס, וואס ס'איז געווארן דער וווין־ערט און צענטער פון אלע סלאני־מער חסידים פון גאנצן געגנט.

איך געדיינק זייער גוט די שריפות פון די יארן תרל"ה און תרמ"א. אין שטאט האט מען גערעדט, אז כל־זמן ר' אייזעלע האט געלעבט, זיינען אין שטאט ניט געווען קיין גרויסע שריפות בזכות פון רב. והא־ראיה, — האט מען דערציילט, אז איינמאל איז אויסגעבראכן א שריפה שבת אין־דערפרי, ניט ווייט פון ר' אייזעלעס הויז. ס'איז גע־ווארן א געלויף און א פאניק, ווי בעת א שריפה. ר' איי־זעלע האט בארוהיקט די מענטשן וואס זיינען געווען מיט אים, האט אויסגעשפרייט די הענט איבער זיינע ספרים און האט געזאגט: מער וועט ניט ברענען! — ס'האט דאן אפ־געברענט נאר איין הויז.

אין א פאר יאר ארום נאך ר' אייזעלעס פטירה, איז אויסגעבראכן אין 1875 (תרל"ה) די גרויסע שריפה אויף ברעג. אזוי ווי מ'האט געדיינקט דעם „נס", ווי די שטאט איז געווארן פארהיט פון שריפות בזכות פון ר' אייזעלען, — האבן מענטשן, בעת דער שריפה אויף ברעג, געשריען:

---

*דער ברונעם איז אפגעשאפט געווארן אנהייב יארהונדערט.
ז' די זכרונות פון יוסף דרור (דערעטשינסקי). אין „פנקס־סלא־נים". דריטן באנד, ז' 166.

„לאמיר לויפן צום רבין!" — נאר וויזט־אויס, אז דער זכות פון ר' אייזעלעס נאכפאלגער, הרב ר' יאסעלע רייזין, איז שוין ניט געווען אזוי גרויס, ווי ר' אייזעלעס: אין דער שריפה האבן דאן אפגעברענט אייניקע גאסן און געסלאך אויפ'ן ברעג.

אגב, ר' אייזעלע איז אליין אויך געווען שטארק זיכער אין זיין גרויסן זכות אפצוהיטן פון שריפות. ער האט אמאל געזאגט, — און כ'געדיינק דאס זייער גוט: „ווי איך בין רב וועט ניט זיין קיין שריפה"...

אין די צייטן פון ר' יאסעלע רייזין איז געווען די גרויסע שריפה פון תרמ"א. מען האט דאן פיל גערעדט אין שטאט, אז פאגראמשטשיקעס האבן דאס אונטערגעצונדן. ס'האבן דאן אפגעברענט די גאסן רוזשנאיער (אזש ביזן בית־עולם), יורדזיקע, שול־הויף, דער מארק, ברייטע, פאר־נעסוועער, און נאך אנדערע גאסן און געסלאך. די גרויסע שול האט אפגעברענט אינווייניק, ס'זיינען געבליבן גאנץ די ווענט און דער דאך. די לאגע אין שטאט איז געווען שרעקלאך. מענטשן האבן זיך געוואלגערט אויף די פעלדער. נאר ס'האט אנגעהויבן גלייך פליסן הילף פון שטעט און שטעטלאך ארום. אסך הילף איז דאן אנגעקומען פון מאסקווע און קיעוו ווו ס'האבן געלעבט פאמיליעס אפשטאמיקע פון סלאנים. אויך האט די שטאט ארויסגעשיקט שלי־חים אויף צוזאמלען מיטלען כדי אפצובויען די שול און בתי־מדרשים. איך געדיינק, אז איינער פון זיי איז געווען דער שטאט־חזן ר' יאשע סלאנימער. און ווירקלעך אין א קורצער צייט ארום האט זיך אנגעהייבן א גרויסע בוי־באוועגונג אין שטאט, און די גרויסע שול אינעווייניק האט זיך פארבויט שענער ווי ס'איז געווען פריהער. אויך האט זיך די ישיבה שנעל צוריק אויפגעבויט.

(געהערט פון בעל־הזכרונות און פארצייכנט דורך ק. ל.).

# זכרונות על המגיד ר' משה יצחק דרשן („המגיד מקלם")

# זכרונות וועגן מגיד ר' משה יצחק דרשן („דער קעלמער מגיד")

ד"ר י. מוקדוני

## איך האב געהערט אין סלאנים דעם קעלמער מגיד

איך האב אין מיין יוגנט געהערט אין סלאנים דעם בארימטן קעלמער מגיד ר' משה־יצחק דרשן. דאס איז געווען אין די יארן, ווען כ'האב געלערנט אין דער סלאנימער ישיבה.*). ער האט אויף מיר געמאכט א געוואלדיקן רושם. איך בין וואכן און וואכן ארומגעגאנגען א צעטראגענער און א הייס־תשובה'דיקער.

דער קעלמער מגיד האט פארמאגט א געוואלדיקן טעמפע־ראמענט. ער איז געווען א הייסער, א ברויזנדיקער רעדנער און האט ממש געברענט פון גלויבן און יראת־השם. זיינע א דרשה פלעגט דויערן א פאר שעה. און זיינע טעמעס זיינען כסדר געווען אקטועלע, פשוטע און פארשטענדלעכע אפילו פארן גרעסטן עם־הארץ. דאס טאגטעגלעכע יידישע לעבן מיט זיינע קליינע און גרויסע זינד זיינען געווען זיינע טעמעס.

ער פלעגט טרעפן ממש אין פינטל אריין. יעדערער האט זיך געפילט אז דאס רעדט ער צו אים, אז ער לייגט אויס זיינע זינד אפן. ער האט געשטראפט יונגע ווייבלאך פארן טראגן אייגענע האר; ער האט געשטראפט דעם קרעמער פאר

*) די זכרונות פון ד"ר י. מוקדוני וועגן די יארן וואס ער האט פארבראכט אין דער סלאנימער ישיבה, ז' „פנקס סלאנים", דריטן באנד, ז' 108.

דער מאשיניסט פון פאבריק איז געווען מיכל דעם קצב׳ס אן׳איידעם, שלמה, וועלכער האט צום ערשטן מאי געלאזט פייפן די פאבריק־סירענע, אנזאגנדיק דעם ארבעטער יום־טוב. אלע ארבעטער האבן זיך אויפגעזאמלט אין איין ארט און א פארטיי־חבר ליאווע (א סטודענט פון קיעוו, וועלכן די פארטיי האט דעלעגירט אין סלאנים) האט גערעדט צו זיי אין רוסיש, און איך — אין יידיש. נאך די רעדעס האט די סירענע ווידער געפייפט און די ארבעטער האבן פארלאזן די פאבריק. די דעלעגירטע אגיטאטארן באשקע און ארטשיק האבן דורך זייער גענייטער אגיטאציע געוווּנען אנהייגער פאר אונדזער ארגאניזאציע. אפילו דער פארקאכטער בונדיסט, דער דאן גוט־באקאנטער אין שטאט יוסף פעקל (וועלכער האט עמי־גרירט אין יארן ארום אין דרום־אפריקע) איז געווארן אונדזע־רער א סימפאטיקער.

צום סוף וויל איך פארציכענען אן׳עפּיזאד וואס האט דאן פאסירט אין פאבריק: דער אדמיניסטראטאר (אייגנטלעך דירעקטאר) פון פאבריק איז דאן געווען א געוויסער ה׳ מור־וויסט, וועלכער האט זיך זייער גוט באצויגן צו די ארבעטער בכלל און צו אונדז, די פארטרעטער פון ס. ס. בפרט. די פאבריק־אינהאבער זיינען פון דעם ניט געווען זייער אנטציקט און זיי האבן געזוכט וועגן, אים צו באזייטיקן פון זיין פאסטן. אין א געוויסן טאג האט מען אים ווירקלעך ענטזאגט. אלס זיין פארטרעטער האבן די בעלי־בתים נאמינירט א געוויסן שטאטישן תושב ה׳ אברהם־מאיר ווינשטיין, וועלכער האט געזאלט אנווענדן א יד חזקה. ווען דער פארטרעטער איז געקומען איבערנעמען די אדמיניסטראציע — האבן אים די ארבעטער ארויסגעטראגן אויף א „באסילקע" פון דער קאנצע־לאריע... (א „באסילקע" איז א מין טראג־בעטל פאר קראנקע). צוליב דעם „הארציקן" קבלת־פנים איז אים פארגאנגען דער חשק צום פאסטן און ער האט זיך מער ניט פרעזענטירט אין פאבריק.

אט דער עפּיזאד ווי אויך אנדערע קליינע פאקטן און געשעענישן זיינען כאראקטעריסטיש פאר די באציהונגען און אומשטענדן, וואס האבן געהערשט צווישן ארבעטער און בעלי־בתים אין יענע שטורמישע יארן.

## קאפיטל 13

### א דרשה פון אן׳אנארכיסט אין דער גרויסער שול.

די פאליטישע ריוואליטעט צווישן די ארבעטער־פארטייען איז געווען א העפטיקע. ווי איך האב שוין דערמאנט (ז׳ קאפיטלען 2, ,10 פון מיינע זכרונות אין דריטן באנד), פלעגן זיי גאנץ אפט פארכאפן די בתי־מדרשים און איבערהויפט די גרויסע שול, כדי צו פירן דארט זייערע צווישנפארטייאישע פאלעמיקעס און דיסקוסיעס. די גבאים און מתפללים האבן אין יענע יארן ניט געהאט די העזה צו שטערן און די פאליציי האט אין די געבעט־הייזער געהאט א קליינע שליטה. עס פלעגן טרעפן דאביי אויך לעכערלעכע עפּיזאדן. אזא קוריאז געדיינק איך, ווען פון דער בימה פון דער גרויסער שול איז געהאלטן געווארן א דרשה פון א...אנארכיסט. אחוץ די באקאנטע לינקע פארטייען איז געווען אין סלאנים אויך א קליינער קרייז פון אנארכיסטן, בראש פון וועלכן ס׳איז גע־שטאנען א געוויסער מאטקע דער בערשטער. (בערשטער — דער נאמען פון זיין פאך). און אט האבן די אנארכיסטן ארויס־גערופן די אנדערע פארטייען צו אן׳אידעאלאגישע דיסקוסיע. אין א שבת נאך מיטאג האבן די פארטרעטער פון די אלע לינקע פארטייען און גרופירונגען פארכאפט די גרויסע שול און פארוואנדלט איר אין א רעוואלוציאנערן פארלאמענט... ביים אריינגאנג זיינען געשטאנען אייניקע בחורים אויף שמי־רה, כדי פארהיטן און אויסמיידן א „בייז אויג". דער ערשטער רעדנער איז געווען דער אנארכיסט מאטקע בערשטער, וועל־כער האט געהאלטן א פלאמעדיקע דרשה אין זין פון דער אנארכיסטישער פראפאגאנדע, אז די סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען מיט זייער מילדער שיטה שטערן די פארווירקלע־כונג פון א זאפארטיקער רעוואלוציע און פון אן׳אנארכיס־טישער געזעלשאפט... ער האט פארגעווארפן די סאציאליסטי־שע פירער, אז זיי פירן זיך ווי „בורזשויען", והא־ראיה: דער פירער פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע אויגוסט בעבעל פארט צום רייכסטאג אין א דראזשקע מיט גומענע רעדער (א שרעקלעכער מיסברויך פאר א סאציאליסט פון יענער צייט...) זיין דרשה איז געווען אנגעפיקעוועט מיט פלאם־פייערדיקע רעוואלוציאנערע פראזן.

די אפאנענטן: נח לוריע פון „בונד" און אפרים סוועטיצקי פון ס. ס. וועלכע זיינען געווען ניט ווייניקער היציקע רעדנער פון אנארכיסט, האבן מבטל געמאכט אים מיט זיין אידעאלאגיע און גע'טענה'ט, אז דער אנארכיסטישער אידעאל איז א אוטא־פיע וועלכע קען קיינמאל ניט פארווירקלעכט ווערן; און אז די אנארכיסטן זיינען נאר רעוואלווער־העלדן און עקספרא־פריאטארן און ניט מער...

בינו לבינו האט זיך די דיסקוסיע פארצויגן ביז שפעט, און אנשטאט א שבת'דיקע מוסר־דרשה פון א מגיד וועגן דער פרשה פון דער וואך, האבן די מתפללים צו מנחה־מעריב געמוזט אויסהערן משונה'דיקע ווערטער און רייד פון די „בעזבאזשנע ציציליסטן"...

## קאפיטל 14

### רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע אין סלאנימער גארניזאן.

איך האב שוין דערציילט ווי אזוי אונדזער פארטיי־חבר מאיסיי באיארסקי האט געפירט רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע צווישן מיליטער (ז' קאפיטל 11 פון מיינע זכרונות אין דריטן באנד). באיארסקי איז ניט געווען דער איינציקער אין סלאנים, וואס האט זיך ניט אפגעשטעלט פאר אזא מסוכנדיקן שריט. איך געדיינק נאך אייניקע וועלכע האבן דאס געוואגט.

נאכן דורכפאל פון דער רעוואלוציע אין 1905, ווען די צארישע רעגירונג האט אונטערגענומען א נייע כוואליע פון פאגראמען אויף יידן, אין וועלכע ס'האבן אפטמאל אנטייל גענומען אויך מיליטער־איינהייטן (ווי ס'איז געווען דער פאל אין ביאליסטאק), איז נייטיק געווען אנ'אויפקלערערישע פראפאגאנדע צווישן מיליטער, כדי צו דערקלערן די אנאל־פאבעטישע סאלדאטן ווער ס'איז פאראינטערעסירט אין די פאגראמען. דער צ. ק. (צענטראל־קאמיטעט) פון ס.ס. האט ארויסגעלאזן א קליינע בראשור אין דער רוסישער שפראך א. ב. „קאמו נוזשני פאגראמי" (וועמען זיינען נייטיק די פאגראמען). די סלאנימער גרופע האט באקומען א פאר הונדערט עקזעמפלארן צו פארטיילן צווישן די סאלדאטן פון יאראסלאווסקי פאלק, וואס האט דאן געבילדעט דעם סלאנימער גארניזאן. (דער שויסקי פאלק 118 איז אנגעקומען אין סלאנים מיט א פאר יאר שפעטער).

די אויפגאבע האט גענומען אויף זיך א קליינע גרופע פון סלאנימער יידישע סטודענטן, סימפאטיקער פון דער פארטיי, וועלכע זיינען דאן געווען אויף וואקאציע אין דער היים. צווישן דער סטודענטן־גרופע האט זיך אויסגעצייכנט א טאכטער פון אבא לאסקעס (אבא שאכנערס), שרה (פאפו־לער אונטערן נאמען שרה'טשע), א הייסע רעוואלוציאנערקע וואס האט שטודירט אין פעטערבורג. זי איז שוין דאן געווען פארהייראט צו א געוויסן סטודענט לוריע (ניט פון דער סלאנימער פאמיליע לוריע), וועלכער האט זיך אויך געפונען אין סלאנים. די אויפגאבע איז געווען פארבונדן מיט גרויס געפאר. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז צווישן די יידישע סאל־דאטן וואס האבן דאן געדינט אין פאלק זיינען געווען ניט ווייניק רעוואלוציאנעריש געשטימטע און זיי האבן ארויסגע־האלפן.

די סטודענטן האבן זיך אנגעשטויסן אין א זעלטענעם פאל: אבא לאסקעס איידעם לוריע מיט זיין פרוי שרה'טשע האבן זיך באקאנט מיט אנ'אפיצער פון פאלק וועלכער איז געווען א געהיימער רעוואלוציאנער. זיי האבן זיך מיט אים באפריינדעט און ער האט גענומען אויף זיך צו פארשפרייטן די בראשור אין „סקאבעלעווסקן לאגער" (נעבן דער אייזנ־באן־סטאנציע „לעסנאיא"), ווו דער פאלק האט מאנעווירט אין די זומער־מאנאטן און ווו קיין ציווילער האט ניט געקענט אריינקומען. דער אפיצער, אין פארבינדונג מיט דעם סטודענ־טן־פארל לוריע, האט קאנצענטרירט די פראפאגאנדע אין פאלק. די לוריעס האבן געהאט אויף באליאנע א געהיימע קווארטיר, פון וואנען זיי האבן אנגעפירט מיט דער פראפא־גאנדע*) דער אפיצער איז געווען זייער מוטיק. ער האט זיך ניט געשראקן ארויסצוזאגן פאר „באטשאלסטווא" זיינע אנטימיליטאריסטישע אנשויאונגען. ער איז געווען קעגן אפ־געבן „טשעסט" (מיליטערישן סאלוט) זיינע העכערע קא־מאנדירן און האט אויך ניט פארלאנגט דעם מיליטערישן סאלוט פון די סאלדאטן. ער האט אבער אין זעלבן יאר אפגעצאלט מיט זיין לעבן פאר זיין מוטיקער האלטונג. צוליב די אפטע שטרייקן אויף די אייזנבאנען, זיינען די באנען אין יענער צייט געווען באוואכט פון מיליטערישע פאטרולן. ביים וואקזאל אין סלאנים זיינען שטענדיק געשטאנען מיליטערישע וואך־פאסטנס. און אט איז דער אפיצער גראדע געווארן באאויפטראגט מיטן אנפירן די סאלדאטן־גרופע אויפן וואקזאל. ער איז גאר שנעל געווארן „פאניע בראט" מיט די סאלדאטן און האט פארנאכלעסיקט זיין פליכט. פונקט איז אנגעקומען א מיליטערישע קאמיסיע צו קאנטראלירן די וואך, און זיי האבן דערזען די הפקרות און דיסציפלינלאזיקייט פון די סאלדאטן. דער אפיצער האט גוט געוווסט וואס ס'ערווארט אים: פעלד־געריכט און אפשר טויט־אורטייל, — האט ער לאנג ניט געטראכט און זיך געשאסן אויפן ארט...

דער סטודענט לוריע איז אין א געוויסע צייט ארום, בעת א דורכפאל (ניט אין פארבינדונג מיטן מיליטער), פארמשפט געווארן אויף א יאר טורמע.

אין יאראסלאווסקי פאלק האבן דאן געדינט גרוזינישע סאלדאטן. א יידישער זעלנער פון פאלק האט זיי, מיט אונדזער מיטהילף, באזארגט מיט רעוואלוציאנערער ליטעראטור. מיט איינעם פון זיי האט מיר דער יידישער סאלדאט באקאנט און מיר האבן מיט אים איינגעשטעלט א פארבינדונג. אין א געוויסן טאג האבן צוויי יונגטלעכע צוטיילט אין שטאט „ליטעראטור" צווישן אייניקע זעלנער. א סאלדאט האט דאס באמערקט און ער האט זיי ארעסטירט און איבערגעגעבן דער פאליציי. נאכהער האט ער וועגן זיין „אויפטו" דערציילט דעם אויבנדערמאנטן גרוזינישן סאלדאט. דער גרוזין האט אים איינגעלאדן אין א שיינק אויף א „כוסה". ווען ביידע זיינען שוין געווען שיכור, האט דער גרוזין אים מכבד געווען מיט א גרוזינישע קללה און אים אריינגעשטאכן א מעסער. מיט 2 טעג שפעטער האט מען דעם סאלדאט, דעם מסור, געפירט אויפן וועג צו די „מאגילקעס". דער גרוזין איז אפגעקומען מיט א לייכטער שטראף, ווייל ער האט דעם מארד אויסגעפירט אין א שיכורן צושטאנד.

ווי מיר זעען, איז דער אנטייל פון די יידישע לינקע פארטייען אין דער רעוואלוציאנערער פראפאגאנדע אין סלאָנימער גארניזאן געווען א גאנץ בולט'ער.

## קאפיטל 15

### א מעשה מיט א טעאטער־רעזשיסאר פון גארניזאן.

דער רעוואלוציאנערער אפיצער און די יידישע און גרוזינישע סאלדאטן זיינען ניט געווען די איינציקע פון יאראסלאווסקי פאלק, מיט וועמען מיר האבן פארבונדן קאנטאקטן. מיר האבן דארט אנטפלעקט א מיטהעלפער, וועלכער איז געווען ניט קיין אנדערער ווי — דער טעאטער־רעזשיסאר פון דארטיקן אפיצערן־קאזינא. אין פאלק האט זיך געשאפן אנ'אמאטארן־גרופע אויסצופירן טעאטער־פארשטעלונגען. צו דעם איז נייטיק געווען א רעזשיסאר, וועלכן מ'האט אראפגעבראכט פון דרויסן. דער רעזשיסאר איז געווען פון אחינו בני ישראל. (ס'איז טאקע געווען א זעלטענער פאל, אז די מיליטער־מאכט האט דערלאזן א ייד צו אזא אויפגאבע אין גארניזאן).

נאכן אפזיין א לייגערע צייט אין שטאט, האט ער זיך ערווארבן פיל באקאנטע, און צווישן זיי אויך אונדזערע חברים, צו וועמען ער האט זיך געפילט אידעאיש נאנט. נאכהער האט מען מיט אים איינגעשטעלט א פארטייאישן קאנטאקט.

ווי באקאנט פלעגט דער געבורט־טאג פון צאר, דער אזוי־גערופענער „טאבעלנער טאג", געפייערט ווערן מיט מיליטערישע פאראדן און גאטעס־דינסטן אין אלע געבעט־הייזער און, פארשטייט זיך, אויך אין שול. אין אזא טאבעלנעם טאג איז פארגעקומען אין דער גרויסער שול א פייערלעכע צערעמאניע. מ'האט אראפגעבראכט די שילער פון „יעווריייסקע אוטשילישטשע", וועלכע האבן געזונגען „באזשע צאריא כראני" (דעם צארישן רוסישן הימן). דער חזן מיט די משוררים האבן דערלאנגט דעם „הנותן תשועה למלכים" און א קאפיטל תהלים. נאכהער האט דער דאמאלסטיקער „קאזיאנער" ראבינער הורוויטש אנגעהייבן זיין פאטריאטישע דרשה. אין דעם מאמענט האבן אונדזערע חברים ארייגעפירט אין שול אנ'אומבאקאנטן מענטש, וועלכער איז ארויפגעשפרונגען אויף דער בימה און אויסגעשריען צום עולם: „ברידער יידן! וועמען גייט איר בענטשן, דעם צאריזם, וועלכער פירט דורך פאגראמען אויף יידן?" — ער האט זיין קורצע רעדע פארענדיקט מיט לאזונגען קעגן דער צאריסטישער מאכט.

בעת דער דאזיקער דעמאנסטראציע זיינען די טירן פון שול געווען פארשטעלט מיט א שמירה פון חברים פון די פארטייען. אין שול איז געווארן א גרויסער טומל. עמיצער האט צוּוויסן געגעבן די פאליציי, און איידער וואס ווען — האבן די חברים מיטן אומבאקאנטן מענטש זיך צולאפן אין פארשיידענע ריכטונגען.

דער אומבאקאנטער פארשוין איז געווען דער רעזשיסאר פון דער אמאטארן־גרופע פון יאראסלאווסקי פאלק, וועלכער האט זיך אזוי קונציק פארגרימירט, אז קיינער האט אים ניט דערקענט.

די פייערונג אין שול האט זיך ווי נישט איז פארענדיקט. אינדרויסן אויפן שול הויף איז שוין געשטאנען א פאליציי־פאטרול. ביסלעכווייז האט דער פארזאמלטער עולם פארלאזן די שול. בראש פון די פני־העיר איז ארויס דער אינזשעניער באיארסקי אין זיין מיליטערישן אוניפארם (וועמענס זון מאיסיי איז אליין געווען פארמישט אין פראפאגאנדע צווישן מיליטער). נאך אים איז ארויס דער באקאנטער עסקן און שטאט־פערזענלעכקייט מאנדזשע מילער און אלע אנדערע בעלי־בתים און גבאים.

אחוץ די געציילטע חברים האט קיינער ניט געוווסט, ווער ס'איז געווען דער אומבאקאנטער, וועלכער האט אזוי געוואגטערהייד געשטערט דעם ראבינערס דרשה.

אזוי צו אזוי, נאך דעם ארויסטריט האט דער רעזשיסאר פון גארניזאן שוין לאנג ניט פארבליבן אין סלאנים. פון מורא אנטדעקט צו ווערן, האט ער באצייטנס עוקר געווען פון שטאט. זיין נאמען האב איך זיינערצייט געוווסט, נאר ער איז מיר ארויס פון זכרון.

באארבעט דורך ק. ל.

יהושע רוזשאנסקי

# די פועלי ציוניסטישע באוועגונג אין סלאנים אין די יארן 1903–1915

הגם איך בין אריינגעטרעטן אין דער סלאנימער פארטיי־גרופע פון „פועלי־ציון" ערשט אין 1912, נאכדעם ווי איך בין אין זעלבן יאר צוריקגעקומען אהיים נאכ'ן פארברענגען 4½ יאר אין דער מירער ישיבה, — ווייס איך די אנטוויקלונג פון דער „פועלי־ציון"־באוועגונג אין סלאנים פון איר אנטשטייאונג אן אין 1903. איך וויל דעריבער שילדערן אין קורצן די געשיכטע פון דער גרופע ביז 1912 און נאכהער דערציילן איר אנטוויקלונג און טעטיקייט במשך פון די יארן 1912—1915, ביז מיין פארלאזן סלאנים.

צווישן די גרינדער פון דער סלאנימער גרופע זיינען

געווען יהודה סאוויצקי, אפרים פאלאנסקי, יהודה מעלאכאוויצקי (שפעטער באקאנט אלס איזידאר סאוויט פון ניו־יארק) און נאך אייניקע. די גרופע איז געווען גאנץ אומבאדייטנד אין צאל פון חברים. זי איז אבער געווען די צווייטע יידישע ארבעטער־פארטיי (נאכן „בונד") וואס איז אנטשטאנען אין סלאנים. די גרופע האט צוזאמענגעארבעט מיטן „בונד" אין 1903 אין דער באוועגונג פון פראפעסיאנעלע פארטייען, הגם די „פועלי־ציון"־פארטיי איז דאן ניט געווען קיין אויסגעפראכענע סאציאליסטישע.

נאך דער שפאלטונג פון דער פארטיי אנהייב 1904 אין שייכות מיטן „אוגאנדיזם" אויפ'ן זעקסטן ציוניסטישן קאנגרעס און די שטורמישע פאלעמיק, פון וועלכע ס'האט זיך אנטוויקלט די טעריטאריאלע באוועגונג, האבן פארלאזן פיל חברים די פארטיי און געבילדעט די נייע פארטיי „ס. ס." (ציוניסטן־סאציאליסטן), וועלכע האט אויפגעגעבן איר פּאַלעסטיניזם און איז גלייכצייטיק געווארן אויסגעשפראכן סאציאליסטיש. די „פועלי־ציון" אין איר אורשפרינגלעכן שטראם איז געבליבן געטריי דעם ציוניזם. זיי זיינען געווען לינק־געשטימטע ציוניסטן, ארבעטער און אינטעליגענץ, וועלכע האבן נאך ניט דורכגעמאכט די סינטעזע פון ציוניזם און סאציאליזם. קורץ גערעדט, זיי זיינען ניט געווען קיין באראכאוויסטן און האבן געהערט צום פארטיי־פליגל וואס האט זיך גערופן „דער מינסקער טאלק" („מינסקער פירוש", וויל דער פליגל האט זיך אויסגעפארמט לויטן מוסטער פון די מינסקער „פועלי־ציון").

אויך אין דער סלאנימער גרופע איז פארגעקומען דערזעלבער פראצעס און ס'איז אנטשטאנען אנהייב 1904 די ס. ס. גרופע, צו וועלכער ס'זיינען צוגעשטאנען אויסער די ארויסגעפאלענע חברים פון „פועלי־ציון", אויך נייע מיטגלידער פון די ארבעטער־קרייזן. בראש פון די, וואס האבן דאן פארלאזן די פועלי־ציון, איז געווען איינער פון אירע הויפטגרינדער יהודה סאוויצקי, וועלכער איז געווארן א פירער פון די סלאנימער ס. ס.[1]). די איבערגעבליבענע פועלי־ציון־גרופע איז געווען זייער א באגרענצטע און האט געהאט אין די שטורמישע יארן 1904—1906 א גאנץ קליינע השפעה אויף די ארבעטער. פאקטיש האבן זיי דאן געבילדעט א שפליט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. די חברים האבן מיטגעווירקט מער מיט דער ציוניסטישער יוגנט („מוקירי־ציון" און נאכהער „צעירי־ציון") ווי מיט'ן „בונד" און „ס. ס.". וועלכע זיינען געבליבן די דאמינירנדע יידישע ארבעטער־באוועגונגען אין תחום־המושב, און אזוי אויך אין סלאנים. די פוע"צ־גרופע האט, אזוי צו זאגן, וועגעטירט ביז 1907, הגם פון צייט צו צייט איז זי געווען אקטיוו (צום ביישפיל אין זעלבסטשוץ אין 1906, צוזאמען מיט די אנדערע פארטייען). די גרופע איז געווען פארטראטן אויף דער ראיאָן־קאנפערענץ פון דער פארטיי אין 1906 אין ביאליסטאק.

אין די יארן 1907—1910 איז די גרופע אינגאנצן איינגעשלאפן, און אירע געציילטע חברים האבן אנטיילגענומען אין די אקטיוויטעטן פון דער „צעירי־ציון"־גרופע און אירע קולטורעלע קרייזלאך, וועלכע זיינען דאן אנטשטאנען אונטערן איינפלוס פון ישראל מערעמינסקי, רבקה זאקהיים און אנדערע.

### דער ווענדע־פונקט אין 1911

א ווענדע־פונקט איז געקומען אין 1911. אין זעלבן יאר איז צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל יצחק ווערניקאווסקי (דער זון פון שטאטישן סוחר און עסקן ר' שמעון ווערניקאווסקי). ער האט פארבראכט אין ארץ־ישראל אייניקע יאר אלס שילער פון לערער־סעמינאר און איז געווען אונטערן שטארקן איינפלוס פון זרובבל און אנ'ענטוזיאסטישער אנהייגער פון באראכאוויזם. געפינענדיק די אפגעשוואכטע קליינע פועלי־ציון־גרופע, האט ער זיך גענומען צו איבערבויען איר אויף די פרינציפן פון דער באראכאוו־אידעאלאגיע. ער איז געווען א גוטער רעדנער און ארגאניזאטאר. ער האט זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיטן צענטראל־קאמיטעט פון דער פארטיי, וועלכע האט נאך דער פּאלטאווער קאנפערענץ פון 1906 איבערגענומען די תורה פון באראכאוו, און האט באוויזן אין א קורצע צייט רעארגאניזירן פולשטענדיק די גרופע און פארוואנדלען איר אין א גאנץ־קענטיקן פארטיי־סניף. צו דער גרופע זיינען צוגעשטאנען א רייהע באוווסטזיניקע ארבעטער, אנגעשטעלטע און שטודירנדע יוגנט. ער האט אויך באוויזן ארייציהען פיל ארבעטער פון דער שטארקער און פארצווייגטער גארבער־בראנזשע.

ווען איך בין צוגעשטאנען אין 1912 צו דער גרופע, האט זי געברויזט מיט אקטיוויזם און פראפאגאנדע־אונטערנעמונגען. עס זיינען געווען אייניקע קרייזלאך, וווּ מען האט שטודירט די פוע"צ־טעאריע. מען האט געלייענט און אויסגעטייטשט די פועלי־ציון־שריפטן, ווי: „די פראלעטארישע בריוו" פון זשאמע אסטראווסקי[2]); די בראשורן: „קלאסן־אינטערעסן און די נאציאנאלע פראגע", און: „וואס ווילן די פועלי־ציון" פון באראכאוו. די גרופע האט דאן געציילט עטלעכע צענדליק מיטגלידער. איך דערמאן מיך די אקטיווסטע צווישן זיי, אחוץ דעם אויבנדערמאנטן יצחק ווערניקאווסקי: די ארבעטער־גארבער גרשון רוזשאנסקי (מיינער א קוזין) און יעקב בעלקין (זיינע עלטערן האבן געוווינט אויף שטשענקע־געסל און זיין פאטער האט געגעבן פריוואטע רוסישע לעקציעס); עשקע ראזנבערג (די טאכטער פון א שוסטער אויף פאנעסווע); די ברידער ירחמיאל און אברהם יעלעצקי (ניט פארבונדן מיט דער פאמיליע פון סלאנימער בעל־הבית חיים יעלעצקי), אברהם האט דאן געארבעט אלס בוכהאלטער ביים סוחר מאניע שערעשעווסקי; די שוועסטער בעלקע און פעשע שוסטערמאן; פעשע שווארץ, יעקב קוניצע (זיין פאטער האט געהאט א געשעפט פון שרייב־געצייג; אסתר ציפערשטיין (די צוקונפטיקע פרוי פון יצחק ווערניקאווסקי)

[1]) וועגן יודל סאוויצקי ז' אויך די זכרונות פון יוסף ערישעוויטש, שלום שקלאווין, אפרים פאלאנסקי אין דריטן באנד פון „פנקס־סלאנים". — רעד.

[2]) זשאמע אסטראווסקי, א יעקאטערינאסלאווער פועלי־ציוניסט, א לערער. די „פראלעטארישע בריוו" זיינען געווען אנ'אונלעגאל געדרוקטע שריפט. — רעד.

א געוויסע „לאה די קצב'טע" (וועמנס פאמיליע־נאמען געדיינק איך ניט) און אנדערע.

אייגנטלעך בין איך אויך אריינגעצויגן געווארן אין דער פארטיי דורך איר פראפאגאנדע־אויפקלערונג. הגם איך האב שוין, זייענדיק נאך א ישיבה־בחור אין מיר, דורגעמאכט א ראדיקאלע ווענדונג אין מיין געדאנקען־גאנג און געווארן דערנענטערט צום לינקן ציוניזם, — האט מיר אבער די אויפקלערערישע אויסבילדונג פון דער פועלי־ציון־גרופע אין סלאנים ענדלעך איבערצייגט, און אין א חודש ארום נאך מיין צוריקקומען אהיים בין איך שוין געווארן א פארטיי־חבר. דורך די פארבינדונגען מיט די חברים גארבער בין איך אויך געווארן א גארבער אין דער אונטערנעמונג פון אינדוסטריעלע געווארן א גארבער אין דער אונטערנעמונג פון אינדוסטריעלער כוואיניק, ווו כ'האב שוין אגיטירט צווישן די ארבעטער פאר דער פארטיי.

א כאראקטעריסטישע אנטוויקלונג איז פארגעקומען מיט די פוע"צ און ס. ס. אין סלאנים: בעת נאך דער שפאלטונג פון 1904, איז ביי דער זייט פון „בונד" אויסגעוואקסן די ס. ס. גרופע במשך פון די יארן 1904—1907 אלס איינער פון די צוויי וויכטיקסטע פאקטארן אויף דער יידישער גאס, און די פוע"צ־גרופע איז געווען זייער שוואך, — האט אין די יארן 1908—1915 די ס. ס. פארלארן איר השפעה און די גרופע האט זיך כמעט ווי פאנאנדערגעלאזן און אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין שטאט אלס פארטיי. עס זיינען געבליבן נאר איינצלנע מיטגלידער (ווי אפרים סוועטיצקי) וועלכע האבן זיך איבערגעגעבן אומפארטייאישער קולטורעלער אדער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. דאקעגן האט די „פועלי־ציון" אין די יארן 1911—1915 אנגעפירט, צוגלייך מיטן „בונד", מיט דער יידישער ארבעטער־באוועגונג אין שטאט. צום וווקס פון סלאנימער סניף האט א סך מיטגעהאלפן די ענערגישע ווירקונג פון צ. ק. פון „פועלי־ציון" אין פעטערבורג, וועמענס אנפירער זיינען דאן געווען די חברים רעוווצקי און שלימאוויטש. בעת מיין אנקומען אין סלאנים האט די גרופע געציילט ביי 40 חברים און אין 1914 — קרוב צו 100. מיר פלעגן פארשפרייטן די פלוג־בלעטער אין יידיש און רוסיש וואס דער צ. ק. פלעגט אונדז צושיקן. מיר האבן אויך ארויסגעגעבן זעלבסטשטענדיקע בלעטלאך אין יידיש, געדרוקט אויף א שאפיראגראף.

א קאפיטל פאר זיך זיינען געווען די „סכאדקעס" (געהיימע צוזאמענטרעפן פון די חברים) אין די ארומיקע וועלדער, מיטן אנטייל פון אומפארטייאישע ארבעטער. ווינטער פלעגן זיי פארקומען אין ארבעטער־ווארשטאטן, איבערהויפט ביי סטאלארעס. מיר האבן פארשטארקט די פראפאגאנדע צווישן די ארבעטער פון דער גארבער־בראנזשע, וועלכע איז געווען כמעט ווי א פעסטונג פון „בונד".

היות ווי דער „בונד" איז אין אט די יארן געווען אונדזער איינציקער אידעאלאגישער אפאנענט, האבן מיר אונטערגענומען א קאמף קעגן דער טאקטיק פון „בונד" אין נאציאנאלער און סאציאלער ארבעט, וואס מיר האבן געשטעמפלט אלס אפארטוניסטיש. צו דעם צוועק פלעגן מיר איינארדענען דיסקוסיע־אוונטן מיטן אנטייל פון אומפארטייאישע ארבעטער און בעלי־מלאכות. אפט פלעגן ביייזיין קרוב 300 מאן. געוויינלעך פלעגן אזוינע דיסקוסיעס דורכגעפירט ווערן מיט גרויס פארזיכטיקייט און מיר פלעגן אננעמען באווארענעשמיטלען כדי אויסמיידן א דורכפאל.

די פירער פון „בונד" אין 1912—1915 זיינען געווען מיירים זאקין און זלמן קוניצע. אויך פלעגן זיי אפט ארויפברענגען רעדנער פון דרויסן. אלס אגיטאטאר פון די פוע"צ אין סלאנים איז דאן געשיקט געווארן פון צ. ק. א געוויסער בערנזאן (ניט קיין סלאנימער), א סטודענט פון ליעזש, וועלכער האט איבערגעריסן זיינע לימודים, כדי צו זיין אין רשות פון דער פארטיי. ער האט געוווילט אין סלאנים, ביי 10 חדשים און געלעבט אומלעגאל. ער פלעגט שלאפן, ניט זייענדיק רעגיסטרירט, אין „קופעטשעסקע גאסטיניצע" (האנדלס־האטעל), וואס האט געהערט צו מיינע עלטערן. איך האב דאס אויסגעפועלט ביי מיינע עלטערן, כאטש עס איז געווען אזוי געוואגט פון זייער זייט...

איך דערמאן מיך א באזונדערן פאל: איינמאל אין הערבסט־צייט 1913 איז צונויפגערופן געווארן א דיסקוסיע־פארזאמלונג ביי א סטאליער אראפ יורדיקע גאס. אין נאמען פון „בונד" איז ארויסגעטראטן א פארשטייער פון זייער פוילישן צענטער, און פון „פועלי־ציון" — דער סטודענט בערנזאן. א פאר בחורים פון „בונד" דערזעענדיק, אז די אומפארטייאישע פארזאמלטע זיינען שטארק באאיינפלוסט געווארן פון פוע"צ־רעדנער, האבן געפרוווט פראוואצירן און אראפרייסן די פארזאמלונג. זיי האבן א געשריי געטאן: פאזשאר! (א שריפה!). פארשטייט זיך איז אנטשטאנען א פאניקע, מען האט אנגעהייבן לויפן. קיין שום שריפה איז אבער ניט געווען, מען האט זיך בארוהיקט און די פארזאמלונג איז געפירט געווארן ביזן סוף.

## די ראיאן־קאנפערענץ אין מאזיר

די סלאנימער פוע"צ־גרופע האט ארגאניזאטאריש געהערט צום פינסקער פארטיי־ראיאן. אין 1913 איז אין מאזיר פארגעקומען א קאנפערענץ פון פינסקער ראיאן, צו וועלכער עס זיינען דעלעגירט געווארן פון סלאנים די חברים יצחק ווארניקאווסקי און גרשון רוזשאנסקי. היות ווי סלאנים האט פארטראטן אויך די קלענערע פוע"צ־גרופן פון אומגעגנט, איז נאך דער קאנפערענץ אפגעגעבן געווארן א באריכט פארן ארטיקן אקטיוו, ווי אויך פאר די חברים פון רוזשנאי, דערעטשין, זשעטל. עס זיינען אויך געווען געסט פון וואלקאוויסק און פרוזשענע. די אומלעגאלע פארזאמלונג איז פארגעקומען אין דער וווינונג פון דער חבר'טע בעלקע שוסטערמאן אויף זאמאשטשע, מיט דער באטייליקונג פון קרוב 50 דעלעגאטן. כדי זיך צו פארזיכערן פון דער פאליציי האט מען געפייערט, מכלומרשטן, א תנאים. דער „חתן" איז געווען גרשון רוזשאנסקי און די „כלה" — בעלקע שוסטערמאן, פארשטייט זיך מיט דער הסכמה פון די עלטערן... ווארניקאווסקי האט אפגעגעבן א באריכט פון דער קאנפערענץ און א דעלעגאט פון פינסק לייזער שניידער האט רעפערירט אויף דער טעמע:

„פאלעסטינע אלס די איינציקע טעריטאריע פון יידישן פאלק". נאכהער זיינען פארגעקומען דעבאטן. די פארזאמלונג

האט זיך פארצויגן ביז 4 פארטאג. דערזעלבער פינסקער חבר פלעגט אפט באזוכן סלאנים צוזאמען מיט א צווייטן שליח פון דארטן מאכטיי (מיטן צונאמען: „דער שווארצער").

## דער שטרייק פון ערשטן מאי 1914

ערב דעם 9-טן יאנואר 1914, צום יארטאג פון די בלוטיקע פעטערבורגער געשעענישן פון 1905, האבן די פוע"צ — און בונד-גרופן אפגעהאלטן אויפן יידישן בית-עלמין א באראטונג אין ס'איז באשלאסן געווארן צו ארגאניזירן געמיינזאם א שטרייק דעם 9-טן יאנואר. דער שטרייק איז אבער דורכגעפאלן, ווייל ס'זיינען ניט געמאכט געווארן רעכטצייטיקע הכנות. עס האבן געשטרייקט בלויז אייניקע קליינע אונטערנעמונגען. דאקעגן איז געלונגען צו ארגאניזירן, — אויך מיט דער באטייליקונג פון „בונד", — אנ'אלגעמיינעם שטרייק דעם ערשטן מאי 1914 (לויט דער אלטער ציילונג פון רוסלאנד איז דאס געווען דעם 18-טן אפריל).

איך וויל דאביי באמערקן, אז לויט די זכרונות פון יוסף ערושעוויטש וועגן די ס. ס. (אין „פנקס-סלאנים", דריטן באנד), קומט אויס, אז די לעצטע 1-מאי פייערונג אין סלאנים איז פארגעקומען אין 1907. ער האט געוויס געמיינט דערמיט א פייערונג ארגאניזירט דורך די ס. ס. ריכטיק איז, אז אין די יארן 1908—1913 איז דער ערשטער מאי ווירקלעך ניט געפייערט געווארן, צוליב דער שווערער רעאקציע-אטמאספערע און די שטרייגנגע אויפזיכט פון דער פאליציי. אבער אין 1914 האבן רעוואלוציאנערע שטימונגען ווידער ארומגענומען דאס לאנד. אין פעטערבורג, אין באקו און אין אנדערע ערטער זיינען פארגעקומען אונרוהען, און דאס האט זיך אפגערופן אויך אויף דער האלטונג פון דער פאליציי אין סלאנים אויף אזוי פיל, אז די פארטייען האבן באשלאסן צו דורכפירן דעם אלגעמיינעם שטרייק פון ערשטן מאי. אמת איז, אז די ס. ס. האבן שוין ניט גענומען קיין אנטייל, פשוט ווייל א ס. ס.-גרופע האט שוין דאן ניט עקזיסטירט.

דער שטרייק פון 18-טן אפריל האט זיך פארשפרייט אין די גארבערייען, טארטאקן, מילן, אין דער טשוועקעס-פאבריק. ניט נאר ארבעטער, נאר אויך אנגעשטעלטע האבן זיך אנגעשלאסן. „בונד" און „פועלי-ציון" האבן ארויסגעלאזן פלוג-בלעטלאך. אויף נעוועסק, נעבן הויף ווו ס'האט זיך געפונען די פאליציי-געביידע, האט עמיצער אויפגעהאנגען א רויטע פאן. די פאליציי האט דאן ארעסטירט אייניקע פערזאן, נאר אין א טאג ארום האט מען זיי באפרייט. (למען האמת, דארף איך צוגעבן, אז מען האט געפונען א צוטריט צו איוואנאוון, דעם „אקאלאדאטשניק" (פאליציי-שעף פון שטאט-צענטער) און ער האט באקומען א מתנת-יד...). אויך איך בין דאן ארעסטירט געווארן: מען האט מיר געפאקט ביים אנקלעפן א פלוג-בלעטל, נאר מען האט מיר אויף מארגן באפרייט. פארנאכט האבן זיך אויף די ארבעטער-„בירזשעס" ביי דער דאמבע (וועלכע זיינען געווען גוט-באקאנט נאך פון 1905) פארזאמלט פיל שטרייקנדע און פון דארט האט זיך פארמירט א צוג צו נעוועסק. אונטער די נייע רעוואלוציאנערע ווינטן האט זיך די מאכט, ווייזט אויס, געפילט אזוי אפהענדיק, אז דער צוג האט זיך ניט אנגעטראפן אויף קיין ווידערשטאנד. די פאליציאנטן זיינען געבליבן אין פאליציי-הויף. צו די שטרייקנדע האבן גערעדט א פארשטייער פון „בונד" און אונדזער חבר, דער סטודענט בערנזאן. דער ספאנטאנער צוג האט זיך פארענדיקט מיט די שבועות פון „בונד" און פוע"צ. מען האט געזונגען דעם הימן: „אין געזאלצענעם ים פון מענטשלעכע טרערן" און דאס ליד „די שטערנדלאך", א ליד פון פועלי-ציון. איך געדיינק גראד די ערשטע סטראפן:

איך זע, ווי די שטערנדלאך לעשן זיך איינציקווייז.
יע, ניט דויערן וועט לייגנער די נאכט.
איך זע, ווי דער הימל ווערט העלער און ליכטיקער;
פארשווינדן מוז ווערן די פינסטערע מאכט.
איך זע, ווי עס גייען הונדערטער טויזנטער
ארבעטער, געוועזענע נעכטיקע קנעכט.
איך זע, ווי זיי טראגן די בלוט-רויטע פאנען...

צו יענער צייט האט זיך די אידעאישע ווירקונג פון די פוע"צ אין די ארבעטער-קרייזן אויסגעאיבט אויף אזוי פיל, אז אייניקע אקטיווע מיטגלידער פון „בונד", ווי אויך א פאר חברים פון די לעצטע רעשטלאך פון ס. ס. זיינען צוגעשטאנען צו אונדזער גרופע. צווישן זיי זיינען געווען: דער גוט-באקאנטער אין שטאט יחזקאל דוניעץ פון ס. ס. און די בונדיסטן: יצחק, א שלאסער, (ער איז געווען דער זון פון שמש פון הילצערנעם בית-המדרש), יאנקל, א שניידער און אלטער, א סופר פון מזוזות (זייערע פאמיליע-נעמען געדיינק איך נים).

די טעטיקייט פון די פוע"צ אין די ארומיקע שטעטלאך איז געווען קענטיק, און מיר פלעגן אפט שיקן אונדזערע פארשטייער צו העלפן די דארטיקע פוע"צ-גרופן. איבערהויפט געדיינק איך די הילף וואס מיר האבן געגעבן די רוזשנאיער וועבער-ארבעטער, בעת ס'איז אויסגעבראכן א שטרייק אין 1914 אין דער דארטיקער דאן אנטוויקלטער וועבער-שטולן-אינדוסטריע. פיל פון די רוזשנאיער וועבער האבן געארבעט אויף די וועבער-שטולן פאר די אינדוסטריעלער, ביי זיך אין די הייזער, ביי זייער נידעריקע לוינען און ביז שפעט ביינאכט. 90 פראצענט פון די וועבער זיינען געווען יידן. מיר האבן אהין געשיקט חברים, וועלכע האבן געמוטיקט די שטרייקנדע, ארויסגעטרעטן אויף זייערע „סכאדקעס" און ארויסגעהאלפן זיי מאראליש. מיר איז אויך אויסגעקומען אנטיילצונעמען אין אנ'אומלעגאלער פארזאמלונג פון די שטרייקנדע אין א וואלד ביי רוזשנאי (ניט ווייט פון וועג וואס האט געפירט צו לינעווע). די סלאנימער גרופן פון פוע"צ און „בונד" האבן זיך ניט באנוגנט מיט דער מאראלישער הילף פאר זיי. נאר מיר האבן אויך געזאמלט געלט פאר זייער שטרייק-פאנד. דער שטרייק אין רוזשנאי האט געדויערט 3 וואכן און זיך פארענדיקט מיט א טיילווייזן ערפאלג: ס'איז געקומען צו א קאמפראמיס צווישן די וועבער מיט די בעלי-בתים וועגן די ארבעטס-לוין און די צאל ארבעטס-שעה'ן.

אין מאי 1914 האט אנגעהייבן צו ערשיינען לעגאל אין פעטערבורג דער פועלי-ציוניסטישער ארגאן אין יידיש: „דאס ווארט". צום ערשיינען פון ערשטן נומער האבן מיר געשיקט א באגריסונג. מיר האבן ארגאניזירט פארן צייטונג-פאנד א

געלט־זאמלונג און פארשפרייט ענערגיש די צייטשריפט. די לעצטע נומערן זיינען פארשפרייט געווארן אין שטאט אין 200 עקזעמפלארן. אין „דאסווארט" איז געווען פארעפנטלעכט אין המשכים באראכאווס ארבעט: „ווי שווער ס'איז צו זיין א פועלי־ציוניסט". מיטן ערשיינען פון „דאס ווארט" איז געקומען אין סלאנים דער חבר פון צ. ק. פון דער פארטיי י. טענענבוים, וועלכער האט געוויילט אין שטאט 4 טעג אין אנגעפירט מיט דער אקציע פארן זשורנאל. „דאס ווארט" איז אפגעשטעלט געווארן דורך דער מאכט קורץ נאכ'ן מל־חמה־אויסברוך.

## אויך די „פועלי־ציון" האבן „געהאנדלט" מיט וואלד.

ווי אזוי פלעגן מיר שאפן געלט פאר די באדערפענישן פון דער פארטיי, אז סך־הכל זיינען אונדזערע חברים געווען געדריקטע ארבעטער און אנגעשטעלטע? — דעם „פאטענט" האבן מיר זיך אויסגעלערנט פון די „וואלד־טראנזאקציעס", וואס דער „בונד" און „ס. ס." פלעגן דורכפירן אין די יארן 1905—1906 מיטן אויסקויפן „דעליאנקעס" (וואלד־פארצעלן) אויף די רעגירונג־טארגעס דורך אונטערגעשטעלטע פערזא־נען און דורכ'ן פארקויפן זיי נאכהער מיט פארדינסט צו די וואלד־סוחרים.[3]).

איך ווייס ניט צו אט דער האנדל מיט וואלד־דעליאנקעס איז אנגעגאנגען דורך די פארטייען אויך אין די יארן 1907—1911 (איך בין נאך דאן געווען א ישיבה־בחור אין מיר). נאר ווען כ'בין צוגעשטאנען צו דער פארטיי אין 1912, איז שוין דער האנדל געווען אין פולן גאנג. יעדן יאר ווען דער רעגי־רונג־אמט פלעגט צוויסן געבן וועגן א „טארג" (עפנטלעכער פארקויף) פון די וואלד־פארצעלן, פלעגן דער „בונד" און די „פועלי־ציון" אונטערשטעלן זייערע „קויפער". דאס איז נאך אזוי אנגעגאנגען אין די יארן 1912—1914. לויט א שטיל־ הסכם מיט די וואלד־סוחרים, פלעגן זיי ניט צושטיין צום טארג פון די באשטימטע דעליאנקעס, וואס די פארטייען פלעגן אנווייזן. פאר מיין צייט זיינען די טארגעס פארגעקומען אין „נאראדני דאס" (פאלקס־הויז) אדער אין בנין פון „קאזנאט־שייסטווא" (רעגירונגס־קאסע). די „סוחרים" מצד „פועלי־ציון" זיינען געווען מיין קוזין וועלוול בערמאן (דער זון פון מיין מומע איטקע בערמאן) און אברהם יעלעצקי (מיטן צונאמען „בורזשוי"). אייגמאל האט געקויפט פאר אונדז א דעליאנקע אויך חיים בערמאן (דער זון פון אינדוסטריעלער און עסקן ר' וואלף בערמאן). צווישן די סוחרים וואס האבן נאכהער געקויפט ביי אונדז די דעליאנקעס זיינען געווען די ברידער אייזנשטאט, דובינבוים און אנדערע קלענערע סוח־רים. אייגנטלעך האבן אויך די סוחרים געמאכט דאביי א גוטן געשעפט, ווייל אזוי ווי מיר זיינען געווען די איינציקע קויפער פון די אנגעוויזענע דעליאנקעס, האט מען ניט איבערגעשטייגן די פרייזן. פארשטייט זיך, האבן מיר געקענט אויספירן נאר קליינע טראנזאקציעס, ווייל צו אפקויפן א גרויסן וואלד האט מען געדארפט אויסלייגן גרויסע געלט־סומעס. מיט די הכנסות פון די דעליאנקעס האבן מיר פינאנסירט דעם גרעסטן טייל פון אונדזערע אונטערנעמונגען און אויך געשיקט רעגולערע סומעס דעם צ. ק. פון דער פארטיי.

א געמיינזאמע אקציע מיטן „בונד" האבן מיר אונטער־גענומען בעת עס האט זיך אנגעהייבן דער בייליס־פראצעס אין סעפטעמבער 1913. מיר האבן גערופן צו אנ'אלגעמיינעם שטרייק אלס פראטעסט קעגן בלוט־בלבול. גראדע איז די פאליציי, וועלכע איז געווען אינפארמירט וועגן דעם, געשטא־נען אויף דער וואך. טראץ דעם האט זיך דער שטרייק טייל־ווייז איינגעגעבן. אין דער גארבער־בראנזשע, וועלכע איז געווען דער פארברייטסטער אינדוסטריעלער צווייג אין שטאט, איז דער שטרייק געווען כמעט א פולער.[4]).

אין אפריל 1914 זיינען אויסגעבראכן די רעוואלוציאנערע געשעענישן אין באקו (קאווקאז), וועלכע האבן ארויסגערופן אנ'אפקלאנג אין לאנד. מיר האבן דאן ארויסגעלאזן א פלוג־בלעטל אין גערופן די ארבעטער צו א פראטעסט־פארזאמלונג, בשותפות מיטן בונד. די „בירזשעס" פון פוע"צ און „בונד" האבן דאן ווידער געבראויזט, נאר ליתר בטחון איז דאן געווען א גרויסע „סכאדקע" פוןביידע פארטייען אין וואלד.

## די סלאנימער גרופע פון „פועלי־ציון" און דער פאלעסטיניזם

די אלע אקטיוויטעטן פון דער סלאנימער פוע"צ־ארגאני־זאציע וואס כ'האב אנגעצייכנט זיינען נוגע דער סאציאליס־טישער טעטיקייט פון דער פארטיי, איר סאלידארישע צוזא־מענארבעט מיטן בונד אויפן געביט פון קאמף מיט דער מאכט, פאר די ארבעטער־רעכט און די קולטורעלע ארבעט.

אבער וואס איז מיט דעם אזוי־גערופענעם ציוניסטישן אספעקט פון אונדזער באוועגונג? וואס האט די סלאנימער גרופע אויפגעטאן אויפ'ן געביט פון פאלעסטיניזם?

איך מוז אנערקענען, אז במשך פון די מער אלס 3 יאר (1912 ביז יולי 1915) וואס איך בין געווען טעטיק אין דער גרופע, איז איר ארבעט אויף דעם געביט געווען זייער א שוואכע. מיר האבן ניט געהאט קיין קאנטאקטן מיט די ציוניס־טישע ארגאניזאציעס אין שטאט, וועלכע זיינען דאן געווען זייער טעטיק. איך געדיינק גוט די פילזייטיקע ארבעט פון די ציוניסטישע עסקנים, ווי אדוו. יאקאבסאן, יוסף גאלדבערג, משה וואלאך, משה לעווין, וואלף בערמאן; דעם ציוניסטישן מנין, די פארשפרייטונג פון שקלים, די זאמלונגען פארן קרן־קיימת, די ציוניסטישע מיטינגען מיט געסט פון דרויסן. מיר, די פועלי־ציון, זיינען דאן געשטאנען אין דער זייט פון די אלע טעטיקייטן. מיר האבן אבער געפירט א זעלבשטשטענדיקע ארבעט פאר דעם פאלעסטינער ארבעטער־פאנד". צו דעם צוועק פלעגן אונדזערע חברים קומען אויף חתונות און פאר־שפרייטן רויט־בלויע שלייפן לטובת דעם פאנד. איך וויל

---

[3]) ז' די זכרונות פון יוסף ערושעוויטש, קאפיטל 5: „ווי אזוי דער „בונד" און ס. ס. אין סלאנים זיינען געווארן וואלד־סוחרים". פנקס־סלאנים, באנד 3, זייטן 244—245. — רעד.

[4]) וועגן דעם פראטעסט־שטרייק צוליבן בייליס־פראצעס אין סלאנים ז'. בוכבינדער, די געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג אין רוסלאנד, זייט 424.

צוגעבן, אז אין אונדזער ארבעט פארן „פאלעסטינע-פאנד" האט אונדז אפט ארויסגעהאלפן אדוו. יאקאבסאן.

א גרויסע דערנענטערונג האבן מיר געהאט מיט דער שטארקער „צעירי-ציון"-גרופע בראש מיט ישראל מערעמינ־סקי. די גרופע האט געפירט אירע „קולטור-קרייזן" צווישן דער שטודירנדער און בעל־הבית'שער יוגנט. אויף דעם גע־ביט האבן זיי ריוואליזירט מיט אונדזערע קרייזלאך. פון די דאן אקטיווע „צעירי-ציון" געדענק איך אנ'איינינקל פון „יאנ־קל מלאך" (ר' יעקב ארלאנסקי). דעם פאפולערן סלאנימער קאליגראפיע-לערער, ווי אויך די פריילין רבקה זאקהיים.

אויך די „צעירי-ציון" פלעגן האבן זייערע סכאדקעס אין וואלד, הגם זיי האבן געפירט א גאנץ לעגאלע טעטיקייט אין שטאט. איך דערמאן מיך א קאמישן עפיזאד, ווען מיר, די פוע"צ, זיינען געקומען אויף א געהיימער סכאדקע אין זאמאשטשער וואלד און האבן זיך אנגעשטויסן, ניט ווייט פון אונדז, אויף א גרופע פון די „צעירי-ציון", פארשטעקט אין א געדיכטן וואלד-ווינקל. מיר האבן זיך דערנענטערט און ישראל מערעמינסקי, וועמען איך האב גוט געקענט, פרעגט מיר: „ווי קומסטו, א זון פון בורזשויען, צו די „פועלי-ציון"?"

די „צעירי-ציון" האבן ניט גענומען קיין אנטייל אין דעם שטרייק פון 1-טן מאי (ד. ה. 18-טן אפריל) און אויך ניט אין דער מאניפעסטאציע. מען האט זיי דאן ניט געקענט באטראכ־טן אלס אנגעהעריקע צו דער יידישער ארבעטער-באוועגונג.

אין אלגעמיין-גענומען, האט די פוע"צ-גרופע, הגם א סאציאליסטישע און קעמפפערישע, געווען אפט געצוואונגען צו אפהאלטן זיך פון ארויסגעשפראכענע קאמף-ערשיינונגען, ווייל איוואנאוו האט געהאלטן א שטרייגג אויג אויף די ארבעטער-פארטייען. ער איז טאקע געווען א „כאבארניק" (גענומען שוחד), אבער ער, דער כיטרער פאליציי-אפיצער, האט געוווסט ווען ניט צו נעמען... די יארן זיינען פארט געווען פון הערשנדער רעאקציע, און מיר האבן געלייגט מער אכט אויף קולטור-ארבעט צווישן די חברים, לעקציעס, רעפעראטן, דיסקוסיעס, אוונט-קורסן, און אפילו — קהל'שע „פאדריאדן" פון מצות פאר ארעמע.

## אונדזער מיטארבעט אין די קהל'שע „פאדריאדן"

דווקא אויף דעם געביט, אין איינארדנען „פאדריאדן" פון מצות פאר דער ארעמער באפעלקערונג, האבן מיר געהאט א שותפישע שפראך מיט די „צעירי-ציון". דעם „בונד" האט ניט געפאסט צו מיטארבעטן פאר אזא רעליגיעזן באדארף ווי מצות, אבער די פוע"צ האבן דווקא פארשטאנען, אז מען דארף אויך טאן פאר די טראדיציע-נויטן פון די ארעמע שיכטן. בכלל, האט זיך די פוע"צ-גרופע אונטערשיידעט פון „בונד" מיט מער צוטריטלעכקייט צו די בעל־הביתי'שע, קליינבירגערלעכע יוגנט.

אונדזערע שותפישע פאדריאדן מיט די „צעירי-ציון" זיינען געווען אין 1914 און אין 1915. עס זיינען אויך צוגע־שטאנען בחורים און מיידלאך פון בעל־הביתי'שע קרייזן. מיר האבן אפגעדונגען די בעקעריי פון „געלן בעקער" אויף יורדזיקע גאס, הינטער דער ישיבה. די ערשטע סומע געלט אויף איינצוקויפן מעל האבן מיר אויפגעזאמלט אין שטאט. נאכהער, ווען דער פאדריאד איז שוין געווען אין דער אר־בעט, האבן מיר איינגעלאדן די בעלי-בתים צו זען ווי אזוי מיר באקן מצות און ביי דער געלעגנהייט מכבד געווען זיי מיט כיבודים און „מי שברך'ס", פאר וועלכע זיי האבן באצאלט אויפן ארט. די כיבודים זיינען געווען: העלפן מישן די מעל, ברייגגען „מים שלנו" א. אז. וו. איך געדענק אז מיר האבן מכבד געווען ר' וואלף בערמאן מיט'ן ארויסטראגן עמערס מיט וואסער... די כיבודים האבן אריינגעבראכט גרעסערע סומעס. די מצות האבן מיר (ד. ה. די פוע"צ מיט די צ"צ) צוטיילט פאר נויט-באדערפטיקטע אומזיסט אדער פאר זייער ביליקע פרייזן. דער פאדריאד אין 1914 האט זיך אזוי גוט איינגעגעבן, אז מיר זיינען שוין אריינגעצויגן געווארן דורך פרומע קרייזן צו מיטהעלפן איינארדנען סדרים פאר ארעמע פאמיליעס און פאר די יידישע סאלדאטן פון גארניזאן. די סדרים, ווי אויך די מיטאגן אין די ערשטע און לעצטע טעג פסח זיינען פארגעקומען אויף רוזשנאיער גאס, אין שוואר־צאוועסקי'ס הויז (ווו ס'איז אין זיינער צייט געווען די מוזיק־קאמאנדע פון די 2 גארניזאן-פאלקן). דאס צוגרייטן, קאכן, פארטיילן און באדינען איז אויסגעפירט געווארן דורך בחורים און מיידלאך און אויך ישיבה-בחורים. די שטימונג ביים טיש איז געווען א פייערלעכע. די פוע"צ-גרופע האט אין דער אונטערנעמונג זיך גערן באטייליגט, און אונדזערע פאדריאדן און סדרים זיינען געווארן א שם-דבר אין שטאט.

## אונדזער טעטיקייט אין ערשטן מלחמה-יאר 1914—1915

19-טן יולי איז ערקלערט געווארן די מאביליזאציע. אין דערזעלבער נאכט איז צונויפגערופן געווארן דער שטאטישער קאמיטעט פון אונדזער ארגאניזאציע און אנגענומען א באש־לוס ארויסצולאזן צוויי פלוג-בלעטלאך אין יידיש און אין רוסיש, כדי אויפקלערן די שטעלונג פון דער פארטיי צו דעם מלחמה-פיבער און רופן די ארבעטער צום פראטעסט קעגן דער מלחמה. די בלעטלאך זיינען ניט געווען געדרוקט, נאר געשריבן מיטן האנט. אין יידיש — דורך מיין קוזין גרשון רוזשאנסקי, און אין רוסיש — דורך אברהם'ל יעלעצקי און קוניצע. נאכהער זיינען מיט א ספעציעלן בלויען טינט אויס־געפערטיקט געווארן אויף א שאפירא־גראף ביי 50—60 קא־פיעס. זיי זיינען געווען גע'חתמ'עט: „דער קאמיטעט פון „פועלי-ציון" אין סלאנים". ביינאכט פון 20-טן אויפ'ן 21-טן יולי זיינען די פלוג-בלעטלאך פאנאנדערגעקלעפט געווארן.

איצט, איבער 60 יאר שפעטער, באוואונדער איך אונדזער העזה ארויסצוטרעטן אין די סאמע ערשטע טעג פון דער מלחמה, מיט אזא שריט. איך דארף באמערקן, אז די סלאני־מער „בונד"-גרופע האט צוליב אירע געוויסע טעמים, זיך אפגעזאגט צו פירן אנ'אגיטאציע קעגן דער מלחמה.

ווי ס'איז געווען צו ערווארטן, האבן אונדזערע פראקלא־מאציעס שטארק אויפגערודערט די פאליציי און זיי האבן זיי גלייך אראפגעריסן. איוואנאוו האט ארויסגערופן צו זיך דעם ראבינער שליופער און געפאדערט פון אים, ער זאל זיך באמיהען צו דערקענען לויטן האנטשריפט פון די פלוג-בלע־

טער זייערע שרייבער, און ער האט געדראט מיט שטריינגע מיטלען. שליופער האט, פארשטייט זיך, קיינעם ניט אידענטיפיצירט, נאר אין דערזעלבער נאכט האט ער אונדז געהיים מודיע געווען וועגן איוואנאווס שריט און אונדז געווארנט, אז מיר זאלן זיך פארהאלטן רוהיק, און אז „ס׳איז ניט די צייט זיך צו בונטעווען״.

נאכדעם האט זיך אפגעשטעלט אונדזער פאליטישע טעטיקייט און די ארבעטער־פארטייען זיינען געווארן פאראליזירט.

א לעצטן פרווו צו אנגיין מיט פאליטישער אגיטאציע האט אונדזער גרופע געמאכט אין נאוועמבער 1914, ווען ס׳איז ארגאניזירט געווארן דורך׳ן אדוו. יאקאבסאן און דר. לעווין א יידישע אפטיילונג פון סאניטארן און קראנקענשוועסטער כדי אריבערצופירן פון וואקזאל צו די שפיטעלער די אנקומענדע פון פראנט פארוואונדעטע סאלדאטן. אונדזער קאמיטעט האט דעלעגירט מיר, די חבר׳טע בעלקע שוסטערמאן און נאך אייניקע חברים און חברות, צו פארשרייבן זיך אין דער אפטיילונג מיט דער כוונה צו פירן פראפאגאנדע צווישן די סאלדאטן קעגן דער מלחמה. מיר האבן דאס געטאן, הגם מיט דער גרעסטער פארזיכטיקייט.

אונדזער לעצטע געזעלשאפטלעכע, ניט־פאליטישע טעטיקייט אין 1915 איז געווען, ווי כ׳האב שוין דערמאנט, דער מצות־פאדריאד. ניט קוקנדיק אבער אויף דעם, וואס פיל פון אונדזערע חברים זיינען געווארן מאביליזירט, האט אונדזער סלאנימער גרופע געציילט אין זומער 1915 ביי 100 מיטגלידער.

אין יולי 1915 איז צוליב מלחמה־נויטן ערקלערט געווארן א פריצייטיקער „פריזיוו״ (איינשליסונג אין מיליטער) פון מיין יארגאנג 1917. (כ׳בין געבארן אין 1896 און היות די מיליטער־פליכט אין רוסלאנד אין שלום־צייטן איז געווען אין עלטער פון 21 יאר, וואלט איך זיך געדארפט שטעלן צום פריזיוו אין 1917). איך בין דאן אוועקגעפארן פון סלאנים אין קאווקאז, ווו כ׳האב געהאט געוויסע מעגלעכקייטן אפצולייגן מיין פריזיוו. און פון דאן ביז יולי 1920 בין איך ניט געווען אין סלאנים. וועגן דער ווייטערדיקער טעטיקייט פון אונדזער גרופע אין די יארן פון דער דייטשער אקופאציע און אין איבערגאנג־יאר 1919 האב איך ניט געוווסט ביז מיין צוריקקער אין סלאנים אין יולי 1920.

### מיין באזוך אין סלאנים אין יולי 1920

פונקט 5 יאר זיינען פארביי פון מיין פארלאזן סלאנים ביז מיין צוריקקומען. וויפל ענדערונגען, וויפל איבערקערענישן, וויפל פערזענלעכע איבערלעבונגען במשך פון די 5 יאר פון מלחמה, רעוואלוציעס, בירגער־קריג! און וואס פארא גוואלטיקע שינויים אויף דער יידישער גאס בכלל און אין דער יידישער ארבעטער־באוועגונג בפרט! די גאנצע 5 יאר האב איך מיטגעמאכט די גרויסע שטורימס וואס האבן אויפגעטרייסלט דאס יידישע לעבן אין די פראווינצן פון תחום־המושב, וועלכע זיינען ניט אקופירט געווארן דורך די דייטשן אין די מלחמה־יארן. אין מיין איצטיקער איבערזיכט וואס איז נוגע אויסשליסלעך די געשיכטע פון די פוע״צ אין מיין געבורט־שטאט איז, פארשטייט זיך, ניט דער פלאץ צו דערציילן אפילו בראשי־פרקים די גלגולים און איבערלעבענישן אין די אויפטרייסלענדע יארן 1915—1920. אין די יארן האב איך, יעדנפאלס, פארגעזעצט מיין פארטיי־טעטיקייט אין די דרום־געגנטן פון רוסלאנד, ווו כ׳האב דאן געוווינט.

איך וועל נאר דערמאנען, אין פארבינדונג מיט דער טעמע פון מיין איבערזיכט, אז אונטערן דרוק פון דעם אידעאישן געראנגל וואס איז פארגעקומען אין די רייהען פון דער „פועלי־ציון״־באוועגונג אין רוסלאנד און אויך אין אויסלאנד, — א געראנגל וואס איז אנטשטאנען צוליב עקסטרעם־לינקע בייגונגען אין א טייל פון דער פארטיי אונטערן איינפלוס פון זיגנדן קאמוניזם, — איז דעם 18־טן יאנואר 1919 פארגעקומען אויף דער אלרוסישער קאנפערענץ פון „פועלי־ציון״ אין מינסק א שפאלטונג פון דער פארטיי אויף א רעכטן און לינקן פליגל. דאביי האט דער לינקער פליגל צוגעשטאנען ממש צום קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל און געבילדעט די אזוי־גערופענע „יידישע קאמוניסטישע פארטיי פועלי־ציון״ (בקיצור: „י. ק. פ. פוע״צ״), בעת דער רעכטער פליגל פון דער פארטיי איז געבליבן געטריי אירע מקורות און פארהאלטן דעם נאמען: „יידישע סאציאל־דעמאקראטישע ארבעטער־פארטיי פועלי־ציון״ (י.ס.ד.א.פ. פוע״צ״). דער סאוועטישער רעזשים, וועלכער האט ליקווידירט אלע סאציאליסטישע פארטייען, האט געגעבן אין די ערשטע יארן פון זיין הערשאפט, — טראץ דער קעגנערשאפט פון דער יעווסעקציע, — א הכשר דער י.ק.פ. פוע״צ. דעם קאמוניסטישן פליגל פון דער פארטיי איז אפילו ערלויבט געווען אין די יארן 1919—1922 אנטיילצונעמען אין פארשיידענע שליחות׳ן פון דער הערשנדער קאמוניסטישער פארטיי און ארויסטרעטן אפיציעל אין נאמען פון דער י.ק.פ. פוע״צ.

אגב, די „י.ק.פ. פועלי־ציון״ האט ניט מאריך ימים געווען. זי איז געווען ווי א דארן אין די אויגן פון דער יעווסעקציע. אין 1922 איז די י.ק.פ. פועלי־ציון געווארן ליקווידירט און אירע מיטגלידער האבן געהאט די ברירה אריינצוטרעטן אין דער אלגעמיין־רוסישער קאמפארטיי. די וועלכע האבן אפגעווארפן די ברירה זיינען געווארן געשטעמפלט אלס... ציוניסטן.

איך וועל ניט מאריך זיין וועגן די אידעאלאגישע סיבות און אומשטענדן, אין וועלכע איך בין, נאך דער שפאלטונג פון 1919, צוגעשטאנען צו דער „י.ק.פ. פועלי־ציון״. אלס אקטיווער פארטיי־חבר בין איך נאמינירט געווארן, בעת דער סאוועטיש־פוילישער מלחמה אין 1920, אלס פאליטישער פארטרעטער (פאליטרוק) פון דער י.ק.פ. ביים צפון־מעריב׳דיקן שטאב פון דער רויטער ארמיי, וועמנס זיץ־ארט איז געווען אין מינסק, און וועלכער האט דירעקט אפערירט אויפן פראנט אין דער מלחמה. מיין מיסיע, צוגלייך מיט דער מיסיע פון נאך חברים, איז דאן באשטעטיקט געווארן דורך קאלינינען בכבודו ובעצמו.

די סאוועטישע ארמיי האט פארנומען סלאנים דעם 20־טן יולי 1920 און האט פארגעזעצט איר אפענסיווע און דער ריכטונג צו ווארשע. קורץ נאכדעם בין איך געקומען אין

סלאָנים אין שליחות פון שטאַב און בפירוש אַלס פּאָליטישער אַרבעטער פון די פּוע״צ.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן די געפילן וואָס האָבן מיר באַהערשט, ווען כ׳בין צוריקגעקומען צום אָרט, ווו כ׳האָב פאַרבראַכט מיינע קינדער — און יוגנט־יאָרן. נאָך די ערשטע קאָנטאַקטן מיט משפּחה און קרובים האָב איך אויפגעזוכט מיינע אַלטע פּאַרטיי־חברים. ניט אַלעמען האָב איך צוריק־געפונען. אַ טייל זיינען ניט צוריקגעקומען פון די מלחמה־יאָרן; אייניקע האָבן פאַרלאָזן סלאָנים נאָך דער ערשטער סאָוועטישער אָקופּאַציע אין 1919. די איינציקע וואָס כ׳האָב געטראָפן, — און צווישן זיי מיין אַלטער חבר יעקב בעלקין, — האָבן מיר דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער גרופּע אין די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע (איך גע־דיינק ניט די אַלע פּרטים און כ׳לאָז איבער דער רעדאַקציע פון „פּנקס״ צו אויספילן דעם קאַפּיטל פון מיין איבערזיכט פאַר די יאָרן 1915—1919).[5]

איך האָב זיך דערוווּסט, צווישן אַנדערן, אַז צו דער פּוע״צ־גרופּע זיינען אין די לעצטע יאָרן צוגעשטאַנען פיל יונגע חברים. צווישן דער אָנפירנדער יוגנט פון דער גרופּע איז געווען בולט מאַניע מאַדעלאָוויטש (דער זון פון דער אַקושערקע מאַדעלאָוויטש). איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט און ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ־ן ענט־וויקלטן, באַגאַבטן און איבערגעגעבענעם פּועלי־ציוניסט[6]. די שפּאַלטונג פון 1919 האָט נאָך ביז דאַן ניט אָנגערירט די סלאָנימער גרופּע, הגם איך האָב פאַרשטאַנען פון מיינע געשפּרעכן מיט אייניקע יונגע חברים, אַז דער אידעאישער געראַנגל פון דער פּאַרטיי האָט אויך זיי שוין אַרומגענומען.

אַלס מיטגליד פון דער „י. ק. פּ. פּוע״צ״ האָב איך, נאַ־טירלעך, געוואָלט זיי באַאיינפלוסן, און אַלס שליח אין מיין אָפיציעלן אַמט — האָב איך די נייע יונגע קאַדרען פון דער גרופּע איינגעלאַדן אויף אַ דיסקוסיע־אָוונט, ספּעציעל צו נע־מען אַ שטעלונג צו דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי.

ניט קוקנדיק אויף די פּאָליטישע פאַרהעלטעניש בײַ דער סאָוועטישער אָקופּאַציע און האָבנדיק צוטרוי צו מיר אַלס לאַנג־יאָריקער חבר פון דער פּאַרטיי, האָבן זיך די פאַרזאַמל־טע אויסגעדריקט פריי. ס׳האָט זיך במשך פון דער דיסקוסיע אַרויסגעוויזן, אַז כמעט אַ העלפט פון די חברים ווילן צושטיין צו דער „י. ק. פּ. פּועלי־ציון״, און זיי האָבן דאָס אויסגעפירט אויפן אָרט. די נייע חברים פון י. ק. פּ. האָבן דאַן אויסגעוויילט יעקב בעלקינען אַלס זייער דעלעגאַט צו דער ווייסרוסישער קאָנפערענץ פון דער י. ק. פּ., וואָס האָט געדאַרפט דאַן פאָר־קומען אין מינסק.

די אַנדערע העלפט חברים בראש מיט מאַדעלאָוויטשן זיינען ניט צוגעשטאַנען און, פאַרשטייט זיך, זיינען זיי ביז׳ן צוריקטריט פון די סאָוועטן געבליבן פּאָליטיש ניט־אַקטיוו.

איך בין דאַן געווען אין סלאָנים 5 טעג און כ׳האָב פאַר־געזעצט מיין שליחות אויך אין וואָלקאָוויסק און אין אַנדערע ערטער פון אומגעגנט. נאָך אַ געוויסע צייט האָב איך זיך צוריקגעקערט אין באַברויסק. ווען כ׳בין אָנגעקומען אַהין האָט זיך שוין אָנגעהייבן דער צוריקמאַרש פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט קורץ נאָכדעם, אונטערן דרוק פון דעם פּוילישן אָנגריף, אויך פאַרלאָזן סלאָנים. פאַרן אָפּטרעטן זיינען אַ היבש ביסל חברים פון „י. ק. פּ. פּוע״צ״ אַוועק קיין רוסלאַנד, כדי אויסמיידן רעפּרעסיעס מצד די פּאָליאַקן, וואָס מען האָט געקענט זיכער ערוואַרטן. (מיט אייניקע פון זיי האָב איך זיך נאָכהער געטראָפן אין רוסלאַנד).

פון דאַן־אָן בין איך שוין מער אין סלאָנים ניט געווען, און מיט דעם פאַרענדיקן זיך מיינע זכרונות וועגן דער פּוע״צ־אָרגאַניזאַציע אין שטאָט. דער געשיכטע־קאַפּיטל פון דער פּוע״צ־באַוועגונג אין סלאָנים בעת דער פּוילישער תקופה 1921—1939 געהערט צו דער קאָמפּעטענץ פון די, וועלכע האָבן דעם קאַפּיטל דורכגעמאַכט.[7]

וואָס ס׳איז שייך מיין ווייטערדיקע טעטיקייט אין דער „י. ק. פּ. פּוע״צ״ האָט זי שוין לאַנג ניט געדויערט. אין אָנ־בליק פון דער פאַרשטייענדער ליקווידאַציע פון דער פּאַרטיי אין 1922 און פאַרויסזעענדיק, אַז איך וועל אויפגעפאָדערט ווערן אַריינצוטרעטן אין דער אַלרוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויפגעבן מיט דעם פולשטענדיק דעם נאַציאָנאַל-פּאַלעסטינישן אַספּעקט פון מיינע אָנשויאונגען, — בין איך אָפיציעל אַרויסגעטרעטן פון דער פּאַרטיי. איך האָב פאַר אַט דעם „חטא״ טייער באַצאָלט. אין יאָרן אַרום בין איך געוואָרן אַרעסטירט אַלס ציוניסט און פאַרמשפּ׳עט צו תפיסה און פאַרשיקונג אויף 10 יאָר. אויך מיין פרוי יהודית איז געוואָרן באַשולדיקט און איז געווען פאַרשפּאַרט 2 יאָר אין אַ־ן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע.

## דער גורל פון מיינע סלאָנימער פּאַרטיי־חברים

אומעטיק ווערט אויפ׳ן האַרצן, ווען כ׳מאַך דעם סך־הכל פון מיינע ערשטע פּאַרטיי־חברים, מיט וועמען איך האָב מיטגעמאַכט מיינע ערשטע יאָרן אין דער סלאָנימער פּוע״צ־גרופּע, סיי די וועלכע זיינען אומגעקומען פון די סטאַליניס־טישע „ריינקונגען״ אין רוסלאַנד און סיי די וועלכע זיינען געפאַלן אַלס נאַצי־קרבנות אין סלאָנים.

ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, האָבן זיך אַ געוויסע צאָל חברים עוואַקואירט אין רוסלאַנד אין 1919 און אין 1920, נאָך די ביידע סאָוועטישע אָקופּאַציעס פון דער שטאָט. מיט אייניקע פון זיי האָב איך זיך געטראָפן אין רוסלאַנד און כ׳האָב נאָכגעפאָלגט זייער טראַגישן גורל.

בײַ דער געלעגנהייט וויל איך דערציילן, אַז די פּאַרטייען זיינען געווען אויך גוטע... שדכנים. די פּאַרטיי־„בירזשעס״ אויף דאַמבע און די סכאַדקעס אין די וועלדער זיינען געווען ניט נאָר אַ־ן אָרט פאַר אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס, נאָר אויך

---

[5]) מיר טוען דאָס מיטן געבן אַ „דערגענצונג־קאַפּיטל״ צו די אינטערעסאַנטע זכרונות פון מחבר. — רעד.

[6]) ה׳ מאַדעלאָוויטש, וועלכער האָט פאַרגעזעצט זיין פּוע״צ־טעטיקייט אין פּוילן און פראַנקרייך, לעבט איצט אין פּאַריז — רעד.

[7]) אַ טיילווייזע אָפּהאַנדלונג וועגן די „פּועלי־ציון״ אין דער פּוילישער תקופה ז׳: אין „פּנקס־סלאָנים״, באַנד 1, זייטן: 23—26 אין אַרטיקל פון זאב רמון און יחזקאל ראַבינאָוויטש: „פּועלי־ציוניסטישע טעג און יאָרן״. — רעד.

פאר ראמאנטישע באגעגענישן. און דאס איז געווען אזוי גוט ביי די ציוניסטן, ווי אויך ביי די ארבעטער־פארטייען. אויך ביי די פוע״צ געדיינק איך חברים און חבר׳טעס, פאר וועמען אונדזערע קולטור־קרייזלאך האבן געדינט אלס אידעאלער שדכן... אזוי האט יצחק ווערניקאווסקי חתונה געהאט מיט אסתר ציפערשטיין (און פון דעם שטאמט אויך זיין נייער פאמיליע־נאמען „אסתרמאן״, וועלכער איז געווארן זיין אפיציעלער נאמען אין רוסלאנד פון 1925־אן; צוליב וועלכע סיבה ער האט דאן געביטן זיין פאמיליע־נאמען איז מיר אומ־באקאנט); יעקב בעלקין האט חתונה געהאט מיט דער חבר׳טע פעשע, דעם שוסטערס טאכטער פון אראפּ פאנעסווע, און יחזקאל דוניעץ — מיט פעשע שווארץ. א סברא, אז דאס האט פעשע, די געטרייע פועלי־ציוניסטקע, באוויזן איבערצייגן דוניעצ׳ן אין פועלי־ציוניזם, הגם זי האט מיר אויך צוגעצויגן צו דער אויפגעבע אין איבערצייגן אים פארלאזן די ס. ס. און צושטיין צו די פוע״צ. נאר וויזט־אויס, אז די „איבער־צייגונג״ איז ניט געווען זייער באגרינדעט, ווייל אין א פאר יאר ארום, — ווי כ׳האב נאכהער געהערט, — האט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין „ערשטער ליבע״, די ס. ס., — דאס וואס עס האט אים ניט געשטערט צו ווערן נאכהער א קאמוניסט.

ווי מיר זעען, האבן די ליבעס צווישן די חברים און חברות זיך געענדיקט גאנץ אפט מיט די — 4 פלעקלאך (א פנים, אז צו „פרייע ליבע״ זיינען נאך דאן אונדזערע סוציאליסטישע פארטייען ניט דערגאנגען...).

איך וועל דא איצט ברייגנען אייניקע פרטים וועגן א טייל פון מיינע אמאליקע חברים, אויף וויפל מיין זכרון האט זיי אפגעהיט.

יצחק, — אדער ווי מיר פלעגן אים רופן איטשקע, — ווערניקאווסקי, וועלכער איז שוין גלייך נאך דער שפאלטונג פון 18־טן יאנואר 1919, צוגעשטאנען צו דער „י. ק. פ. פוע״צ״, איז געווען טעטיק אין סלאנים אלס פארטיי־מיטגליד בעת דער ערשטער סאוועטישער אקופאציע פון יאנואר—פעברואר 1919, און האט געמוזט פארלאזן סלאנים מיט זיין פרוי פארן אריינגיין פון די פאליאקן אין מערץ 1919. ער האט פארנומען אין רוסלאנד וויכטיקע רעגירונגס־פאסטנס און האט געהאט פארדינסטן אויפן געביט פון עוואקואירן געגנטן אין דער צייט פון בירגער-קריג און מלחמות, ווען זיי זיינען געווען אין סכנה פארכאפט צו ווערן דורך קאנטער־רעוואלוציאנערע כוחות. ער האט זיך ספעציעל אויסגעצייכנט מיט דער עוואַ־קואציע פון לעטלאנד און נאכהער פון מינסק, פארן באזעצן די שטאט ענדע 1919 דורך די פאליאקן. אין יוני 1920 האב איך אים געטראפן אויף דער כארקאווער קאנפערענץ פון דער „י. ק. פ. פוע״צ״. אין די שפּעטערדיקע יארן איז ער געווארן איינער פון די וויכטיקסטע טוער אויפן געביט פון טראנס־פּארט אין מאסקווע, אלס לייטער פון „טראנס־מאַט״ (טראנ־פּארט־מאטארן טייל) פון מאסקווער סאוועט. אין די דרייסי־קער יארן איז ער געווען באשטימט אלס געהילף פון די גאלד־גרובן „יקוט־זאלאטא״ מיטן זיץ־ארט אין מאסקווע. די גרויסע „טשיסטקעס״ (רייניקונגען) בעת דעם סטאלין־טעראר האבן אים ניט אויסגעמיטן. אין 1938 איז ער ארעסטירט געווארן אונטער דער אבסורדאלער באשולדיקונג, אז צוליב נאציאנאל־ציוניסטישע קאנטער־רעוואלוציאנערע שטרעבונגען, — האט ער געשעדיקט די עקאנאמיק פון ראטן־רוסלאנד... ער איז פאר׳משפט געווארן אויף 10 יאר קאנצענטראציע־לאגער מיט א שטרייגגן רעזשים, אָן דער ערלויבניש צו קארעספּאנ־דירן מיט זיין פאמיליע. ער איז נאכהער ערמארדעט געווארן דורך דער לאגער־אדמיניסטראציע. זיין פרוי אסתר איז דאן פארשיקט געווארן מיט זייער טאכטער און באפרייט געווארן ערשט נאך סטאלין׳ס טויט. פארן ארויספארן פון רוסלאנד האב איך אסתר׳ן מיט איר טאכטער געזען אין מאסקווע, ענדע 1973. די טאכטער איז געבליבן אונפערהייראט.

נישט קיין בעסערן גורל האט געהאט יחזקאל דוניעץ. ביי דער געלעגנהייט וויל איך געבן אייניקע ביאגראפישע פרטים וועגן אים. ער איז געבארן אומגעפער אין 1894 (מיט א פאר יאר עלטער פאר מיר), א זון פון עובדיה דעם בעקער. געלערנט אין חדרים און אין ישיבה ביי ר׳ איטשע דעם מלמד. נאכהער געארבעט ביי זיין טאטן אין בעקעריי. אין 1912 איז ער צוגעשטאנען צו די ס. ס. (צום „בונד״ האט ער קיינמאל ניט געהערט. נאך ויכוחים מיט פעשע שווארץ און מיט מיר איז ער אין 1914 אריבער צו פוע״צ. ער האט חתונה געהאט מיט פעשען בעת דער דייטשער אקופאציע. אין 1919 איז ער געווארן א קאמוניסט און אנטלאפן מיט זיין פרוי אין רוסלאנד בעת דעם סאוועטישן צוריקטריט. איך האב אים געטראפן אין מינסק אין 1921. ער איז געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער אין דער מינסקער יידישער קאמוניסטישער צייטונג „אקטאבער״ אונטער דער רעדאקציע פון חבר׳טע אסתר (פרומקינא) און איז א געוויסע צייט אויך געווען רעדאקטאר און האט אנגעשריבן א פאר מארקסיסטיש־אויפקלערנדע ביכער און ליטעראריש־קריטישע ווערק. שפּעטער איז ער געווארן באשולדיקט אין טראצקיזם און פארמשפּ׳עט צום טויט. זיין פרוי פעשע שווארץ, וועלכע איז געבארן אומגעפער אין 1898, איז פארשיקט געווארן אין א לאגער, נאך דער עקזעקוציע פון איר מאן. נאך סטאלינס טויט איז זי געווארן באפרייט. זיי האבן געהאט קינדער. וועגן ווייטערדיקן גורל פון פעשען מיט אירע קינדער ווייס איך ניט.

פארשיידענע וועגן זיינען דורכגעגאנגען די ברידער ירחמיאל און אברהם יעלעצקי. ביידע חברים פון פוע״צ אין די יארן 1912—1915 און נאכהער פון י. ק. פ. זיי האבן פארלאזן סלאנים נאכן סאוועטישן צוריקטריט אין 1920. ירחמיאל האט א געוויסע צייט געארבעט מיט יצחק ווערני־קאווסקי אין דער פארוואלטונג פון „יאקוט־זאלאטא״. זיין ברודער אברהם איז אין די צוואנציקער יארן געווען דער סעקרעטאר פון י. ק. פ. אין מאסקווע. נאכהער זיינען ביידע געווארן מיטגלידער פון דער קאמפארטיי. אין 1937 (אדער 1938) זיינען ביידע ברידער ארעסטירט געווארן אלס „שונאים פון פאלק״ („וראגי נאראדא״). און דאן איז געקומען די סענסאציע: ירחמיאלן האט מען געשאסן און אברהם׳ען — באפרייט. מען האט דאן געמורמלט, אז אברהם האט זיך פארפליכטעט דינען דער נ. ק. וו. ד. איך קען דאס ניט באשטעטיקן. יעדנפאלס איז ביי מיר געבליבן א חשד, אז ער האט געהאט א האנט אין ארעסטירן מיר אלס ציוניסט, פון וואס איך בין נאכהער פארמשפּ׳עט געווארן אויף 10 יאר.

פארשיידענע גורלות האבן אויך געהאט די ברידער בעלקין. יעקב בעלקין, וועלכער איז געווען א גארבער אין 1915—1912 (און ווארשיינלעך אויך בעת דער דייטשער אקופאציע) איז מיט זיין פרוי פעשע אוועק אין רוסלאנד אין 1920. ער האט געענדיקט א העכערן שטודיום אלס אינזשעניער אין אנ׳אינסטיטוט פאר באן־ארבעטער. ער איז געשטארבן אין מאסקווע אין סוף פון די 50־ער יארן. איך האב די אלמנה געזען אין מאסקווע אין די אנהייב 70־ער יארן. זי האט געלעבט מיט א זון. יעקב בעלקין׳ס ברודער (זיין פארנאמען געדיינק איך ניט) איז אלס קאמוניסט געווען פארזיצער פון יאראסלאווער שטאט־ראט און האט געביטן זיין פאמיליע־נאמען אויף באכאמקין. אין 1919 איז געווען אין יאראסלאוו א קאנטער־רעוואלוציאנערער אויפשטאנד פון סאווינקאוו, און בעלקין איז אין די קאמפן געפאלן.

דער סלאנימער פוע״צ סאלאוויי (פארנאמען אומבאקאנט) איז אוועק אין רוסלאנד אין 1920. ער איז געבליבן א חבר פון י. ק. פ. ער האט געלעבט אין סאראטאוו און דארט גע־שטארבן אין די ענדע 60־ער יארן. אין 1920 האבן פארלאזן סלאנים אויך די י. ק. פ. פוע״צ־חברים מאַטעצקי; מאניע לעווין, געלעבט אין מאסקווע (זיינע עלטערן האבן געהאט א סעלצער־וואסער געשעפט אויף רוזשנאיער גאס) און פאסמאניק (א זון פון הוטגעשעפט־אייגנטימער אין רייכן ראד קראמען), וועלכער איז געשטארבן אין מאסקווע. זיין פרוי איז אנגעקומען אין ישראל אין 1972 (זייערע א טאכטער איז טראגיש אומגעקומען פון א שריפה אויף א דאטשע נעבן מאסקווע). זייער אייניקל האט עמיגרירט און לעבט אין קאנאדע.

אין טיפליס (קאווקאז) האב איך אין 1919 באגעגנט דעם פינסקער חבר „שווארצער מאכטיי״ וועלכער איז פאר 1914 געווען אין סלאנים אלס דעלעגאט פון פינסקער ראיאן־קאמי־טעט. ער איז דאן געווען זייער טעטיק אין דער טיפליסער י. ק. פ. מער האב איך אים ניט געטראפן.

איך האב געלעבט אין מאסקווע פון 1946 ביז 1972 (א חוץ, פארשטייט זיך, די יארן פון מיין פארשיקונג), און איך פלעג דארטן טרעפן אפט סלאנימער לאנדסלייט. איך מיין, אז אין מאסקווע האבן דאן געלעבט זייער פיל סלאני־מער אפשטאמיקע. אנ׳ענגערן קאנטאקט מיט אונדזערע לאנדסלייט דארט האט אונטערהאלטן מיין שוועסטער, וועלכע איז נאך דארטן געבליבן. וועגן א צוזאמענטרעף פון אלע סלאנימער האט, פארשטייט זיך, ניט געקענט זיין קיין רייד. אבער עס איז געווען אמין טראדיציע ביי אייניקע צענדליק לאנדסלייט זיך צוזאמענטרעפן איינמאל אין יאר, אין זייערע פריוואטע וווינונגען. די טראדיציע האט זיך פארשטארקט אין די יארן נאכן חורבן.

איך האב גענומען אנ׳אנטייל אין א פאר פון אזעלכע צוזאמענטרעפן. איך געדיינק אז איך האב דארטן געטראפן צווישן אנדערע, 2 זין פון לערער שווארצאווסקי (פון „יעור־רייסקע אוטשילישטשע) א געוויסן ביאמע מאשקאווסקי און דארא יאקימאווסקא. אויך האב איך דארטן געזען די שוועס־טער פון שרייבער נח לוריע. נח׳ן אליין איז מיר קיינמאל ניט אויסגעקומען צו טרעפן. די טעמע פון אזעלכע באגעגע־נעשן איז, פארשטייט זיך, געווען זכרונות פון סלאנים און וועגן סלאנימער פון די אלטע, פאר־מלחמה־צייטן...

וועגן גורל פון די פארטיי־חברים וועלכע זיינען גע־בליבן אין 1920 אין סלאנים, האב איך זיך דערוווּסט שפעטער, שוין נאכן חורבן. מיינע קוזינען גרשון און אברהם רוזשאנסקי (זייער פאטער שבתי און מיין פאטער יהודה זיינען געווען ברידער) זיינען אומגעקומען מיט זייערע משפחות ביי די נאציס. גרשון איז די גאנצע יארן געווען א גארבער־ארבע־טער. אברהם, וועלכער איז געווען אמאל א מייסטער אין כוואיינקס גארבעריי (ביים שאסיי, ניט ווייט פון די קאזארמעס) האט נאכהער געהאט א זעלבסטשטענדיקע גארבעריי־אונטערנעמונג. די חבר׳טעס בעלקע שוסטערמאן און עשקע ראזענבערג מיט זייערע פאמיליעס האבן געלעבט אין סלאנים און אומגעקומען אין די שחיטות. קיינער פון מיינע אמאליקע פוע״צ־חברים, וועלכע זיינען געבליבן אין סלאנים, איז ניט געבליבן ביים לעבן.

נאך א שווערן, רדיפות — און פיין — פולן לעבן און אפּפערן זיך פאר׳ן פועלי־ציוניסטישן אידעאל במשך פון כמעט 60 יאר אין רוסלאנד; נאך כמעט 60 יאר פון פארלאזן סלאנים, — האב איך אייבער זוכה געווען אויף דער עלטער אנקומען מיט מיין פאמיליע, דעם 18־טן פעברואר 1974, אלס עולה חדש אין לאנד פון אונדזערע אבות און פון אונדזער צוקונפט. די פארטיי־פרעסע האט מיר באגריסט אלס וועטע־ראן פון דער פארטיי און אלס אסיר־ציון[8], און איך מיט מיין פרוי האבן זוכה געווען צו א לייכטער קליטה הן פערזענלעך און הן פון אונדזערע 2 זין מיט זייערע פאמיליעס.

ס׳איז איבעריק צו באטאנען, ווי איך בין געווען גליקלעך זיך צו טרעפן מיט מיינע סלאנימער לאנדסלייט און זיך צו טיילן מיט זיי מיט מיינע זכרונות אין „פנקס־סלאנים״.

באַארבעט דורך ק. ל.

---

8) ז׳ „פאלקסבלאט״, נומער 3—4 (76—77) מערץ—אפריל 1975. — רעד.

# המשך הזכרונות מהשנים 1914—1920

# המשך פון די זכרונות פון די יארן 1914—1920

מענדל פערלשטיין

# זעכציק יאר אין סלאנים

## זעקסטער טייל

## לעצטער יאר פון דער רוסישער הערשאפט

### דער פאל פון רעזערוויסט שושאן ביים מלחמה־אויסברוך

ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין 1914, האט זיך ביי די יידן אין רוסלאנד ערוועקט א פאטריאטישער געפיל, נישט געקוקט אויף דעם, וואס די לעצטע יארן פאר דער מלחמה האבן די רוסישע סאטראפן פארשטארקט די גזירות פון דער יידישער רעכטלאזיקייט. דאס ארויסטרייבן די יידן פון די דערפער, לויט די פאראָרדענונגען פון מיניס־טער איגנאטיעוו אין 1881, איז געווארן פארשאפט און אויס־געפירט און'ברחמנות'דיק. דער יידישער קיום אין תחום־המושב איז טאג־טעגלעך פארשווערט געווארן דורך אלץ נייע און נייע באגרענצונגען. דערצו איז נאך צוגעקומען דער ביילים־פראצעס, וואס האט געווארפן א מורא'דיקע באשול־דיקונג און שרעק אויפ'ן גאנצן רוסישן יידנטום.

אויך אין סלאנים האט מען געפילט שטארק די פאליטיק פון דער „שווארצער מאה".

כדי צו געבן אן'אנונג פון דעם טרעטן מיט די פיס די רעכט פון די יידן, וויל איך דא ברייגגען א פאר פאלן פון די גירושים, וואס האבן פאסירט הארט פאר דער מלחמה אין סלאנים.

איך געדיינק, ווי מען האט אין 1913 געבראכט אין שטאט ליאכאזוויאנסקי'ס א ברודער (ליאכאזוויאנסקי — דער אינהא־בער פון אפטייק־געשעפט), א געבונדענעם אין קייטן, ווי א גרויסן פארברעכער, דערפאר ווייל מען האט אים געפאקט נעכטיקן אין זיין סמאלניע*), נעבן ביטען. ארבעטן ביי טאג אין סמאלניע — דאס יע, אבער איבערנעכטיקן דארט טאר א ייד ניט...

*) „סמאלניע" איז געווען אן'אונטערנעמונג פון עקספלואטירן די סמאלע פון געוויסע בוימער, וואס האט געדינט פאר דער פאבריקאציע פון טערפענטין. — רעד.

נאך מער סקאנדאליעז, ממש אן'אונגלייבליכע פאסירונג, וואס וואלט פיליכט ניט געטראפן אפילו צווישן די ווילדסטע שבטים, האב איך בייגעווינט אין 1914.

ביי סלאנים, ניט ווייט פון די קיידערשע מאָהילקעס, האט זיך געפונען זייט 40 יאר א סמאלניע אין קאזיאנעם וואלד מיט דעם נאמען „סוכעס". צענדליקער יארן האט דארטן געלעבט א פאמיליע שושאן, נאטירלעך צאלנדיק דער פאלי־ציי וואס מען „דארף"...

אין יאר 1912 איז געקומען דער „אוריאדניק" (קווארטאל־פאליציאנט) און מיט א ווייטאק אין הארצן אויפגעפאַדערט די פאמיליע צו פארלאזן די סמאלניע: אזא שטרייגגן צירקוליאר האט ער באקומען... וואס דאס באדייט פאר א פאמיליע, וועלכע האט דארטן געפירט זייט אזוי פיל יארן אן'איינגעווארצלטן לעבן און האט, אחוץ דער ארבעט אין דער סמאלניע, אויך באארבעט פעלדער און האט דארט געהאט אן'אינווענטאר און אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע איינריכטונגען, קען מען זיך לייכט פארשטעלן. ע'ס איז אבער נישט געבליבן קיין ברירה, ווי זיך אונטערצווווארפן דעם באפעל. די פאמיליע האט זיך אריבערגעפעקלט מיטן ביסל האב און גוטס אין שטאט און געדונגען א וווינונג ביי אליהו דעם פארבער אויף סטודענטסקע גאס. שושאן האט קוים־קוים געמאכט א לעבן אין שטאט.

כ'איז אויסגעבראכן די מלחמה און שושאן אלס „זאפאס־נאי" (רעזערוויסט) איז מאביליזירט געווארן. ער איז געווען צוגעשריבן צום יאראסלאווסקי פאלק, וועלכער האט סטאציא־נירט פאר דער מלחמה אין סלאנימער גארניזאן צוזאמען מיטן 118־טן שויסקי פאלק. ער איז צו מיר געקומען פרעגן אן'עצה וואס צו טאן מיט דער פאמיליע, וואס איז געבליבן אן פר־נסה. איך האב אים ניט געקענט געבן קיין אנדער עצה, ווי נאר איינפאקן די בעבעכעס און אריבערטראנספארטירן די

ווייב און קינדער צוריק אין סמאלניע. און אזוי האט ער געטאן.

א פאר טעג איידער דער מאביליזירטער יאראסלאווסקי פאלק מיט שושאנען האט שוין געדארפט אוועקגיין אויפן פראנט, איז ער צו מיר געקומען צולויפן, שוין אנגעטאן אין מיליטערישן אוניפארם און, אנ'אויפגערעגטער, מיט טרערן אין די אויגן, האט ער מיר איבערגעגעבן, אז נעכטן איז צו אים געקומען פאליציי און אים באפוילן, אז אין 24 שעה זאל זיין פאמיליע פארלאזן די סמאלניע, — און אויב נישט וועט מען די ווייב מיט די קינדער ארויסווארפן מיט גוואלד. ער האט מיר געבעטן צו אינטערווענירן.

אין סלאנים האט עקזיסטירט א קלוב, די מיטגלידער פון וועלכן זיינען באשטאנען פון דער העכערער ציווילער געזעלשאפט. צום קלוב האבן געהערט אויך אייניקע יידן ואני בתוכם.

דעמזעלבן אוונט, ווען אין קלוב איז זיך צונויפגעקומען די קרישטלעכע „סמעטענע“, האב איך זיי איבערגעגעבן די אונערהערטע פאליצייאישע האנדלונג קעגן דער פאמיליע פון דעם מאן, וועלכער גייט פארגיסן זיין בלוט פאר דעם פאטערלאנד, א פאמיליע וואס די רעגירונג דארף זארגן וועגן איר עקזיסטענץ.

איך געדענק וואס פאר א שווערן איינדרוק דאס האט געמאכט אויף זיי אלעמען. זיי האבן געזאגט, אז ס'מוז דערביי זיין א מיספארשטענדעניש און האבן מיר געראטן זיך ווענדן צום איספראווניק, וועלכער וועט דאס ערליידיקן ווי אמבעסטן. (איך וויל דאביי באמערקן, אז דער דאמאלסדיקער איספראווניק מאטשינסקי איז געווען אנ'אייגנארטיקער און פראווניק מאטשינסקי איז געווען אנ'אייגנארטיקער און אפגעזונדערטער מענטש. ער האט ניט באזוכט קיינע קלובן און געזעלשאפטן).

אויף מארגן פרי בין איך אוועק צום איספראווניק. ווען איך האב אים איבערגעגעבן וועגן וואס עס האנדלט זיך, איז ער, ווי אנ'אונטערגעשאסענע חיה, אויפגעשפרונגען און מיט כעס מיר פארגעווארפן, פארוואס איך דריי אים די קאפ מיט נארישקייטן אין אזעלכע ערנסטע טעג. א נידערגעשלאגענער, אן רעזולטאטן, האב איך פארלאזן דעם סאטראפ.

א פאר וואכן נאכ'ן פארלאזן סלאנים, שוין ביי די ערשטע שלאכטן, איז שושאן געפאלן אויפ'ן פראנט אלס קרבן פאר זיין אונדאנקבארן, שטיפמוטערישן פאטערלאנד.

ס'דאכט זיך, אז פאר אט דעם חטא אליין האט די השגחה זיך אפגערעכנט מיטן בלוטיקן ניקאלאי, אז אפילו די ערד האט ניט געוואלט אויפנעמען זיין קערפער און פון אים איז קיין זכר ניט געבליבן...

## די אנטיסעמיטישע קליקע און דער יידישער שפיטאל פאר פארוואונדעטע סאלדאטן

ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס ביים אויסברוך פון דער מלחמה האבן יידן געוואלט זען די מפלה פון דער אנטיסעמיטישער רעגירונג. און דאך, ניט קוקנדיק אויף דאס אלץ, האט די בירגערליכע פליכט זיך גובר געווען איבער די נאטירלעכע נקמה-געפילן, וואס עס האט זיך אפילו אויסגעדריקט אין א געוויסע פאטריאטישע שטימונג. איך דערמאן מיך, מיט וואס פאר א הארציקן ענטוזיאזם האט די יידישע באפעלקערונג באגלייט די 2 פאלקן פיעכאטע, ווען זיי זיינען אוועק צום פראנט.*). פיל האבן ביטער געוויינט. די וווינטשן, מיט וועלכע מען האט זיי באגלייט, זיינען געווען יוצאים מן הלב.

אבער דער פאטריאטיזם האט לאנג ניט געדויערט. קורץ נאכ'ן מלחמה-אויסברוך האט זיך אנגעהייבן א נייע כוואליע פון שווידערלעכע שפיאנאזש, בלבולים אויף יידן. דאס האבן אויסגענוצט אויך אונדזערע היימישע שונאי-ישראל, וועלכע האבן ניט גערוט און ביי יעדער געלעגנהייט פארלעצט אונדזערע מענטשליכע געפילן.

אין דער שפיץ פון אונדזערע היימישע אנטיסעמיטן זיינען געשטאנען: דער הינקעדיקער „פרעדוואדיטעל דווארינסטווא“ (פירער פון דער סלאנימער רוסישער אריסטאקראטיע) מיטן נאמען באיץ, פון שוועדישער אפשטאמונג, א פערזאן וואס איז לויט זיין אמטליכער שטעלע געווען אנ'איינפלוסרייכע פערזאן אין גאנצן „אויעזד“ (קרייז), און אויך דער „וואינסקי נאטשאלניק“ (מיליטערישער פארשטייער פון קרייז), א גענעראל פון גריכישער אפשטאמונג מיטן נאמען גאמרעט-קורעק. אלס מיליטערישער קאמענדאנט האט ער אויך געהאט גענוג געלעגנהייטן ארויסווייזן זיין יידן-האס.

איך דערמאן מיך דעם פאל וואס האט פאסירט, ווען מען האט אין שטאט געגרינדעט דעם אפיציעלן קאמיטעט צו באזארגן און געבן הילף די פארוואונדעטע סאלדאטן. דער יידישער פארטרעטער אין קאמיטעט איז געווען דער איבעראל-געאכטעטער ה' יאקאבסאן. שוין ביי דער ערשטער זיצונג, וועלכע איז פארגעקומען אין הילצערנעם זומער-פאוויליאן וואס איז געשטאנען ביים ראנד פון „פוסטן סאד“, האט דער פארזיצנדער פון קאמיטעט, דער „פרעדוואדיטעל דווארינסטווא“, אריינקומענדיק אין זאל, געגעבן אלע אנוועזנדע די האנט און אויסגעמיטן דעם ה' יאקאבסאן, מיט וועלכן ער האט זיך באגריסט אבער דעמאנסטראטיוו אים ניט געגעבן די האנט.

די נידערטרעכטיקע עפנטלעכע באליידיקונג פון יידישן פארשטייער דורך דער העכסטער אדמיניסטראטיווער מאכט האט אויף דער יידישער באפעלקערונג געמאכט א נידערשלאגנדן איינדרוק.

ניט געקוקט דערויף, האבן די סלאנימער יידן ניט רעזיגנירט פון זייערע בירגערלעכע פליכטן און מען האט באשלאסן מאכן שבת פאר זיך. היות ווי דורך סלאנים האבן אנגעהייבן דורכגיין פיל צוגן מיט פארוואונדעטע זעלנער פון פראנט, האט מען געגרינדעט א יידישן הילפס-קאמיטעט, וועלכער האט אויפ'ן וואקזאל געטיילט די דורכפארנדע פארוואונדעטע מכל-טוב, און ווען אין שטאט גופא זיינען שוין אלע שפיטעלער געווען איבערפולט מיט פארוואונדעטע, האט דערזעלבער יידישער קאמיטעט פארגעלייגט דער לאקא-

*) וועגן דעם ז' אויך די כראניק „אויפ'ן גרענעץ פון צוויי תקופות“, זייטן 300—301 אין דריטן באנד פון „פנקס-סלאנים“. — רעד.

לער מיליטער־מאכט צו נעמען אויף זיך די פפלעגע און רעקאַוואַלעסצענץ פון אייניקע צענדליק פארוואונדעטע. די מאכט האט אנגענומען און באשטעטיקט דעם פארשלאג.

מ׳האט דאמאלסט אפגערייניקט דעם „מושב־זקנים“, וואס איז געווען קעגנאיבער דער ציוניסטישער שול, (דעם בנין, ווו ס׳איז נאכהער געווען, די „תרבות“־שולע). און די זקנים האט מען אריבערגעפירט אין מויער וואס איז געווען אויפ׳ן ווינקל פון רושנאיער גאס און דעם „פלאץ“. מ׳האט געבראכט דאס הויז אין בעסטער ארדנונג און מ׳האט אויפגענומען אייניקע צענדליק פארוואונדעטע, וואס האבן זיך גענייטיקט אין א לייַנגערער באהאנדלונג. איך וועל ניט מגזים זיין ווען איך וועל זאגן, אז ווייניק פארוואונדעטע אין די שפיטעלער אין שטאט און אין אומגעגנט האבן געהאט אזא באדינונג, ווי די וואס דער יידישער קאמיטעט האט געגעבן, ווייל א גרויסער טייל פון דער יידישער שטאטישער יוגנט האט זיך מיטן בעסטן ווילן געווארפן צו באדינען די פארוואונדעטע און מ׳האט זיי באזארגט מכל טוב. פאקטיש איז דער „מושב־זקנים“ פארוואנדלט געווארן אין א צייטווייליקן מיליטערישן שפיטאל, וועלכן די מיליטערישע דאקטוירים פלעגן באזוכן רעגלמעסיק, נאר די גאנצע הוצאות פון אויסהאלטן דעם שפיטאל זיינען געפאלן אויפן יידישן קאמיטעט. ביי די אינספעקציעס פלעגן די פארוואונדעטע סאלדאטן געבן די בעסטע מיינונגען וועגן זייער אויפנטהאלט אין „יידישן“ שפיטאל.

דאס האט, פארשטייט זיך, ניט געשמעקט אונדזערע אנטיסעמיטן, וועלכע האבן ניט פארגונען די יידן אזא אנערקענונג און זיי האבן אנגעהייבן צו אינטריגירן: זיי האבן געמורמלט אז אין יידישן שפיטאל דעמאראליזירט מען די סאלדאטן, פאליטיש און רעליגיעז; זיי האבן ארויסגעלאזן קלאנגען, אז מ׳לאזט דארטן ניט אויפהייענגען קיין „איקאנעס“ (רעליגיעזע בילדער) און א. וו.

אין יענע יארן, נאך פון פאר דער מלחמה, האט די שטעלע פון פארוואלטער פון מלוכה׳שן אקציז אין סלאנים פארנומען א פארדינטער גענעראל אין דעמיסיע, א טרעגער פון ערן־טיטול „סטאטסקי סאוועטניק“ (וואס דאס מיינט „מלוכה־ראטגעבער“). מיטן נאמען גאפטעראווסקי, א געבארענער כאכאל. ער איז געווען א זעלטן ארנטלעכער מאן, א מענטש אן אמביציעס. ער איז ניט נאר ניט געווען קיין אנטיסעמיט, נאר ממש א אוהב־ישראל. ער האט אויך אנטיילגענומען אין געזעלשאפטלעכן לעבן אין שטאט און איז געווען פארזיצנדער פון דער אזוי־גערופענער „געזעלשאפט צו פארשפרייטן בילדונג אין שטאט און אין קרייז“, ווו איך בין געווען א געוויסע צייט זיין סעקרעטאר.

(דעם אמת־געזאגט, האט אט די געזעלשאפט געהאט ווייניק צו־טאן מיט יידן, ווייל, ווי באקאנט, איז דאך די חדרים — און יידישע קלאסן — נעץ געווען אויטאנאמיש, און די „יעווריסקע“, די יידישע רעגירונג־שול איז געווען אונטער דער קאנטראלע פון רעגירונגס־שול־אינספעקטאר. דעריבער איז די געזעלשאפט געווען ווייניק אנגעזען ביי דער יידישער באפעלקערונג און זי האט געהאט צו טאן מער אין די דערפער ווי אין שטאט. נאר כדי זי זאל טראגן אנ׳אלגעמיין שטאטישן כאראקטער, זיינען געווען אין דער פארוואלטונג א פאר יידישע פארטרעטער (ואני בתוכם).

און אט אין איינעם א פרימארגן האב איך באגעגנט אין גאס דעם ה׳ גאפטעראווסקי. ער איז געווען אזוי אויפגערעגט, דענערווירט און נידערגעשלאגן, אז עס האט געדויערט שיינע עטלעכע מינוט ביז ער האט זיך בארואיקט און כמעט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט אט וואס:

נעכטן איז אין סלאנים געקומען דער גראדנער „ארכייעריי“ (פראוואסלאווער הויפט־גייסטלעכער פון גראדנער גובערניע), וועלכער האט באזוכט דעם מאנאסטיר אין זשירעוועע. אויף זיין רייזע קיין זשירעווע האבן אים באגלייט דער צורר היהודים, דער „פרעדוואדיטעל דוואריאנסטווא“ באַיץ און אויך ער, גאפטעראווסקי, אלס „סטאראסטע“ ( א מין גבאי) פון „סאָבאָר“ (פון פראוואסלאווען קלויסטער.). אונטערוועגס האט דער „המן“ אויסגענוצט די געלעגנהייט און האט מיט מיאוסע נידערטרעכטיקע בלבולים, אויסגעזויגענע פון פינגער, באשמוצט די יידן, אז זיי פאר׳סמען אין „יידישן“ שפיטאל די זעלנערשע נשמות א.אז.וו.

אויף גאפטעראווסקי׳ס פארזיכטיקער באמערקונג, אז אין יידישן שפיטאל באהאנדלט מען די פארוואונדעטע זייער גוט און יעדע אינספעקציע האט געגעבן צופרידנשטעלנדע רעזולטאטן, האט דער צורר היהודים אויך אט די באמערקונג אויסגענוצט ריין־יעזואיטיש צו זיין אנטיסעמיטישן צוועק:

— „יע, יע, — האט ער געזאגט, — די סאלדאטן גיט מען דארטן גוטע זאכן, זאגאר שאקאלאד, אבער דאס איז אויך לשם דעמאראליזאציע: פאר די סאלדאטן וועלכע וועלן צוריקגיין אויפן פראנט, זיינען אזעלכע „צערטליכקייטן“ זייער שעדלעך. זיי וועט נאכדעם שווער זיין זיך צוצופאסן צו די לעבנס־באדינגונגען אויפן פראנט...“ —

אט דאס איז די „דאנקבארקייט“, מיט וועלכער די סלאנימער יידן זיינען געווארן באשאנקען פאר זייער אמת׳ער מענטשלעכער באהאנדלונג פון די אומגליקלעכע סאלדאטן אין מלחמה־יאר 1914—1915, וועלכער איז געווארן דער לעצטער יאר פון דער צארישער הערשאפט אין סלאנים.

## דער בלבול אויפן כעמיקער ד״ר שטיינבערג

ס׳האבן דאן אויך ניט געפעלט קיין בלבולים ניט נאר אויף סתם־יידן, נאר אויך אויף אייַנצלנע יידן, צו וועמען מ׳האט זיך געטשעפעט ווי אויף גלאטע ווענט. אזוי האט אין יענעם יאר פאסירט אין סלאנים א פאל מיט א בלבול אויף אנ׳אומשולדיקן ייד וועלכער האט זיך געקענט ענדיקן טראגיש.

איינמאל איז געשטאנען דער כעמיקער ד״ר שטיינבערג (א ברודער פון דעם גוט־באקאנטן אין שטאט אינדוסטריעלער לעאן שטיינבערג) נעבן זייער הויז אויף סקראבעווער גאס. אין דעם מאמענט איז פארבייגעגאנגען א רוסישער מאן, ציוויל־געקליידעט, וועלכער האט זיך באגריסט מיטן ה׳ שטיינבערג, זאגנדיק אז זיי קענען זיך. אויף ה׳ שטיינבערגס ענטפער אז ער זעט אים צום ערשטן מאל, האט דער רוס געפרעגט ווי ער הייסט און זיין אדרעס. ניט פארדאכטנדיק

קיין שום זאך, האט אים שטיינבערג געגעבן די אינפארמאציע. מיט דעם האט זיך פארענדיקט דער צופעליקער געשפרעך.

שפעט ביינאכט איז שטיינבערגס הויז באזעצט געווארן מיט זשאנדארמען, און נאך א שטרייגגער רעוויזיע, בעת וועלכער מ'האט גארניט געפונען, האט מען דעם ד"ר שטיינבערג ארעסטירט און אפגעפירט אין טורמע. זיין ארעסט איז פארגעקומען צוליב דעם, ווייל דער ציווילער מאן וואס האט אים אינדערפרי באגריסט (און איז געווען, ווייזט־אויס, אין רוסישן שפיאנאזש־דינסט) האט אין שטיינבערגן מכלומרשט דערקענט א לאנג־געזוכטן מענטש, וואס האט שפיאנירט ארום דער גראדנער פעסטונג.

אלע באמיהונגען און אינטערווענצן ביי דער פאליציי, אז זי זאל אראפנעמען א „דאזנאניע" (אויספארשונג) האבן ניט געהאט קיין ערפאלג. ווייל אים האט באשולדיקט די פאליטישע זשאנדארמעריע (ניט די שטאטישע פאליציי), וועלכע האט געפאדערט אפשיקן אים אין ברעסקער פעסטונג, פונוואנען ער וואלט שוין געוויס ניט צוריקגעקומען ווען ניט דער פאלגנדער גליקלעכער צופאל:

צוליב דער נאענטקייט פון פראנט, האבן זיך דאמאלסט אריבערגעצויגן אין סלאנים די גובערניאלע אמטן פון גראדנער גובערניע מיטן גובערנאטאר און וויצע־גובערנאטאר בראש. דער וויצע־גובערנאטאר סטאליאראוו האט צייטווייליק געוווינט אין דער לוקסוס־וווינונג פון אינדוסטריעלער דובינבוים און די פרוי דובינבוים האט זיך באפריינדעט מיטן וויצע־גובערנאטארס פרוי. אזוי־ארום האט די פאמיליע פון ה' שטיינבערג, דורך דער פארמיטלונג פון פרוי דובינבוים, אויסגעפועלט ביים וויצע־גובערנאטאר, אז ער זאל אינטערווענירן ביי דער מיליטערישער מאכט, אז מ'זאל, לכל־הפחות, דורכפירן א פאליצייאישע אונטערזוכונג אויפ'ן ארט.

דאס איז אים געלונגען און דער וויצע־גובערנאטאר האט געלאזט וויסן דער פאמיליע שטיינבערג, אז ער וועט פערזענלעך אנפרעגן ביים „פאמאטשניק־איספראווניק" (דער געהילף פון רעגירונגס־הערשער פון שטאט) א פאליצייאישע מיינונג וועגן ארעסטירטן. לעאן שטיינבערג האט גלייך נאכדעם געזוכט פארבינדונגען צום פאמאטשניק־איספראווניק, און דאס איז געווען דרינגענד, ווייל דער וויצע־גובערנאטאר האט געזאלט מאכן די אנפראגע א ליאדע מינוט. דער דאמאלסדיקער בוכהאלטער פון דער פירמע שטיינבערג ה' יצחק וואלאפיאנסקי איז געווען גוט באקאנט מיט אים, אבער גראדע אין אט די דרינגענדע מאמענטן איז ה' וואלאפיאנסקי געווען אפוועזנד הן פון זיין וווינונג און הן פון ביורא פון דער פירמע. איך געדיינק, ווי גייענדיק אויף פאנעסווער גאס, האב איך באגעגנט ה' לעאן שטיינבערג אויפ'ן ווינקל ברייטער גאס, און ער פרעגט מיר אין פארצווייפלונג, צו האב איך אפשר צופעליק געטראפן אין גאס דעם ה' וואלאפיאנסקי, וועלכער איז אים דרינגענד נייטיק, — און ה' שטיינבערג האט מיר דערציילט די גאנצע געשיכטע.

היות ווי איך האב זיך אויך גוט געקענט מיטן פאמאטשניק־איספראווניק ה' ציאפא, בין איך מיטן ה' שטיינבערג גלייך אוועק צו אים, אין זיין פריוואט־וווינונג אויף סטודענטסקע גאס, און כ'האב מיט אים ערליידיקט אויפן בעסטן אופן...

אין עטלעכע שעה ארום האט טאקע דער וויצע־גובערנאטאר טעלעפאנירט צו אים און זיך נאכגעפרעגט פרטים וועגן ארעסטירטן און זיין פארגאנגענהייט. נאכ'ן באקומען די פאסנדע תשובה, אז דער ארעסטירטער איז א „לייטישער" בירגער, און איז גאט די נשמה שולדיק, — האט מען אים באפרייט.

פיל אומשולדיקע און ערלעכע מענטשן זיינען אבער אין יענער צייט אומגעקומען צוליב אזעלכע בלבולים אין פארשיידענע געגנטן, וועלכע זיינען געווען נאנט צום פראנט, און דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען יידן, קרבנות פון דער אנטיסעמיטישער העצע.

## די גסיסה פון דער צארישער הערשאפט אין שטאט

ביים אנהייב פון דער מלחמה, האבן פיל מענטשן זיך צוגעקוקט מיט ביטול אויף די געשעענישן, מיינעדיק אז דאס איז ניט מער ווי אנ'איבערגאנג. ווען מ'האט זיך אבער ארומגעזען א ביסל שפעטער, אז ס'איז ניט קיין שפאס, איז שוין געווארן גאר אנ'אנדער באציהונג. מ'האט אנגעהייבן אויפקויפן און אנגרייטן שפייז־ארטיקלען, מ'האט אויפגעהערט צאלן חובות און מ'איז ארומגעגאנגען צערשראקענע, ניט־וויסנדיק וואס עס קען ברענגען די צוקונפט.

אז די דייטשן זיינען געבליבן שטיין ביי גראיעווע א פאר חדשים, האט מען געמיינט, אז די מלחמה וועט זיך אינגיכן ענדיקן און קיין סלאנים וועלן שוין די דייטשן ניט קומען. דאס לעבן האט זיך ווידער נארמאליזירט: מ'האט געהאנדלט, מ'האט אינוועסטירט אין אונבאוועגלעכע גיטער א. אז. וו. אבער נאך די שווערע רוסישע מפלות, ווען דער פראנט האט זיך „גערירט", איז ווידער געווארן א נערוועזע שטימונג אין שטאט. די פרייזן פון ערשטן געברויך האבן זיך געהייבן. אנ'אינטערעסאנטער פרט: די נערוואזיטעט האט זיך אויסגעדריקט, צווישן אנדערן, אויך אין אנ'אומצוטרוי צו געוויסע רוסישע געלט־באנקנאטן. מען האט אנגעהייבן בודק זיין די באנקנאטן, און אנדערש ווי „קאַנשינס" (ד. ה. אונטערגעשריבענע דורך'ן דירעקטאר פון מלוכה־באנק קאנשין) האט מען ניט געוואלט נעמען, און דאס אויך נאר „קנאקעדיקע", מיינענדיק אז נאר דידאזיקע באנקנאטן וועלן אייביק בלייבן... אביסל א צוקנייטשטן, אנ'אפגעבלאקירטן באנקנאט, אפילו א „קאנשין", האט מען ניט געוואלט נעמען (סיידן נאר, ווען דער קונה איז געווען א „טשינאווניק", אדער א מיליטער־מאן). אויך איז געווארן א דוחק אין קליינגעלט, — מען האט דאס דערקלערט מיט דעם, אז די פויערים האבן אנגעהייבן קלייבן די קופערנע און זילבערנע מטבעות...

און אזוי האט זיך דער פראנט גערוקט אלץ נענטער און נענטער צו סלאנים. אין אויגוסט 1915 האט שוין די דייטשע ארמיי אפערירט אין אונדזער געגנט. די רוסן האבן קיין שטארקן ווידערשטאנד ניט געשטעלט, ווייל ביז דער שטשארע האבן זיי ניט געהאט קיין גינסטיקע סטראטעגישע פונקטן.

דאס אפטרעטן פון רוסישן מיליטער ארום און דורך סלאנים האט געדוירט עטלעכע וואכן. צוזאמען מיט דער

רוסישער ארמיי האבן זיך אויך געשלעפּט פיל היימלאזע, וועלכע זיינען מיט גוואלט ארויסגעריסן געווארן פון זייערע היימען און געטריבן געווארן אָן א ציל. צווישן זיי האט מען געזען פּויערים, מעשטשאַנעס (שטאָט־לייט), פּאמעשטשיקעס (גוט־באזיצער) און אנדערע, אַנ׳ערב־רב, וועלכע האבן איבערגעלאזן זייער האב און גוטס אויף הפקר און געמוזט זיך אוועקלאזן אויף גאטס בּאראט. ווי די פּליטים פלעגן דערציילן, האבן די קאזאקן מיט נאהייקעס און קלעפּ ארויסגעטריבן אונטערוועגס גאנצע דערפער, איינשליסלעך אלטע לייט, קינדער און פרויען, און אויך קראַנקע, וועלכע זיינען מאסענווייז אויסגעשטארבן אויף די וועגן. זייער אפט פלעגט מען פון סלאנים פארן צונויפזאמלען אויף די שאסעיען די מתים, וועלכע די היימלאזע פלעגן איבערלאזן אין וועג, און ברייגען זיי צו קבורה. צוליב די מתים־מאסן, וועלכע פלעגן לאנג ליגן ביים זייט פון די וועגן און שאסעיען, האט זיך אין שטאט דאן פארשפּרייט א כאלערע־עפּידעמיע.

פינף טעג פאר יום־כיפור תרע״ו האבן די לעצטע טיילן פון דער רוסישער ארמיי פארלאזט די שטאט. מען האט דאמאלסט דערציילט, אז אין לעצטן טאג פאר׳ן אפּטרעטן האט א הויכער רוסישער אפיצער באזוכט דעם רב ר׳ מרדכי׳לען און פארגעשלאגן, אז אויב מ׳וועט אים געבן א גרויסע סומע געלט וועט ער ניט לאזן שיסן אויף דער שטאט. צוליב דעם איז דאמאלסט פארגעקומען ביי ר׳ מרדכי׳לען זצ״ל אַנ׳אסיפה פון די שטאטישע עסקנים (איך האב אין דער אסיפה ניט אנטיילגענומען). די עסקנים האבן דעם פארשלאג ניט אנגענומען צוליב געוויסע טעמים. קיין פּרטים האט מען אין יענע טעג וועגן דער געשיכטע ניט געוווּסט. ערשט נאכ׳ן אריינגיין פון די דייטשן, האב איך געהערט פון די אנטיילנעמנדע עסקנים, אז דער אפיצער, דער קאמענדאנט פון די ארטילעריע־אפּטיילונגען, וועלכע האבן געלאגערט אויף זאמאשטשע, האט פארלאנגט 10 טויזנט רובל און צוגעזאגט, אז דערפאר וועט ער די שטאט שאנעווען און נישט שיסן אויף איר. די עסקנים מיטן רב בראש האבן זיך אפּגעבעטן און צוגעזאגט אים צו געבן אים די געפאדערטע סומע נאך דער מלחמה*...)

די אפּטרעטנדע רוסישע ארמיי־טיילן זיינען אריבערגאנגען די טייך און האבן זיך פארפעסטיקט אין זאַמאשטשע־פערטל פון שטאט. פאר דער „פּיעכאָטע״ (פוסגייער־טיילן) זיינען אויסגעגראבן געווארן שוץ־גראָבן, ארומגעצוימטע מיט שטעכל־דראט. די ארטילעריע האט געלאגערט אויף די פעלדער פון זאמאשטשע און די קאוואַלעריע איז געשטאנען אין די זאמאשטשער וועלדער. מען האט זיך געריכט, אז זיי וועלן חרוב מאכן די שטאט...

דער לעצטער טאג פון די רוסן אין שטאט איז געווען א זוניקער. 5 אזייגער אינדערפרי האבן די אָפּטרעטנדע טיילן אונטערגעצונדן דעם טארטאק פון ה׳ סידעלניצקי און די טשוועקעס־פאבריק (ביים אייזנבאַן־בריק), ווי אויך די טארטאקן פון ה״ה דובינבוים, לאזינסקי און שטיינבערג; דעם אינדוסטריע־קאמפּלעקס פון די ברידער אייזנשטאט אויף סקראבעווע, ווי אויך אלע מילן, ברויזן און אנדערע פאבריקן וואס זיינען געווען אין שטאט. נאכהער איז די שטאט אויפגעציטערט געווארן פון אויפרייסן די אייזנבאַנבריקן. נעמנדיק אין אכט די צאלרייכע ברען־מאטעריאלן וועלכען האבן זיך געפונען אין די טארטאקן און אין די אנדערע פאבריקן, קען מען זיך פארשטעלן, מיט וואס פאר א פייער איז די שטאט ארומגערינגלט געווארן. איך געדיינק, אז איך בין ארויף אויפ׳ן בוידים פון שיצגאלס הויז און פון בוידים־פענסטער האב איך געזען, ווי שוידערלעך דאס האט אויסגעזען.

אויף מארגן, ווען איך בין ארויס אין אפּער־געסל, האט מען מיר דערציילט, אז אויף רוזשנאיער גאס האבן זיך באוויזן די ערשטע דייטשן. גראד איז דאן פארגעקומען רובינרוויט׳ס לוויה*), און דער ערשטער זשעסט פון די דייטשן אריינגייענדיק אין שטאט, איז געווען דאס סאלוטירן די יידישע לוויה... איך בין צוגעגאנגען צו נעווסק. די גאס איז געווען פוסט, אלע געשעפטן געשלאסן. נאר נעבן שוךגעשפט פון ה׳ בערל שווארץ איז געשטאנען א פאטרול פון פייערלעשער מיט׳ן ה׳ שווארץ בראש. זיי האבן מיר דערציילט, אז ביינאכט האבן אייניקע רוסישע סאלדאטן געוואלט אויפברעכן דאס געשעפט פון קאסאווסקי־וואלאכוויאנסקי (פון וועלאסיפּעדן, גראמאפאנען א. אנד. ארטיקלען). די פייערלעשער האבן זיך קעגנגעשטעלט און זיינען געבליבן היטן די געשעפטן און קראמען.

אינמיטן שמועס מיט די פייערלעשער, זיינען פון א ווינקל ערשיינען 2 רוסישע סאלדאטן און צוגעגאנגען צו אונדז. ווען מיר האבן זיי געזאגט, אז אין שטאט זיינען שוין פאראן דייטשן, האבן זיי געענטפערט: „טאַק מי איך זשדיאם״ (מיר ווארטן אויף זיי), — און ווי נאר זיי וועלן קומען וועלן מיר אויף זיי ווארפן אונדזערע גראנאטן און אנטלויפן״. —

אין דעם מאמענט האבן זיך ביים האטעל „וויקטאריע״ באוויזן עטלעכע דייטשע רייטער מיט שפּיציקע העלמען און אויסגעשטרעקטע רעוואלווערן אין די הענט. זיי האבן געריטן גלייך צו אונדז. דערזעענדיק זיי, האבן די רוסישע „קוילנווארפער״ געמאכט „ויברח״, און מיר זיינען געבליבן שטיין און געווארט. זיי זיינען צוגעריטן צו אונדז. האלטנדיק די רעוואלווערן געצילט אויף אונדז, האבן זיי אונדז באגריסט און געפרעגט, צו עס געפינען זיך נאך אין שטאט רוסן. מיר האבן זיי געענטפערט אז ניט, און זיי זיינען אוועקגעפארן צו בריקער גאס.

קורץ נאכדעם האט זיך באוויזן א קאמפּאניע מיליטער. ס׳האט ניט געדויערט לאנג און ס׳האבן אנגעהייבן שטראמען פיל דייטשע מיליטער־אפּטיילונגען. קאוואלעריסטן און פוס־

*) געוויערס וועגן דעם ז׳ אין „פנקס־סלאנים״, באנד 1, אין דער מאנאגראפיע פון קלמן ליכטענשטיין, ז׳ קנא, אין די זכרונות פון הלל־איסר יאנאווסקי, באנד 3 פון פנקס, ז׳ 316; און די זכרונות פון אפרים סוועטיצקי: „דער רב און דער פאלקאווניק, באנד 3, ז׳: 321—323. — רעד.

*) וועגן איצעלע רובינרויט, ז׳ אין די זכרונות פון מ. פערלשטיין, 4־טער טייל, ז׳ 222—223 אין „פנקס־סלאנים״, באנד 3. — רעד.

גייער, אלע באוואפנטע פון קאפ ביז די פיס, — אלע אין דער ריכטונג צו בריקער גאס און אויך צו פאנעסווע. אין א קורצע ווײלע איז די שטאט באהערשט געווארן אן איין שאס דורך די דייטשן. אין א פאר שעה ארום איז שוין „גאנץ שטאט" געווען אין די גאסן אנקוקן די נייע הער־שער... עס האט זיך ניט געגלויבט אז די שטאט איז איינ־גענומען געווארן אָן א שלאכט. א גאנצע מעת־לעת איז אריבער רוהיק און ס'איז געווען א גרונט צו מיינען, אז די סכנה פאר דער שטאט איז שוין פארביי. ערשט אויף'ן צווייטן טאג האט מען דערשמעקט פייער... די רוסישע ארטילעריע האט אנגעהייבן באמבארדירן פון זאמאשטשע. די דייטשן האבן געענטפערט מיט זייער ארטילעריע פון די רוזשנאיער בערג. ס'האט זיך ענטוויקלט א העפטיקע שלאכט, וועלכע האט געדויערט, מיט קליינע הפסקות, כמעט 3 מעת־לעת. די ציווילע באפעלקערונג איז געווען פאר־שטעקט אין קעלערן. די שטאט האט געליטן פון פיל „סנאַ־ריאדן" (ארטילעריע־ראקעטן) וועלכע האבן געטראפן אין הייזער. אזוי זיינען אריינגעפאלן סנאריאדן, — ווי איך געדיינק, — אין בוניע גרינבערגס מויער אויף בריקער גאס. אין הערשל גרייעווערס קעלער־וווינונג אין רב'ס גע־סעלע, ווו ס'זיינען דער'הרג'עט געווארן זיינער א זון און נאך א פאר מענטשן; ביי הירשע דעם וואסער־פירער אויף רוזשנאיער גאס, ווו ס'זיינען דערהרג'עט געווארן א פרוי מיט א קינד און אין פיל אנדערע ערטער. אין אייניקע ערטער האבן די סנאריאדן ניט עקספלאדירט.

פארוואס די רוסן האבן אזוי באמבארדירט די שטאט, זיינען ארומגעגאנגען 3 ווערסיעס: 1) ווייל מען האט דעם מיליטער־מאן, וועלכער איז געווען ביים רב, ניט געגעבן די געפאדערטע „כאַבאַר" (שוחד) און ער האט זיך נוקם געווען; 2) ווייל זיי האבן געצילט אין די קלויסטערס (פאַ־נעסוועַר און בערנאַרדינער), ווו ס'זיינען געווען דייטשע אבסערוואַציע־פונקטן; און 3) ווייל אויסער די ארטילעריע, וועלכע איז געשטאנען אויסערן שטאט, האבן די דייטשן אויך אוועקגעשטעלט א באטאליאן זעלנער ביי שווארצן אויפן הויף, אויף נעווסק, און פון דארטן געשאסן אויף די רוסן. אזוי צו אזוי, האט די שטאט איבערגעלעבט שווערע ארטילעריע־שלאכטן.

די לעצטע נאכט, די „כל־נדרי"־נאכט איז געווען די שווערסטע. ס'זיינען אין דער נאכט אפגעגעבן געווארן אזעלכע שטארקע שאסן, אז די ערד האט געציטערט ווי אין אנ'ערד־ציטערנעש. ערשט אינדערפרי איז פלוצלינג שטיל געווארן, און די רוסן זיינען אפגעטראטן. מיט דעם האט זיך פארענדיקט די רוסישע תקופה פון סלאנים. די שטאט איז אריין אין נייע רעלסן, און א נייעם ארט לעבן, וואס האט געהייסן „אקופאציע" און האט געדויערט איבער 3 יאר.

# זיבעטער טייל

## די דייטשע אקופאציע אין די יארן 1915—1918

### די ערשטע חדשים פון דער דייטשער אקופאציע

במשך פון די דריי וואכן וואס ס'האט געדויערט דער רוסישער מיליטערישער ריקצוג דורך דער שטאט, האט פאר־שטייט זיך, דער סאניטארער צושטאנד אין אזא טומל קיינעם ניט אינטערעסירט. מ'קען זיך דעריבער פארשטעלן, וואס פארא שמוץ ס'האט זיך אנגעקליבן אין די גאסן און הויפן, פון וואס ס'האבן זיך פארשפרייט קראנקהייטן אין שטאט.

מען דארף אנערקענען, אז במשך פון א קורצער צייט נאכן אנקומען פון די דייטשן, האט זיך דער סאניטארער מצב געענדערט; די אנגעזאמלטע מיסט איז שנעל אפגערוימט געווארן. כדי אויסמיידן עפידעמיעס, האט מען די איינוווינער מיט צוואנגס־מיטלען געטריבן אין באד אריין, ווו מ'פלעגט אויך דעזינפעקצירן אלעמענס קליידער אין א ספעציעלן קעסל. צו פארבעסערן די באלייכטונג, האבן די דייטשן אויפ־געבויט ביי יעלעצקען אויפ'ן הויף, אויף נעווסק, אנ'עלעק־טרישע סטאנציע, און אריינגעצויגן צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון שטאט, עלעקטרישע באלייכטונג. אזוי ווי אין די ערשטע וואכן נאך זייער באזעצן די שטאט האט אויסגע־פעלט וואסער, האבן זיי פון ספירט־מאנאפאל אויף זאמאש־טשע געבראכט גרויסע קעסלען און זיי איינגעמויערט אין „פוסטן סאד" אלס וואסער־רעזערווארן. מיט די קעסלען האט זיך די שטאט באנוצט אויך נאך דער אקופאציע. די אלע גוטע זאכן זיינען געווען איין זייט פון זייער ערשיינונג; פון דער צווייטער זייט האבן זיי אויף א מורא'דיקן אופן עקספלואטירט די באפעלקערונג, פון וועלכער זיי האבן, ווי פיאווקעס, געזויגן דאס בלוט, וויפל ס'האט זיך נאר געלאזט.

אין די אקופאציע־יארן איז די שטאט־פארוואלטונג באשטאנען פון א נאמינירטן בירגער־קאמיטעט פון 24 פער־זאן, בראש פון וועלכן ס'איז געשטאנען דער גוט־באקאנטער אין שטאט, קסיאנדז מ. ב. קליאם, וועלכער איז אלס גייסט־ליכער געווען טעטיק אין קאשציאל אויף דער האנדלס־גאס, קעגנאיבער דעם ארעמען זייט פון ראד־קראמען. אין קאמי־טעט איז געווען א העלפט פון יידישע פארשטייער, צו וועל־כער איך האב געהאט דעם כבוד צו געהערן. די אקופאציע־מאכט האט זיך אבער באנוצט מיטן קאמיטעט אלס אנ'אינ־סטרומענט צו פארווירקלעכן אלע אירע רויבערישע פאדע־רונגען, פאדערנדיק ביי אים וואס א מויל קען נאר אויסריידן.

טאג־טעגלעך, אן אויפהער פלעגן אנקומען פארשיידענע באשטעלונגען אין בירגער־קאמיטעט, וועלכער האט געהאט זיין זיץ־פלאץ אין דער מאנאסטיר־געביידע ביים קאשציאל, ווו ס'האט אמטירט דער קסיאנדז קליאם, און דער קאמיטעט איז געווען געצוווּנגען צו רעקוויזירן ביי דער באפעלקערונג די פארלאנגטע זאכן, ווי: קאלדרעס, קישנס, ליילאכער, אלערליי מעבל־שטיק, ווי שאפעס, טישן, שטולן, כל'ערליי שטוביקע זאכן א. אז. וו. אפילו סחורה ביי די קרעמער.

עס האבן אויך ניט געפעלט קיין חוצפה׳דיקע, ממש ציבישע און אונפארשעמטע פאדערונגען. זיי האבן, למשל, אין איין פרימארגן, נאכ׳ן רעקוויזירן דר. שאכאוו׳ס הויז אויף ברייטער גאס אויפגעפאדערט דעם קאמיטעט, אז ער זאל זיי צושטעלן א געוויסע צאל בעטן מיט מאטראצן, וועלכע זיינען זיי נייטיק כדי איינארדענען דארטן א שאנד־הויז פאר די סאלדאטן...

דער קאמיטעט האט געמוזט גענוג קעמפפן, כדי אזא שענדליכע „באשטעלונג" ניט צופרידנשטעלן.

אלס מיטגליד פון בירגער־קאמיטעט געדיינק איך א צווייטן פאל, וואס דער קאמיטעט האט זיך ענטזאגט אויסצופירן:

גלייך נאך זייער באזעצן די שטאט האבן זיי געפאדערט, אז דער קאמיטעט זאל זיי צושטעלן א געוויסע צאל בהמות פאר זייערע קאמאנדעס. ס׳איז אוועק א שטיקל צייט און די צאל בהמות אין שטאט האט זיך שטארק פארקלענערט, און ס׳האט געדראט, אז אפילו פאר קראנקע זאל ניט זיין קיין מילך. אין אנבליק פון אזא סיטואציע, האט דער קאמיטעט זיך ענטזאגט אויסצופירן אויף ווייטער דאס צושטעלן די בהמות. אויף א באפעל פון דער קאמענדאנטור האט זיך דער קאמיטעט צונויפגעקליבן און זיך בעראטן וועגן דעם ענין. אין דעם איז פלוצלינג אריינגעלאפן דער פאליציימייסטער און געפאדערט, אז מען זאל צושטעלן כאטש איין בהמה טעגלעך. אויף אונדזער ענטפער, אז ס׳איז שוין מער ניטא אין שטאט ווו צו נעמען, איז ער, דער יונקערישער טיפ, אויפגעשפרונגען פון ארט ווי א טיגער, זיינע אויגן זיינען פון רציחה פול געווארן מיט בלוט, און, קלאפנדיק מיט דער האנט אין טיש, האט ער חוצפה׳דיק געשריען: — „ווייסט איר דען ניט, ווער זי זינד? ווערדע איך איהנען ערקלערן. זי זינד דאך ניכט מער אלס קריגסגעפאנגענע, אונד פיר אירע פרעכהייט האבן וויר גענוגענדע מיטלען זי דאצו צו צווינגען"...

ס׳האט אבער גארניט געהאלפן, און קיין בהמות האבן זיי מער ניט באקומען.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך באמערקן, אז אלס ערזאץ פון בהמות, וועלכע זיינען געווען זייער פעליק, האט מען זיך איינגעשאפט ציגן. טויזנטער ציגן פלעגן יעדן פרימארגן און אוונט פארהילכן די גאסן מיט זייערע מאנאטאנע „מע־מע"־געשרייען.

## די דייטשע גזירות אויף דער ציוויל־באפעלקערונג

מיט זיין שרייען אויף דער זיצונג פון בירגער־קאמיטעט, אז מיר זיינען אלע ניט מער ווי קריגסגעפאנגענע, האט דער פאליציי־מייסטער געהאט פאלשטענדיק רעכט, ווייל די אקופאציע־מאכט האט זיך באגאנגען מיט דער גאנצער באפעלקערונג, טאקע ווי מיט אמת׳ע געפאנגענע. מען האט ניט געטארט ארויסגיין אדער ארויספארן פון שטאט אן א ספעציעלער ערלויבניש (פאסיר־שיינען) פון דער קאמענדאנטור. אפילו די „מעשטשאנעס" (שטאטישע קריסטלעכע איינוווינער, וואס האבן זיך פארנומען מיט לאנדווירטשאפט), וועלכע האבן געהאט פעלדער אויסערן שטאט, האבן געמוזט זיך באזארגן מיט אזעלכע פאסיר־שיינען, כדי צו באארבעטן זייערע פעלדער. ווער רעדט, — וועגן אריינפארן אין שטאט, זיינען געמאכט געווארן גאר גרויסע שוועריקייטן. היות ווי דאמאלסט זיינען קיינע געשעפטן ניט געפירט געווארן, זיינען פיל סוחרים געווען געצווונגען זיך צו פארנעמען מיט שמוגל. מ׳פלעגט פארן מיט פורן איבער די דערפער און אריינשמוגלען תבואה, קארטאפל. אויך האט מען געשמוגלט מיט פארשיידענע געברויך־ארטיקלען, ווי סאכארין, פארב־שטאפן א. אז. וו. ביים אריינפארן אין שטאט פלעגן די פורן רעווידירט ווערן דורך די פאטרולן און די געפונענע סחורות פלעגן רעקוויזירט ווערן.

אפילו אין שטאט גופא איז דאס לעבן שטארק באשריינקט געווארן. אזוי האט מען געמוזט האבן פאסיר־שיינען אויף דורכצוגיין די בריקן. אין גאס איז די באוועגונג געווען ערלויבט נאר ביז 9 אזייגער אוונט. אך און וויי איז געווען צו דעם, ווער ס׳האט עובר געווען אויף די פאראדנונגען. אויסער ארעסט פלעגט נאך יענער אומ׳ברחמנות׳דיק געשלאגן ווערן.

אלע די וואס פלעגן בריינגען פראדוקטן אין שטאט, האבן געדארפט וועגן דעם מודיע זיין אין בירגער־קאמיטעט, וווּ עס זיינען ארויסגעגעבן געווארן די נייטיקע אנווייזונגען, ווי זיך מיט זיי צו באגיין. דער קאמיטעט האט באזארגט די פארטרעטער פון דאמאלסדיקן יידישן ועד־הקהל מיט ערלויבנישן אריינצופירן פראדוקטן פאר דער ביליקער קיך, וואס דער ועד־הקהל האט געגרינדעט. האט איינמאל פאסירט א פאל, אז איינער פון די פארטרעטער פון ועד־הקהל, ה׳ לאנצעוויצקי, האט געבראכט פון א דארף א פור מיט קארן*). ביים אריינפארן אין שטאט איז געווען א מיספארשטענדניש און דער פאטרול האט חושד געווען, אז ס׳איז אריינגעשמוגלטע תבואה. מען האט דעם ה׳ לאנצעוויצקי ארעסטירט. אין קאמיטעט איז געקומען צולייפן א דערשראקענע און פארוויינטע פרוי פון לאנצעוויצקי׳ס משפחה און דערציילט, וואס ס׳האט פאסירט. איך בין דאן גראד געווען אין קאמיטעט־ביורא. וויסנדיק מיט וואס דאס שמעקט, האט די פרוי מיר געבעטן, אז איך זאל אים „ראטעווען", ווייל אויף מארגן פרי האט די מאכט באשטימט דעם פארהער. כאטש מען האט געקענט לייכט אויפווייזן, אז דאס איז פאר דער יידישער ביליקער קיך, — אבער איידער וואס ווען, איז מען אין דייטשע הענט...

דער פאליציימייסטער, וועלכער איז געווען א פאלשטענדיקער סאדיסט, האט דאן געוווינט אין דער דירה פון משה זאבלאצקי אויף בריקער גאס. ס׳איז לייכט צו פארשטיין, וואס פאר א „הנאה" פלעגט האבן אנ׳ארעסטירטער, אריינפאלנדיק צו אים אין די הענט. (אגב־אורחא, זייענדיק מיט מיר אין אפיציעלע מער־וויניקער מענטשלעכע באציהונגען, האט ער מיר אמאל דערציילט, אז אין דייטשלאנד איז זיין באשעפטיקונג געווען צו דרעסירן הינט צו אויסשפיר־צוועקן...) ס׳איז איבעריק צו דערציילן, וואס פאר א נפש דאס איז געווען. אט

---

*) וועגן דעם שרייבט אויך ה׳ הלל־איסר יאנאווסקי, סעקרעטאר פון ועד־הקהל, אין זיינע זכרונות. ז׳ דריטן באנד פון „פנקס־סלאנים", ז׳ 321. — רעד.

דער יעקע האט עס געדארפט אויספארשן דעם ה' לאנצע־
וויצקי.

איך מיט זאבלאצקין האבן זיך גלייך געווענדעט צו אים און אים דערקלערט די מיספארשטענדעניש און געבעטן, אז אויב ער קען אים ניט תיכף באפרייען נאך פאר'ן פארהער, טא זאל ער אים לכל־הפחות ניט שלאגן, וואס ער האט אונדז פייערלעך צוגעזאגט.

צומארגנס פרי בין איך געגאנגען צום זאמל־פונקט אויף ריבאצקע גאס, ווו מען פלעגט פארהאלטן צייטווייליק ארעס־טירטע. ווען איך בין צוגעקומען צום ארט, האב איך דערהערט גרויסע קולות פון די צושלאגענע. ווי איך האב זיך דערוווסט, נאכ'ן באפרייען דעם ה' לאנצעוויצקי, האט דער גורל אויך אים ניט אויסגעמיטן און ער איז, טראץ דעם יעקעס פייערלע־כע פארזיכערונגען, שטארק געשלאגן געווארן.

אגב, במשך פון די ערשטע פאר וואכן פון דער אקופא־ציע, האט, לויט דער דייטשער אנווייזונג, דעם אמט פון פאליציימייסטער פארנומען דער לייטער פון דער פייערלע־שער־דרוזשינע ה' שמואל פאלאנסקי, וועלכער האט געהאט צו זיין פארפיגונג די ארטיקע הילפס־מיליציע. נאר היות ער האט צו שוואך אויסגעפירט די שטרייענגע פאראָרדענונגען פון דער קאמענדאנטור, האט מען אויף זיין ארט ארייננגעשיקט אט דעם סאדיסטישן יעקע, וועלכער האט דער שטאט געגעבן פעפער צו שמעקן. מיט אים זיינען שוין אויך באשטימט גע־ווארן דייטשישע פאליציאנטן, און די ציווילע הילפס־מיליציע איז געווען אונטערגעארדנט דעם דייטשישן פאליציימייסטער.

אין אייניקע חדשים נאכ'ן אקופירן סלאנים, איז די שטאט אויפגעטרייסלט געווארן פון דעם „גירוש לאמסדארף", וועגן וועלכן איינער פון די פארשיקטע האט שוין פארעפנטלעכט זכרונות*). ווי איך געדיינק, איז אין איין שיינעם פרימארגן אויסגעהאנגען געווארן אין די גאסן א באפעל פון דער קא־מענדאנטור, אז אויף מארגן זאלן זיך מעלדן מענער פון 18 ביז 45 יאר: פארהייראטע — אויף פוטייסקע גאס (אזוי האט געהייסן פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה די גאס, ווו ס'האט זיך געפונען גראדזענסקי'ס אפטייק. — רעד.), און בחורים — אויפן שולהויף. די מאטיוון דערצו האט קיינער ניט געוווסט. מען האט זיי אלעמען פאררעגיסטרירט און פרייגעלאזן. נאר אין אייניקע טעג ארום האט מען זיי ווידער גערופן, א טייל אין דער גרויסער שול, און א טייל — אין „סאבאר" (רוסישן קלויסטער) אויף פאנעסווע, וואס האט אין יענער צייט גע־דינט טיילווייז אלס קאזארמע. די צונויפגעקומענע, אומגעפער ביי 500 מאן, וואס זיינען געבליבן נאך דעם, ווי מען האט ארויסגעלאזן קראנקע און אינוואלידן, האט מען ארומגעריג־גלט מיט א גרויסע וואך פון פאליציאנטן און סאלדאטן, און מען האט זיי פארשפארט אין די אויבנדערמאנטע ערטער און קיינעם צו זיי ניט צוגעלאזן.

די בהלה וואס איז דאן ענטשטאנען אין שטאט, איז זיך לייכט פארצושטעלן, און נאך מער ווען מען האט זיך דער־וווסט, אז מ'גייט זיי אוועקשיקן קיין דייטשלאנד אין קאנצענ־טראציע־לאגערן. מ'האט תיכף אנגעהייבן א רעטונגס־אקציע, כדי צו באפרייען וועמען ס'האט זיך נאר געלאזט, ווייל צווישן די פארהאלטענע זיינען געווען פיל פארהייראטע, פאטערס פון קינדער. מיט דער רעטונגס־אקציע האט אנגעפירט ה' פאלאנ־סקי, וועמען ס'איז געלונגען מיט פארשיידענע ארגומענטן, — ווי, צום ביישפיל, אז איינער איז א גוטער „פאזשארניק" (פייערלעשער) און איז פאר דער „פאזשארנע דרוזשינע" זיי־ער נייטיק, און א צווייטער איז א נוצלעכער פאר דער מיליציע־דינסט א. אז. וו. — צו באפרייען א פאר צענדליק. די איבעריקע, קרוב צו 500 מאן, האט מען אוועקגעשיקט קיין לאמסדארף אין דייטשלאנד, אויף צוואנגס־ארבעט. קליי־נע גרופן פון זיי האט מען באפרייט אין אייניקע חדשים ארום, נאר די גרעסטע טייל פון זיי זיינען דארט פארבליבן כמעט א יאר, און אייניקע צענדליק פאכמענער, אין וועלכע די דייטשן האבן זיך גענייטיקט, — זאגאר 2 יאר.

וועגן קולטורעלן לעבן איז אין יענע יארן קיין רייד כמעט ווי ניט געווען, ווייל אלע זיינען געווען פארנומען און פארזארגט, ווי צו פארדינען אויף א שטיקל ברויט.

דאס איינציקע, מיט וואס געזעלשאפטלעכע מענטשן האָ־בן זיך אינטערעסירט, איז געווען פילאנטראפיע. די ארעמ־קייט איז געווען אומגעהויער גרויס. זייער פיל איינגעפונדע־וועטע בעל־בית'ישע פאמיליעס פון פאר דער מלחמה זיינען פאראָרעמט געווארן; ברויט האט מען געטיילט אויף קארטן אין מינימאלע פארציעס, און דער הונגער האט געבושעוועט און ארומגענומען די ברייטסטע שיכטן פון דער באפעלקע־רונג. דער גרעסטער פילאנטראפישער אויפטו פון יענע הונ־גער־יארן איז געווען די „ביליקע קיך", וואס איז געגרינדעט געווארן דורך'ן „ועד־הקהל", אין וועלכן ס'האבן אנטיילגענו־מען די וויכטיקסטע געזעלשאפטלעכע טוער פון יענער צייט, מיט'ן עלטסטן זון פון סלאנימער חסידישן רבין ר' שמואלקע, ר' יששכר־לייב וויינבערג, און דער ראש־הישיבה ר' שבתי יגל בראש.*) די ביליקע קיך האט זיך געפונען אין ווינקל־מויער פון רוזשנאיער גאס, און „פלאץ" ווו א געוויסע צייט איז דארט געווען דער „מושב זקנים". הונדערטער מיטאגן פלעגן דארט פארטיילט ווערן טאג־טעגלעך, צו עסן אויפ'ן ארט און אויך צו נעמען אהיים. צענדליקער מענער און פרויען, ווי אויך פיל יוגנט, האבן זיך דאבײַ געאָפפערט הן אויפצוזאמלען די מיטלען פאר דער „קיך" און הן אויספירן אלע ארבעטן ארום איר, ווי קאכן, פארטיילן א. אז. וו. טויזנ־טער מענטשן זיינען דאן געראטעוועט געווארן פון הונגער־טויט דורך דער קיך. עס וואלט מיר גענומען פיל אויסצורע־כענען די צענדליקער טוער פון דער „קיך" און מעגלעך, אז אייניקע נעמען האב איך פארגעסן. איך וויל אבער ביי דער געלעגנהייט דערמאנען די אויסערגעוויינלעכע איבערגע־געבענע מיטארבעט פון ר' יצחק וויינשטיין, וועלכער האט זיך ניט אפגעשטעלט פאר די גרעסטע שוועריקייטן, געליהען

---

*) דער מחבר מיינט די זכרונות פון שמואל אווערבוך, געדרוקט אין „סלאנימער" ווארט".

*) גענויערע פרטים וועגן דער ביליקער קיך: אין דער מאנא־גראפיע: „די געשיכטע פון יידישן ישוב אין סלאנים", ערשטער באנד פון „פנקס־סלאנים", ז' : קאפיטלען: נה—נח; די זכרונות פון הלל־איסר יאנאווסקי אין 3־טן באנד, ז' 321; אין דעם „פנקס פון ועד עדת ישראל" אין דיזן באנד. — רעד.

בעלט אויף וועקסלען א. אז. וו. אבי די קיך זאל עקזיסטירן.

יע, די "ביליקע קיך" האט געגעבן כבוד דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט אין סלאנים אין די שווערע אקופאציע־יארן.

## די בלאנדע בעסטיע וויזט וואס זי קען...

דער וויצע־קאמענדאנט פון סלאנים, א לייטענאנט, בעת דער דייטשער אקופאציע, איז געווען אנ׳עכטער טיפ פון דער בלאנדער בעסטיע. דער קאמענדאנט אליין איז גראדע געווען א רוהיקער מענטש. כאטש אליין שוין אין סאלידן עלטער, דאך האט ער געהאט פיל סימפאטיע פאר ריין־בלור־טיקע „סעמיטקעס" און פאר שבת׳דיקע יידישע פיש פון דער קיך פון פרוי גראדזענסקי (די פרוי פון אפטייקער גראדזענ־סקי), וווהין ער פלעגט, אלס שכן, אפט ארייגיין.

דער לייטענאנט איז געווען א ריין־יונקערישער טיפ. שלאנק, מיט אנ׳אמת׳ן מיליטערישן אויסזען און שטייפער האלטונג, מיט א מאנאקל אין אויג און א „כליסטל" (א מין בייטש) אין האנט. שטענדיק שטייף אויסגעצויגן, — פלעגט ער אנווארפן א ציטער אויף אלעמען, און יעדער איינער וועלכער פלעגט אים באגעגענען, פלעגט פאר אים טיף אראפ־ציהען די היטל נאך מיט 100 טריט פריהער, און פלעגט נאך דעם זיך פילן גליקלעך, ווען ער איז דורכגעגאנגען בשלום. (כדי מען זאל מיר פארשטיין וואס דאס מיינט, וויל איך דערמאנען, אז ס׳איז געווען א פאראָרדנונג פון דער מאכט, אז יעדער איינער מוז, ביים באגעגענען זיך מיט א דייטשן אפיצער, אראפנעמען די היטל.)

אין איין ווינטער־פרימארגן האב איך ערהאלטן פון פארזיצנדן פון בירגער־קאמיטעט, דעם קסיאנדז קליאס, א מעלדונג, אז איך זאל דרינגענד קומען צו אים אין קאמי־טעט. די סיבה איז געווען, וואס דער בירגעמייסטער (דאס איז געווען דער אפיציעלער טיטול פון קאמיטעט־פארזיצנדן) האט באקומען פון דער קאמענדאנטור אנ׳אויפפאדערונג צו קומען אהין. און היות ווי ער האט שטארק געהונקען אויף דער דייטשער שפראך, האט ער מיר מיטגענומען אלס „דאל־מעטשער".

אונדזער בירגעמייסטער האט זיך שיין פארפוצט צום „וויזיט". ער האט זיך מסתמא געריכט אויף א פיינער אויפ־נאמע, אויב ניט א לחיים אויף „ברודערשאפט" איבער א גלעזל וויין, איז לכל־הפחות ביי א גלעזל בייערישן ביר מיט א פריינטלעכער אונטערהאלטונג...

די קאמענדאנטור איז געווען אין צווייטן שטאק פון רוטקאווסקי׳ס מויער. אונטערוועגס צו דער קאמענדאנטור, האט מיר דער קסיאנדז געזאגט אין א געהויבענער שטימונג, אז ער איז זייער צופרידן פון דער געלעגנהייט פון באזוך, בעת וועלכן ער וועט אויך קענען אנווייזן אויף די עוולות, וואס ווערן געטאן דער באפעלקערונג א. אז. וו.

קומענדיק אין קאמענדאנטור, האבן מיר אנגעקלאפט אין טיר פון קאבינעט און דערהערנדיק דעם דייטשן „העריין", האבן מיר געעפנט די טיר און זיינען אריינגעגאנגען. דער וויצע־קאמענדאנט, דער יונקערישער לייטענאנט איז געזעסן ביים שרייב־טיש מיט דער פלייצע צו דער טיר און געשריבן. ביי אונדזער אריינגאנג, האט ער בלויז א דריי געטאן די קאפ, א קוק געטאן אויף אונדז פון אויבן אראפ און פארגע־זעצט זיין ארבעט, ניט זאגנדיק קיין ווארט. ס׳האט זיך ארויס־געוויזן, אז ניט נאר ער האט ניט צוגעגרייט אויפ׳ן טיש וויין אדער ביר, נאר ער האט אונדז אפילו ניט געבעטן זיך זעצן... מילא, איך, — צו וואס איז דען א ייד ניט געווינט? — אבער ער, דער קסיאנדז, דער בירגערמייסטער, דער שטאל־צער פאליאק, וואס האט זיך געריכט אויף א שיינע „אויפנא־מע", — וואס האט ער דאמאלסט געטראכט? ער איז טאקע געווען אזוי אויפגערעגט פון אזא גראבער באליידיקונג, אז ס׳האבן זיך ביי אים די קני שיעור נישט אונטערגעבויגן...

אין א פאזע, ווי מ׳שטעלט א פארזינדיקטן קינד אין ווינקל, זיינען מיר געשטאנען ביי דער טיר ניט ווייניקער ווי 15 מינוט. מיר וואלטן נאך אפשר ווייטער אזוי געשטא־נען, נאר צו אונדזער גליק איז אין קאבינעט אריינגעקומען דער קאמענדאנט בכבודו ובעצמו, און דערזעענדיק אונדז, האט ער זיך געווענדעט צום לייטענאנט מיט דער פראגע, צוליב וואס זיינען מיר געקומען.

ערשט דאן האט דער „ליבנסווירדיקער" לייטענאנט זיך אוועקגעשטעלט, אריינגעשטעלט זיין מאנאקל אין אויג, אונדז אפגעמאסטן מיט א פאראכטונגס־בליק, און מיט א סאל־דאטסקע שטימע אויף דעם אויבערשטן „צע" האט ער, אין אנוועזנהייט פון זיין שעף, דעם קאמענדאנט, — זיך גע־ווענדעט צום קסיאנדז בוכשטעבלעך בזה הלשון:

— „זי וויסן דאך, דאסס דורך די שטאט גייט אונדזער מיליטער דורך; די בריקנטראסע איז בירגיק און יעצט אום ווינטער גליטציק, וועסהאלב אונדזערע פפערדע אפט שטירצן און שעדיקן די ביינע. אלזא, פאדערע איך זי אויף טעגליך דיזע שטראסע טיכטיק מיט זאמד צו באדעקן, און אין קאטע־גארישער וויזע ווארנע איך זי, אין פאלס איין דייטשער פפערד ווירד געשעדיקט, דאן ווערדען זי דאפיר טייער בע־צאלן, ניכט נור מיט געלד, זאנדערן אויך מיט נאך עטוואס... פארשטאנדן ?..."

און אין דעם מאמענט האט ער א כאפ געטאן פון טיש דעם „כליסטל" און אנגעהייבן צו שמייסן מיט אים, נאר, גאט צו דאנקען, אין זיינע אייגענע כאלעוועס... געענדיקט זיין „רעפעראט", האט ער זיך געזעצט צוריק צו זיין ארבעט און מיט אונדז מער ניט גערעדט.

דערהערנדיק אזא לשון וואס איז נאך דאצו געווען באגלייט מיט אזא קאפולע אנצוהערעניש, האבן מיר גענומען די פיס מיט די הענט, אפילו „אויף ווידערזען" ניט געזאגט, און געמאכט „ויברח"...

אזוי האט אויסגעזען א באפעל פון דער "בלאנדער בעס־טיע".

מיר האבן גלייך באשטעלט ארבעטער און העגדום־פענ־דום, האבנדיק אין זינען דעם קלארן „רמז" פון הער לייטע־נאנט, האבן מיר אויסגעפירט דעם דייטשן „פריקאז".

צו דער כאראקטעריסטיק פון דער דייטשער ברוטאלי־טעט, וויל איך אויך צוגעבן נאך א פאקט, וואס האט דאן פא־סירט. אין שטאט האט סטאציאנירט א דייטשער מיליטער־ארצט מיטן נאמען פראנץ. ער איז געווען א מענטש אין מיטעלן על־

ער, אויסערלעך א רוהיקער און סאלידער. ער האט געמאכט דעם בעסטן איינדרוק פון א זייער אינטעליגענטן און אנ־שטענדיקן מענטש. מיר פלעגן זיך אפט באגעגענען ביים אפטייקער ה׳ גראדזענסקי, ווו ער פלעגט אפט טרינקען א גלעזל טיי און פארברייינגען אין געמיטלעכע געשפרעכן. ער איז אויך געווען א בעלן אויף געפילטע יידישע פיש...

אין סלאנים האט נאך דאן געלעבט דער איבער 80 יאר אלטער פראנצויז בארע, וועלכער האט אין אנהייב יארהונ־דערט, אלס פאכמאן וועלכן מ׳האט איינגעלאדן פון פראנק־רייך, אויפגעבויט נעבן אלבערטינע א „ליטיינע״ (אייזן־גיסעריי־פאבריק). בארע איז געווארן א סלאנימער תושב און האט אויסגעלעבט זיינע יארן אין טיפן עלטער.

און אט האט דער אינטעליגענטער דאקטאר פראנץ, אנ־געטאן אין זיין אפיצערסקן מונדיר, באגעגנט אויף פאנעס־ווער גאס דעם אלטיטשקן בארע. דער פראנצויז, וויסנדיק דעם באפעל, אז מען דארף אראפנעמען די היטל פאר דייטשע אפיצערן, האט בלויז אנגערירט זיין היטל, אבער ניט אראפ־געצויגן אים טיף, ווי לויטן באפעל. האט אונדזער אינטעלי־גענטער דייטש דערלאנגט דעם אלטיטשקן מיטן קולאק אזא „גלעט״, אז מען האט אים קוים א לעבעדיקן געבראכט א צובלוטיקטן א היים...

# אכטער טייל

## די צווייטע סאוועטישע אקופאציע אין 1920

### איך ווער א פאסטוך און א...האז

הגם סלאנים האט אין דער וועלט־מלחמה איבערגעלעבט אייניקע מאל דעם איבערגאנג פון איין מאכט צו דער צווייטער (רוסן—דייטשן אין 1915; דייטשן—סאוועטן, סאוועטן—פאליאקן אין 1919; פאליאקן — סאוועטן, און ווידער סאוועטן — פאליאקן אין 1920), דארף מען אנערקענען, אז מיט׳ן אויסנאם פון אפטרעטן פון די רוסן אין 1915 און די רוסיש־דייטשע ארטילעריע־שלאכטן, וועלכע האבן דאן געדויערט 4 מעת־לעת, און וועלכע האבן אנגעמאכט פיל שאדן אין שטאט און חרוב געמאכט גאנץ זאמאשטשע, זיינען אלע אנדערע מאכט־איבערגאנגען פארגעקומען אן גרויסע שאדנס פאר דער שטאט. אזוי איז אויך געווען בעת די פוילישע ארמיי איז אפגעטרעטן פון סלאנים דעם 20־טן יולי 1920, בעת דער סאוועטיש־פוילישער מלחמה. ווי עס האט מיר דערציילט ה׳ בערל שווארץ, וועלכער איז געשטא־נען בראש פון דער ציווילער מיליציע, וועלכע האט זיך געשאפן דאן אין די טעג פון דער מאכט־איבערבייט, איז די הויפט־סיבה פון פארהעלטניסמעסיק רוהיקן אפטרעטן פון דער ארמיי, געווען די מיטווירקונג פון פוילישע אפיצערן, וועלכע האבן ניט דערלאזן די סאלדאטן צו מאכן עקסצעסן.

איך וויל דא אבער דערציילן א פערזענלעכע איבערלע־בונג, וואס איך האב דורכגעמאכט און וועלכע האט זיך גע־קענט ענדיקן פאר מיר טראגיש*). דאס האט פאסירט איינ־קע טעג, איידער די פוילישע ארמיי האט פארלאזן סלאנים. אין יענעם אוונט בין איך געזעסן מיט ה׳ שמואל גארפינקל אויפ׳ן גאניק פון זיין מאנופאקטור־געשעפט אויפ׳ן ווינקל פאנעסווע און האנדלס־גאס. פלוצלינג איז צו אונדז צוגע־לאפן אנ׳אפיצער מיט א סאלדאט און אונדז ביידן אוועקגע־פירט צום „האטעל ווילענסקי״ אויף בריקער גאס, ווו עס זיינען שוין געשטאנען אסך מענטשן אויסגעשטעלט פאר־ווייז אונטער א שטארקע מיליטערישער וואך. ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז מען האט אונדז געכאפט, כדי צו... טרייבן אין וואלקאוויסק א סטאדע פון עטלעכע הונדערט בהמות, וועלכע זיינען געשטאנען הינטער דער טורמע און וואס די פאליאקן האבן געוואלט ארויסראטעווען איידער די סאוועטן קומען אן.

אונדזער לאגע איז געווען געפערלעך צוליב דעם, וואס די באלשעוויקעס זיינען שוין געווען נאנט פון סלאנים און מיר וואלטן שוין ניט געהאט די מעגליכקייט צוריקצוקומען פון וואלקאוויסק אהיים און וואלטן געבליבן אפגעריסן פון אונדזערע פאמיליעס. מיר האבן דאך דאן ניט געקענט פארויסזען, אז די סאוועטן וועלן אין זייער מארש אויף ווארשע אוואנסירן אזוי שנעל, אז זיי וואלטן אנגעקומען אין וואלקאוויסק נאך פאר אונדז... צווישן די פארכאפטע האבן זיך אויך געפונען אהרן גארפינקל מיט זיין זון בנימין. אונטער דער מיליטערישער וואך האט מען אונדז אוועקגע־פירט צו דער טורמע. דארטן האט מען אונדז רעגיסטרירט, צוגענומען די פערזענלעכע דאקומענטן און געמאלדן, אז אויב איינער פון אונדז „וועט ווערן א האז״ ( ד. ה. אנ־טלויפן..) וועט מען אונדז מיליטעריש אלעמען באשטראפן ווי דעזערטירן.

א „שיינע״ פערספעקטיוו!

אפגע׳פטרט אלע פארמאליטעטן, האט מען אונדז אוועקגעטריבן צו די פעלדער הינטער דער טורמע, ווו ס׳האט זיך געפונען די סטאדע, און מען האט אונדז באזעצט ארום דער סטאדע, ווו מיר זיינען פארבליבן די גאנצע נאכט, באוואכט דורך רייטער־מיליטער.

איך געדיינק, אז איך האב זיך מער־ווייניקער אונטער־געווארפן דעם שיקזאל, נאר מיין חבר לצרה שמואל גאר־פינקל ע״ה האט „געקערט וועלטן״; ער האט די גאנצע צייט געזאגט תהילים און ביטער געוויינט. דערווייל, איז דער פינסטער איז צו אונדז צוגעקראכן אויף אלע פיר דער יונגער גארפינקל און אריינג׳סוד׳עט, אז ער האט באשלאסן, מיט דער צושטימונג פון זיין פאטער, צו אנטלויפן, אפילו

---

*) וועגן די געשעענישן אין שטאט אין 1919 האט דער מחבר פון די זכרונות גארניט געשריבן. דאקעגן האט ער געשריבן אייניקע קאפיטלען וועגן דער סאוועטישער אקופאציע אין 1920, פון וועלכע מיר ברענגען דא א קיצור. — רעד.

אויב ס'וועט אים אויסקומען צו ריזיקירן מיטן לעבן. ער האט ניט געהאט קיין גראשן ביי זיך. איך האב אים געגעבן אייניקע זלאטעס, און ער איז פארשווונדן אין דער פינסטער. פארטאג האבן מיר דערזען, אז דער פלאן פון אנטלויפן האט זיך אים איינגעגעבן. דער פאקט האט אויף שמואל גארפינקל געמאכט א דערדריקנדן איינדרוק, ווייל ער האט גערעכנט אז מיר וועלן דערפאר אלע מיליטעריש באַשטראפט ווערן. אבער דאס איז ניט געשען.

ווי נאר ס'האט אנגעהייבן טאגן, האבן אונדז די רייטער אנגעהייבן יאגן מיט די בהמות און מיר האבן זיך גענומען צו דער ארבעט פון אונדזער אור־אור־אור פאטער אברהם אבינו עליו השלום...

פון זאמאשטשע האבן מיר געטריבן די בהמות איבער די בריקן אין שטאט אריין, כדי ארויסצוגיין דורך רוזשנאיער גאס אויפן ביאליסטאקער שאסיי, וואס פירט אין וואלקאוויסק. ערשט מארשירנדיק מיט דער טשערעדע איבער די גאסן פון שטאט, האב איך מיך אפגעגעבן א רעכנונג וועגן מיין קריטישער לאגע אין גענומען זוכן א געלעגנהייט, ווי צו אנטלויפן. אויף'ן ווינקל פון בריקער גאס און פאנעסווע, ביים סאבאר, האבן מיר דערזען די ווייב און שוויגער פון שמואל גארפינקל, אבער זיי זיינען צו אונדז ניט צוגעלאזן געווארן. די שמירה איז געווען זייער שטארק.

דערווייל זיינען מיר, לייגנג־אויס דעם ראד־קראמען, צוגעקומען מיט דער סטאדע צום „פלאץ". כ'בין געווען זיכער, אז מען וועט אונדז פון דארטן טרייבן גלייך אין דער ריכטונג צו רוזשנאיער גאס. מיטאמאל האט מען אונדז באַפוילן ארויפטרייבן די סטאדע אויפן „פלאץ", כדי זיך אפצורוהען. אין דעם מאמענט האב איך מיך אנטשלאסן אויף א געוואגטן שריט. כ'פארשטיי נאך איצט ניט, פון וואנען איך האב גענומען דעם מוט דאס אויסצופירן, ווייל סוף־סוף איז דאך דאס געווען אין א געפערלעכער צייט פון מיליטער־צוריקטריט, און אזא שריט האט געקענט זיין געפערלעך. געפינענדיק זיך אויפ'ן ווינקל פון „פלאץ", ביים „פעטערבורגער האטעל" (פון ה' קווינט) און דערזעענדיק, אז מען טרייבט אונדז צום „פלאַץ", האב איך אראפגענומען מיין הוט כדי מען זאל מיר ניט דערקענען, און אנשטאט צו נאכגיין די בהמות צום „פלאַץ", האב איך מיך פארקירעוועט צו רוזשנאיער גאס, און טריט ביי טריט בין איך לאנגזאם צוגעגאנגען צו רובינאווסקעס געסעלע, און פון דארטן, ווי א פייל פון בויגן, בין איך אריינגעלאפן אין דער גרויסער שול, ווו מען האט שוין געדאוונט שחרית.

איצט שטעלט זיך פאר א בילד: דער עולם דאוונט רוהיק; מיטאמאל לויף איך אריין, ווי א משוגע'נער אין שול, איך כאפ אראפ ביי א יידן זיין טלית, כ'וויקל מיך ארום און איך שאקל מיך ווי נפתלי דער חסיד ביים דאוונען. די מתפללים רינגלען מיר ארום, קוקן מיר אן און פרעגן, — און איך שאָקל זיך און שווייג... ווי אייניקע פון די מתפללים האבן מיר נאכהער דערציילט, האבן זיי גערעכנט, אז איך בין אראפ פון זינען, אזוי אויסטערליש האט אויסגעזען מיין האלטונג.

ערשט נאכ'ן דאוונען, אז ס'איז שוין אריבער א האלבע שעה, האב איך דערציילט די יידן אין שול וואס מיט מיר האט פאסירט. כ'האב געבעטן זיי צו דערוויסן זיך וואס ס'טוט זיך אין גאס און צו כ'קען שוין ארויסגיין. איינער פון זיי איז ארויס און האט דערציילט, אז די גאנצע „קאַוואל־קאדע": די סטאדע, די „פאסטוכער" און די רייטער־סאלדאטן זיינען שוין אויף רוזשנאיער גאס. ערשט דאן בין איך, דורך הינטער־געסלאך אוועק צו די גוראלסקי'ס אויף יורדזיקע, הינטער פאנעסווע, ווו כ'בין פארבליבן ביז מארגן ביי טאג, ווען די באלשעוויקעס זיינען אריין אין שטאט.

און אט אזוי בין איך פון א פאסטוך געווארן א האַז...

וואס אנבאלאנגט מיין חבר שמואל גארפינקל ע"ה, איז ער געגאנגען מיט דער סטאדע נאר עטלעכע קילאמעטער פון שטאט, ווייל א דאנק דער מיליציע און צוליב זיין עלטער האט מען אים אין א פאר שעה ארום באפרייט און ער איז צוריקגעקומען בשלום אהיים.

## עפיזאדן פון דער צווייטער סאוועטישער הערשאפט אין שטאט

ווען די רויטע ארמיי האט דעם 20־טן יולי 1920 אריינגעמארשירט אין סלאנים, האט זי אויסגעזען ניט ווי א רעגלמעסיקע אייראפעאישע, גוט־באוואפנטע און לייטיש־אנגעטאנענע ארמיי, נאר ווי מחנות דיסציפלינירטע „באסיאַקעס", מערסטנטייל שלעכט אנגעטאן. מען האט צווישן זיי געזען סאלדאטן אפילו אין איינפאכע לאפטשעס, די ביקסן אפטמאל אויפגעהאנגען אויף די פלייצעס מיט איינפאכע שטריקלאך. זיי האבן בכלל געמאכט אנ'איינדרוק פון באַוואפנטע שלעפער. דאס איז געווען דער מארש אויף ווארשע, אדער ווי די רויט־ארמייער, וועלכע האבן אפשר קיינמאל דעם נאמען פון דער פוילישער הויפט־שטאט ניט געהערט, פלעגן זאגן: „ארשאווו". זיי האבן געהאלטן אין איין פרעגן: „יעשטשע דאליעקא דא ארשאווי?" (צו איז נאך ווייט ביז ווארשע?). א גאנץ באזונדערן איינדרוק האט געמאכט דער „אַבאַז", וועלכער האט זיך געשלעפט נאך יעדער אפטיילונג פון מיליטער. דאס זיינען געווען רעקווירירטע איינפאכע וועגענער, געפירט דורך גרויע זקנים און גאר יונגע אינגלאך, מערסטנטייל הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע. זיי האבן זיך געשלעפט נאך די אפטיילונגען. פיל פון זיי האבן אויסגעהויכט די נשמות אונטערוועגס פון הונגער און פארמאטערטקייט, און פיל זיינען געפאלן פון די שלאכטן. זייער ווייניק פון די טויזנטער פארשלעפטע זיינען געקומען צוריק אין זייערע היימען.

אין א פאר טעג ארום נאכ'ן דורכמארש פון דער רויטער ארמיי זיינען די אדמיניסטראטיווע מאכטהאבער געקומען אין שטאט און פארלייגט צייטווייליק זייער „רעווקאם" (קיצור פון די ווערטער: „רעוואלוציאָני קאמיטעט") ביי רוטקאווסקי'ן אין מויער.

איידער איך באשרייב אייניקע עפיזאדן פון דער צווייטער סאוועטישער באזעצונג פון סלאנים, וויל איך באמערקן, אז דער דאמאלסטיקער מיליטערישער באלשעוויזם איז געווען א גאנץ אנדערער, ווי איצט, בעת איך שרייב די זכ־

רונות*). ביי איטציקן רעזשים אין רוסלאנד, עקזיסטירט דארטן א מלוכה־ארדנונג מיט פרינציפן און געזעצן, א רע־גירונג וועלכע איז פאר די לעצטע יארן אנערקענט געווארן פון אלע ציוויליזירטע לענדער. גאנץ אנדערש האט אבער אויסגעזען דער באלשעוויזם אין יענער צייט. מען האט נאך ניט געקענט באטראכטן דעם רעזשים אלס פעסטע מלוכה־ארדנונג. דער קלאסן־קאמף פון די באלשעוויקעס האט דא־מאלסט געטראגן ווייט ניט קיין כאראקטער פון א געוויי־לעכן גרענגל צווישן מענטשן מיט פארשיידענע אנשויאונ־גען, נאר עס זיינען געווען נקמה־אקטן קעגן די אלע וועלכע האבן ניט איינגעשטימט גאנצע 100 פראצענט מיט די מאכט־האבער.

אין אייניקע טעג ארום נאכ'ן ארייננקומען פון „רעוו־קאם" בין איך געגאנגען פארביי און כ'האב דארטן דערזען שטייענדיק אסך פורן באלאדן מיט פארשיידענע סחורות. דאס איז געווען דער לעצטער טראנספארט סחורה, וואס אונדזערע קרעמער האבן באשטעלט נאך פארן סאוועטישן אריינמארש און איז געבליבן שטעקן ערגעץ אונטערוועגס. די קרעמער איז געלונגען אפצוגעפינען די סחורה און אריינפירן אין שטאט מיט לעבנס־געפאר. איך זאג „לעבנס־געפאר", ווייל זיי האבן געדארפט זיך באהאלטן אין וועלדער פאר דער אפטרעטנדער פוילישער ארמיי, וועלכע וואלט זיי קיין לויב־לידער ניט געזונגען... די סאוועטישע מאכט האט די סחורה גלייך קאנפיסקירט, אן קיין שום אנטשיידיקונג. דאס איז געווען דער ערשטער אנזאג וועגן דער נייער ארד־נונג. ס'איז אוועק א סדרה קאנפיסקאציעס, און גלייכצייַ־טיק האט מען אנגעהייבן באהאלטן סחורות. מען דארף געדיינקען, אז נאך איידער די באלשעוויקעס זיינען געקו־מען, האט אין שטאט, אזוי ווי אין גאנצן באזעצטן געביט, געבליט די ספעקולאציע. דער עולם האט ניט געהאט קיין צוטרוי צו געלט, און יעדערער האט פאר זיין ביסל מזומן געקויפט וואס ס'איז נאר אין האנט געקומען. און איצט, ביי די סאוועטן, ניט קוקנדיק וואס אויסבאהאלטן סחורה איז ערקלערט געווואר דורך זיי אלס פארברעכן וואס דראט מיט לעבנס־געפאר, — האט מען דאך ריזיקירט און מען האט פארבאהאלטן לאגערן מיט סחורה.

דער אויסזען פון דער באפעלקערונג האט זיך אויך אויסערלעך שטארק געענדערט. דער מין קאפעליוש, ווייסער קראגן מיט א קראוואט, אדער אנ'אנשטענדיקער אנצוג — זיינען פארשוווּנדן געווארן. אנשטאט דעם האט דער עולם אויסגעזוכט אלטע זאכן פון די בעבעכעס פון „מלך סאביעס־קי'ס" צייטן, און וואס מער מען האט אויסגעזען „פראלע־טאריש" — אלץ זיכערער האט מען זיך געפילט. מ'האט אנגעהייבן א רעגיסטראציע פון ארבעטס־כוחות און ארויס־

געבן פערזענלעכע ארבעטס־ביכלאך, און יעדער איינער האט זיך באמיט צו מעלדן זיך אלס פיזישער אדער גייסטי־קער ארבעטער. אזוי, צום ביישפיל, האב איך זיך רעגיס־טרירט אלס לערער פון ענגלישע און דייטשע שפראכן, הגם איך בין קיינמאל קיין לערער ניט געווען. (ענגליש האב איך געקענט פון מיין אויפנטהאלט אין מיין יוגנט א פאר יאר אין אמעריקע, און דייטש האב איך געלערנט גרינטלעך אין מיינע יונגע יארן).

נאכהער האט זיך אנגעהייבן א פרשה פון צוואנגס־ארבעט, וועלכע איז געווען ניט ווייניקער הארב, הפקר'דיק און אויסמאטערנד, ווי בעת דער דייטשער אקופאציע אין די יארן 1915—1918. מען האט דאביי ניט גענומען אין אכט דעם געזונט־צושטאנד און עלטער פון די מענטשן. מען האט מאביליזירט אלטע לייט, פרויען, יוגנטלעכע, קראנקע און געזונטע אן אונטערשייד. מען פלעגט יעדן טאג שיקן זיי קילאמעטערס ווייט הינטערן שטאט, גראבן אקאפעס, פאריכטן בריקן א.ד.גל. נאך א שווערן ארבעטס־טאג, הונ־געריקע, אויסגעמאטערטע פלעגט מען נאך מוזן אוועקטראגן די רידלען, העק און די אנדערע ארבעטס־מכשירים אין א נאנטן דארף און ערשט דאן גיין אהיים. פיל מענטשן זיינען דאן געשטארבן פון הונגער, ווייל פאר דער צוואנגס־ארבעט האבן זיי געצאלט מיט אזוינע לעכערלעך קליינע לוינען, אז ס'האט ניט געסטאיעט אפילו אויף א שטיקל ברויט.

אביסל האט געלינדערט די נויט די חיונה, וואס פיל פאמיליעס האבן געצויגן פון די בהמות וואס זיי האבן געהאלטן. איז אבער געקומען א באפעל פון „אסאבי אט־דיעל" (א באזונדערע רעווקאם־אפטיילונג), אז יעדער איי־נער וואס האלט א בהמה זאל יעדן טאג ברענגען א געוויסע קוואנטום מילך. מורא האבנדיק פאר דער דראהענדער שטראף, פלעגן אלע ברענגע קרוגן מיט מילך, אזוי אז פאר די בהמות־אינהאבער איז שוין כמעט גארניט געבליבן.

אין אזעלכע אומשטענדן האבן זיך, פארשטייט זיך, פארשפרייט עפידעמיעס. די מאכט האט געגרינדעט אמין קאמיטעט צו באקעמפפן די עפידעמיעס אונטערן נאמען „טשעקא עפיד", וועלכער האט געדארפט פארוואלטן מיט די היגע שפיטעלער, אין וועלכע ס'האבן זיך געפונען א גרויסע צאל קראנקע. אין א געוויסן טאג האט דער „רעוו־קאם" איינגעלאדן דעם מאנופאקטור־קרעמער אברהם יע־קימאווסקי, ווי אויך ה' מנשה זאקין, און מיר צו קומען אהין. מיר האבן באקומען א באפעל צו זאמלען פארן „טשע־קא עפיד" וועש, מאטראצן, קאלדרעס, געשיר א.אז.וו. אלס זאמל־פונקט איז רעקוויזירט געווארן א וווינונג ביי ה' סי־דעלניצקי אויף בריקער גאס. דורך דער מיליציע איז פאנאנ־דערגעשיקט געווארן אנ'אויפפאדערונג צו דער באפעלקע־רונג וועגן דער זאמל־אקציע, און אין א פארהעלטניסמע־סיק קורצע צייט איז דער זאמל־פונקט געווארן פול מיט די צונויפגעזאמלטע זאכן. אין א טאג ארום איז צום פונקט צוגעפארן א מיליטערישער לאסט־אויטא; סאלדאטן האבן אלץ ארויפגעלייגט אויפ'ן אויטא און זיינען אפגעפארן. ס'האבן ניט געהאלפן אונדזערע פראטעסטן, אז דאס אלץ איז געזאמלט געווארן פאר די שטאטישע שפיטעלער.

---

*) די קאפיטלאך זכרונות וועגן 1920 האט מ. פערלשטיין פארעפנטלעכט אין „סלאנימער ווארט" אין 1936. און הגם די טראגישע עפיזאדן וועגן וועלכע ער שרייבט, זעען אויס ווי א קינדער־שפיל אין פארגלייך מיט די רציחות פון דער געסטאפא, דאך ברענגען מיר זיי אלס היסטארישע פאקטן, נאר אויף וויפל זיי זיינען נוגע די געשיכטע פון סלאנימער יידישן ישוב. — רעד.

א קורצע צייט שפעטער האבן מיר באקומען אַן׳אויפ־פאדערונג צו קומען ווידער אין „רעווקאם”. דאס מאל האט אונדז אויפגענומען א פרוי, א דאקטארשע, אנגעטאן אין א מיליטערישן אוניפארם מיט א רעוואלווער אויף די לענדן. זי האט זיך פארגעשטעלט פאר אונדז אלס הויפט־דירעקטאר פון די שטאטישע שפיטעלער, און דערציילנדיק אין אנ׳איידעלער פארם די שרעקלעכע מעדיצינישע לאגע אין שטאט, האט זי אונדז געבעטן צומאכן א צווייטע זאמלונג, אויסדריקלעך פאר די שפיטעלער. אלס זאמל־פונקט פאר דער צווייטער זאמלונג איז באשטימט געווארן א געוועזענע קראם אין דערעטשינסקי׳ס מויער אויף בריקער גאס. ווי־דעראמאל האט מען זיך געלאזט איבער די הייזער, און ס׳איז ווידער אויפגעזאמלט געווארן א פולע קראם מיט די אלע אויפגעפאדערטע זאכן, הויפטזעכלעך וועש, — און ווידער דאסזעלבע: נאכמיטאק איז צוגעפארן דער לאסט־אויטא און האט אויסגעליידיקט די גאנצע קראם מיט זאכן.

די שפיטעלער זיינען געבליבן אן די נייטיקסטע ארטיקלען די גאנצע צייט פון דער סאוועטישער הערשאפט אין שטאט.

## די איבערלעבענישן פון א צום־טויט פאראורטיילטן

א קאפיטל פאר זיך זיינען געווען די רעוויזיעס אין די הייזער, ווו מען האט געזוכט פארבאהאלטענע סחורות. עס האט זיך אנגעהייבן א פרשה ארעסטן אונטער דער באשולדיקונג פון שפעקולאציע אדער „קאנטר־רעוואלוציע”. אפטמאל זיינען די ארעסטן געווען ממש לעכערלעכע אין די באשולדיקונגען אומבאגרינדעטע. אזוי זיינען ארעסטירט געווארן גרשון לעמקין, מנשה זאקין, ר׳ מיכל בורדע — אלס „שפעקולאנטן”. זיי זיינען געזעסן עטלעכע וואכן, ביז ס׳איז באוויזן געווארן די אומשולדיקייט פון די ערשטע צוויי: אייניקע געברויך־ארטיקלען, וואס זיי האבן געהאט אין שטוב פאר׳ן אייגענעם בעדארף, האבן די „רעווקאם”־פארשטייער באטראכט ווי פארבאהאלטענע סחורה פאר שפעקולאציע. דאקעגן איז דער חשוב׳ער און אלטיטשקער ר׳ מיכל בורדע פאר׳משפט געווארן דורך דער „טשעקא” אויף 4 יאר פארשיקונג פארן „חטא”, וואס ער האט געהאט א ביסל נאפט אין זיין רעזערוואר אויף רוזשנאיער גאס. מען האט אים פארשיקט אין מינסק. (אים איז געלונגען זיך צוריקצוקערן אין סלאנים, בעת דעם סאוועטישן אפטרעטן פון שטאט אין א קורצע צייט ארום).

עס זיינען אבער אויך געווען טראגישע פאלן, וועלכע האבן אויפגערודערט די שטאט. אזעלכע זיינען געווען די פאלן פון דער פריילין אסנע איינשטיין און פון אינהאבער פון אפטייק־געשעפט ה׳ ליאכאזוויאנסקי*). דאס מיידל איז דערשאסן געווארן פאר׳ן פארלייגן „כאבאר” (שוחד) דער פרוי פון רעווקאם־קאמיסאר ניקאלאיעוו, נאכדעם ווי מען האט געפונען אביסל פארבאהאלטענע סחורה ביי אירע א שוועסטער. אבער פאר דער קורצער הערשאפט פון דעם קאמיסאר, איז ער שוין געווען באקאנט אין שטאט אלס „כאבארניק” פון גרויסן פארנעם, און דער שטרייננגער אומברחמנות׳דיקער שטראף אויף דער יונגער מיידל איז נאר געווען א מאסקע צו פארדעקן זיינע שיינע מעשים.

דער פאר׳משפט׳ער צום טויט ליאכאזוויאנסקי איז נאר דורך א נס געבליבן לעבן. מען האט ביי אים געפונען א ביסל פארגראבענע סחורה. דער טויט־אורטייל האט געמאכט א דערדריקנדן איינדרוק אין שטאט. קיינע השתדלות׳ן אים צו ראטעווען האבן ניט געהאלפן. מען האט אים אפגעפירט אין טורמע און דער אורטייל האט געדארפט אויסגעפירט ווערן אויפן צווייטן טאג. צום גליק, האט אין יענעם טאג געווילט אין שטאט א באוווסטער באלשעוויסטישער „גדול” מיטן נאמען זאריין, און דער פרוי לאכאזוויאנסקי מיט אירע קינדער איז געלונגען צוצוטרעטן צו אים, און נאך תחנונים און געוויינען האט מען אים באגנעדיקט און פארביטן די טויט־שטראף אויף תפיסה. מען האט אים ארויסגעשיקט אפזיצן זיין שטראף אין רוסלאנד. אים איז נאכהער געלונגען צו אנטלויפן פון מינסקער געגנט, און וואנדערנדיק איבער הינטערוועגן, פעלדער און וועלדער איז אים געלונגען צו קומען אהיים, ווען אין סלאנים זיינען שוין געווען די פאליאקן.

שפאנענד — אינטערעסאנט איז געווען צו הערן די שילדערונג פון לאכאזוויאנסקין וועגן זיינע איבערלעבונגען במשך פון דעם מעת־לעת וואס ער האט ערווארט דעם טויט. נאר לאמיר דאס איבערגעבן מיט זיינע אייגענע ווערטער ווי ער האט דאס מיר זיינערצייט דערציילט:

— „ווען איך האב אין געריכט דערהערט מיין טויט־אורטייל, זיינען ביי מיר אפגעשטארבן אלע גלידער. איך בין געווארן אויס מענטש, אן געדאנקען, אן געפילן, נאר פארוואנדלט געווארן אין א מעכאנישן אויטאמאט. דאס גיין פון געריכט ביז דער טורמע איז אינגאנצן פארשוואונדן פון מיין זכרון. איך געדיינק ניט, צו איך בין געגאנגען אויף דער ערד אדער געפלויגן... ערשט געפינענדיק זיך שוין אין „טויטטן־קאמער” אין טורמע, האב איך ביסלאכווייז אנגעהייבן קומען צום באוווסטזיין און באגרייפן וואס מיט מיר קומט פאר. איך בין ארומגעלאפן אין דעם שרעקליכן צימער הין און צוריק. אויפ׳ן וואנט האט געטלייעט א קליינער נאפטלעמפעלע. מיט אמאל זע איך, ווי פון דער הילצערנער נארע הויבט זיך אויף א מענטש און באטראכטנדיק מיר אויפמערקזאם, ווענדעט ער זיך צו מיר בזה הלשון: „טאווארישטש, דו ווייסט? איך בין אויך פאראורטיילט צום טויט און אפשר נאך היינטיקע נאכט וועלן זיי מיר שיסן. דו ווייסט? איך בין א געוועזענער „טשעקיסט” (מיטגליד פון דער „טשרעזוויטשאיקע”). ניט איין קאנטר־רעוואלוציאנער האב איך דערשאסן און איצט איז מיין רייהע. זגאיעש, טאווארישטש, איך פארגין זיי ניט דיינע שטיוול. דו ווייסט, טאווארישטש, ווי זיי וועלן דיר שיסן? מען וועט דיר פריהער אויסטאן נאקעט, ווי די מאמע האט דיר געהאט, און צופירן מיטן פנים צום גרוב, א קנאל פון הינטן, און באסטא! דו ביזט טויט אדער פארוואונדעט, עטא, טאווארישטש, ווסיא ראוונא

*) וועגן דעם ז׳ אויך: „צוויי עפיזאדן פון דער סאוועטישער אקופאציע אין 1920” פון יצחק ליכטענשטיין, אין „פנקס־סלאנים”, באנד 3, ז׳ 328—329.

(דאס איז, חבר, אלץ איינס), „אי ניע וָספאמינאי קאק זוואלי״ (א רוסישער אויסדרוק וואס מיינט די ענדע פון אלץ)...״ —

„וואס פאר אנ'איינדרוק זיינע ווערטער האבן אויף מיר געמאכט, — האט לאכאזשוויאנסקי פארגעזעצט זיינע זכרונות פון יענער קאשמאר־נאכט, — קען מען זיך פארשטעלן... עס האט שוין געמוזט זיין נאך האלבער נאכט, ווען איך האב דערהערט, ווי א שליסל דרייט זיך אין טיר. פון שרעק איז דאס גאנצע בלוט פארגליווערט געווארן אין מיינע אדערן. שטאר און אומבאוועגלעך בין איך געבליבן שטיין. כ'האב גערעכנט, אז מען איז שוין געקומען נאך מיין נשמה. אבער די צוויי באוואפנטע „טשעקיסטן״, וועלכע זיינען אריין אין קאמער, האבן ארויסגעפירט מיין שכן צו דע עקזעקוציע. וועגן מיין גייסטיקן צושטאנד אין יענע שרעקלעכע פאר מיר שעה'ן, — האט ליאכאזשוויאנסקי פארגעזעצט זיין שיל־דערונג, — וויל איך באמערקן, אז עס זיינען געווען מאמענ־טן, ווען כ'האב מיך בארוהיקט, דאס הייסט, — כ'האב מיך אונטערגעווארפן מיין שיקזאל, ווי שרעקלעך ער איז ניט געווען. אבער די בארוהיקונג איז גלייך פארשוואונדן, ווען כ'האב מיך דערמאנט אן מיין פרוי און קינדער, וואס זיי לעבן איצט איבער. און די געדאנקען האבן טויזנטער מאל פארגרעסערט מיינע גייסטיקע און פיזישע שמערצן. איך זאג „פיזישע״, ווייל אין דעם מאמענט זיינען מיינע האר פאר־וואנדלט געווארן אין טשוועקעס, וועלכע האבן מיר געשטאכן און פאשאפט אויף ווייטאקן... אזוי האב איך איבער־געלעבט די גאנצע נאכט. אויף מארגן האט מען מיר אריינ־געטראגן עסנווארג צוגעשיקט פון דער היים, איינגעוויקלט אין א צייטונג. אינסטינקטיוו האב איך אנגעהויבן זוכן אין דער צייטונג און כ'האב טאקע צווישן די שורות, מיט גאנץ קליינע אותיות אין יידיש, געפונען א פאר טרייסט־ווערטער און ערמוטיקונג, וואס ס'האט מיר עטוואס בארוהיקט״.

אין דערזעלבער צייט וואס די ציוויל־באפעלקערונג האט געלעבט אין אזא שרעקנס־צושטאנד, האט געבושעוועט אין שטאט און אין אומגעגנט דער געיעג און טעראר אויף סאל־דאטן־דעזערטירן. דאס האט זיך אנגעהויבן ווען די סאוועטן האבן געליטן די מפלה ביי ווארשע. און די רויטע ארמיי האט אין פאניק געלאפן אויף צוריק. זייער פיל סאלדאטן האבן דאן דעזערטירט. אין שטאט האט אמטירט א רעוואָ־לוציאנערער מיליטער־געריכט, וועלכער האט געוווסט נאר איין אורטייל: טויט דורך שיסן.

איך געדיינק א משפט איבער 16 רויטארמייער, וועלכע זיינען באשולדיקט געווארן אין דעם, אז זיי האבן זיך דורכ־געשאסן די הענט, כדי זיך צו באפרייען פון מיליטער. איך האב צופעליק בייגעוווינט די פאראהאנדלונגען אין געריכט. דער שרעקלעכער פראצעס איז פארגעקומען אין בנין, ווו ס'האט זיך נאכהער געפונען די סטאראסטווא ביי די פאליאקן. ד"ר עפשטיין איז געווען מעדיצינישער עקספערט. בנוגע אייניקע באשולדיקטע האט ער באוויזן די גרונטלאזיקייט, פון דער באשולדיקונג. ער האט זיך דערביי צו ווייט פארגא־לאפירט, פארגעסנדיק דעם כאראקטער פון רעוואלוציאנערן טריבונאל, פאר וועלכן ער איז געשטאנען. אייניקע שטרייגע באמערקונגען פון די ריכטער אויף זיין אדרעס האבן אים אפגעקילט. דער אורטייל איז געווען אזא, ווי מען האט גע־קענט פאראויסזען: אלע 16 סאלדאטן: „נא ראזסטרעל״, ד. ה. דערשיסן.

שרעקליך איז געווען דאס בילד, ווי די פאראורטיילטע האבן זיך געווארפן צו די ריכטערס פיס, בעטנדיק רחמים, אז מען זאל זיי שיקן אויף דער ערשטער פייער־ליניע פון פראנט, אבי נאר לאזן לעבן. די ריכטער האבן רעאגירט ברוטאל און אכזריות'דיק אויף דעם הארצרייסנדן אפעל. אלע 16 יונגע נפשות האט מען געבראכט אויף א גארטן, ניט ווייט פון גוראלסקי'ס פאבריק, דערשאסן און באגראבן אויפ'ן ארט. אויפן ברידער־גרוב האט מען ניט געלאזן קיין שום סימן.

אחוץ דער טורמע, האט די מאכט איינגעארדנט אנ־ארעסט־הויז אין הויז פון ה' גאזשאנסקי אויף סקראבעווע. דארטן האבן צענדליקער דעזערטירן און אנדערע ארעסטיר־טע געווארט אויף זייער משפט, — און די צום טויט־פאר־אורטיילטע — אויף זייער עקזעקוציע*). אנ'אויטאמאביל פלעגט ביינאכט ארויספירן פון דארטן די פאראורטיילטע צום עקזעקוציע־פלאץ. די איינוווינער פון די שכנות'דיקע הייזער האבן דערציילט, אז כדי די שכנים זאלן ניט הערן די גוואלדן און הארצרייסנדע קולות פון די צום טויט־פאראור־טיילטע, — פלעגן די טשעקיסטן לאזן רוישן דעם מאטאר פון אויטאמאביל. די שכנים האבן שוין געוווסט, אז מען פירט ארויס מענטשן צום טויט.

נאר אט איז געקומען גאנץ שנעל די ענדע פון דער שרעקנס־תקופה. די מחנות אפגעריסענע, געשלאגענע, הונ־געריקע פון דער רויטער ארמיי האבן דורכגעמאכט זייער צוריקמארש דורך דער שטאט. כ'דערמאן מיך, ווען א קאמ־פאניע סאלדאטן האבן זיך אפגעשטעלט אויף א ווייל אויף „פוטייסקע״ גאס (שפעטערדיקע קאסציושקא־גאס). פון הונ־גער האבן זיי געגעסן די ביטערע ראבינעס וועלכע זיינען געהאנגען אויף די בוימען.

א טשעקאווער פאקט האט פאסירט אין די לעצטע שעה'ן פאר זייער אפטרעטן. בעת די רעוויזיעס, וואס מען האט דורכגעפירט אין די ערשטע וואכן, ווען מען האט געזוכט פארבאהאלטענע סחורות, האט מען ביי ה' ג. שיצגאל געפו־נען אביסל מזומנים, וואס האבן געהערט צו דער גרויסער שול, וועלכע זיינען ביי אים געלעגן אלס גבאי. דערהערנדיק פון וואנען די געלט שטאמט, האבן זיי דאס ניט קאנפיסקירט. און אט די לעצטע פאר שעה פאר זייער אפטרעטן, האבן זיי זיך אן דעם דערמאנט, און א רייטער, א שליח פון „רעווקאם״ איז געקומען און צוגענומען די געלט, און דאביי אויך רעקווי־זירט מעדיקאמענטן פון גראדזענסקי'ס אפטייק.

מיט דעם האט זיך פארענדיקט די צווייטע סאוועטישע הערשאפט אין סלאנים אין 1920 *).

---

*) דארטן איז אויך געווען ארעסטירט ד"ר בעלסקי. ז' די זכ־רונות פון מ. פערלשטיין אין פנקס־סלאנים, באנד 3, ז' 165. — רעד.

*) מיט דעם טייל האבן זיך פארענדיקט די זכרונות פון מענדל פערלשטיין, וועלכע ער האט פארעפנטלעכט אין „סלאנימער ווארט״ אין די דרייסיקער יארן, כמעט ביז'ן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווי מיר האבן שוין אונטערשטראכן צום אנהייב פון זיינע זכרונות (ז' דריטן באנד, ז' 9), איז ה' פערלשטיין אין די

חיים אורלן

# וואסילביץ'

מי יודע מי היה אותו וואסיל, או בן־וואסיל שעל שמו נקרא הכפר הזה השוכן — אם עודו קיים — במערבה של סלונים. ספק אם מי שהוא בסלונים ידע על מציאותו של הכפר הזה, ואולי גם אבינו היקר לא שמע עליו קודם, עד שעברנו בתחילת המלחמה העולמית הראשונה מדובריבור לעיר. הכפר דובריבור השוכן — אם עודו קיים אף הוא — ממזרחה של סלונים, עמד מוקף יערות־עד עבותים, שסוחרי היערות, דובנבוים והאחרים, היו חוטבים בהם ומשלחים את עציהם בדוברות על פני הנהר שצ'ארה וממנו על פני נהר הנימן לארצות מעבר הגבול. אבא ז"ל היה ה"שאפער", כלומר: המומחה בטיב העצים לסוגיהם והאחראי על המלאכה.

עם פרוץ המלחמה, כשנשתבשו החיים, עסקי היערות פסקו והמשפחות היהודיות שבסביבה עקרו העירה, עשו הורינו רצונם של סבא וסבתא (ר' צבי ודינה אורלן, שביתם עמד בקצה רחוב פניסווה שבסלונים) ועברנו גם אנו לעיר. אולם אבא לא ראה משום "תכלית" לשבת בעיר ויזם יחד עם עוד כעשרים אבות משפחות לצאת לאיזה כפר נטוש "עד יעבור זעם", ומצאו את הכפר וואסילביץ', לא מרוחק ביותר מסלונים, אשר תושביו האכרים, כתושבי הכפרים האחרים, ברחו, לפני כניסת הגרמנים, עם הצבא הרוסי הנסוג למרחקי רוסיה.

בחרו בכפר זה, כפי שמסתבר, משום שמצאו בו, לפחות, כמחצית מבתי הכפר בלתי הרוסים. אמנם אף הבתים האלה דרשו שיפוצים ותיקונים: הדלתות היו ברובן עקורות ושמשות החלונות היו מנופצות, — נגשו היהודים במרץ לעבודה, תיקנו מה שדרש תיקון ושיפצו מה שדרש שיפוץ ועשו את הבתים הפגועים למשכנות מגורים הגונים. הביאו ספרי תורה מהעיר וכן הביאו את אחד המלמדים המעולים שבסלונים, את ר' שלמה בלקין, איש סוויסלוטש, ומשפחתו (נודע בסלונים בשם "המלמד משישלביץ'"), משכיל ולמדן שלימד את הקטנים והגדולים, למן א"ב ו"ראשית חכמה" עד לימודי הגמרא למבוגרים, והכפר השומם והנחרב למחצה שב לתחייה, חיים יהודיים מילאו אותו והדהדו בחללו.

אנשי העיר מאתמול נעשו אנשי כפר לכל דבר: השיגו כלי־עבודה ורכשו פרות חולבות, והפרנסה היתה בשפע — מברכת האדמה ומהחלב ותוצרת החלב שהיו מוכרים בעיר.

השלטון הגרמני ראה בעין טובה את התיישבותם של היהודים בכפר, ולמשפחות שהיו להם סוסים לחרישה נתנו זרעים לזריעה, שהוחזרו לגרמנים מהיבול. בקרבת וואסילביץ' היתה אחוזה גדולה וארמון נהדר התנוסס בכניסה, שבעלת האחוזה "פריצה" אלמנה, עזבה אותו עם פרוץ המלחמה. — בארמון התיישבה קצונה גרמנית ששלטה על הסביבה ועל יהודי וואסילביץ' והוכיחה את רשעותה כפעם בפעם. כל בעלי הפרות החולבות היו חייבים להביא אל הארמון מידת חלב מסויימת. פעם בא חייל אל ה"חדר" שלנו ובידו פקודה, שכל התלמידים, הקטנים והגדולים, חייבים לצאת אל היער וללקוט בשביל הקצינים שבארמון מיכסה מסויימת של אוכמניות ("יאגדעס" בלע"ז). הלכה אתנו הגברת מינה בלקין, אשת המלמד, אל היער ולקטנו את המכסה הדרושה, והבאנוה אל החייל שישב ב"חדר" וחיכה לנו. השיעבוד לשלטון החיה הגרמנית, שצפרניה היו אז עוד בראשית ליטושן, לא פסח איפוא לגמרי גם על "קהילת" וואסילביץ'. עם כל זאת היו השנים האחדות שחיינו שם, חיי כפר יהודיים חפשים, — תקופת האור בחיי ילדותנו באפלת שנות המלחמה.

אכרי הכפר התחילו לחזור מ"גלותם" עוד לפני גמר המלחמה, ואותם שמצאו את בתיהם מתוקנים ומשופצים הודו לדייריהם היהודיים הזמניים, ולאלה לא נשאר עוד אלא לארוז את חפציהם ולשוב אל המקומות שבאו משם. חבלי סיומה של המלחמה עברו עלינו בסלונים.

קשה לדעת, אם עוד מישהו מבני משפחות וואסילביץ' הגיעו עד הלום לספר על אותם הימים. ייזכר כאן לברכה צעיר בניו של מורנו הנעלה ר' שלמה בלקין, שמואל'קה, חבר ילדותנו בוואסילביץ', שכשרונותיו הגאוניים ניכרו בו כבר אז, והוא גדל והיה לפרופ' הרב שמואל בלקין, מגדולי חכמי הדור וראשה ומכוננה של ה"ישיבה־אוניברסיטה" המהוללה בניו־יורק, שנפטר שבע־פעולות רבות וברוכות ולא שבע ימים, אחרי שלשים וחמש שנות ניהולו המוצלח ביותר של המוסד העליון לתורה וחכמה על אדמת אמריקה.

★

פרטים על זכרה של תקופת וואסילביץ' בחיינו, עזרו לי להעלות מן הנשייה, אחי הגדולים ממני בגיל ובמעשים: דויד, מחלוצי כפר חסידים, ויוסף, מחלוצי כפר קדימה וממייסדיו. נראה, שהזרע שנקלט בלבותיהם הצעירים בכפר וואסילביץ' נבט כאן ועשאם לחלוצי כפרים בישראל. אני הייתי קטן מדי אז.

---

אנהייב 20־טער יארן ארויסגעפארן אין ביאליסטאק. און זיינע זכרונות פון סלאנים האבן זיך געענדיקט אין 1920. זיי האבן ארומגענומען גאנצע 60 יאר סלאנימער לעבן (1860—1920). באארבעט צום פארעפנטלעכן אין פנקס דורך ק. ל. — רעד.

# די פועלי ציון באוועגונג אין די יארן 1915—1920

## ערגענצונגס־קאפיטל צו די זכרונות פון יהושע רוזשאנסקי

די זכרונות פון יהושע רוזשאנסקי וועגן דער פועלי־ציון־ארגאניזאציע אין סלאנים ביז די צוואנציקער יארן, וואס מיר פארעפנטליכן אין דיזן באנד פון „פנקס", האבן א בלויז: די יארן יולי 1915 — יולי 1920, ווען ער איז געווען אבוועזנד פון שטאט. ליידער איז ניט געבליבן קיין פוע"צ־חבר פון יענע יארן, — אויף וויפל ס'איז אונדז באקאנט, — וועלכער זאל קענען אויספילן דעם בלויז. מיר ווילן דערגענצן דאס בילד מיט א קורצן איבערבליק, געבויט אויף פארשיידענע מקורות, וועגן דעם אויבנאנגעוויזענעם צייט־אפשניט.

מיט דער רוסישער עוואקואציע אין זומער 1915 האבן פארלאזן סלאנים אייניקע אקטיווע חברים פון דער פארטיי־גרופע, ארבעטער און סטודענטן, און צווישן זיי אויך יהושע רוזשאנסקי. אמת, עס איז געבליבן דער גרעסטער טייל פון דער גרופע מיט יצחק ווערניקאווסקי בראש, אבער אין די ערשטע 1½ יאר פון דער דייטשער אקופאציע ביז ענדע 1916 איז יעדע פאליטישע טעטיקייט געווען איינגעפרוירן. די שטרייגנע אקופאציע־באדינגונגען און דער זייער שווערער עקאנאמישער מצב האבן אזא טעטיקייט געמאכט פאלשטענדיק אונמעגלעך. יצחק ווערניקאווסקי האט זיך אין יענער צייט אפגעגעבן אויסשליסלעך דער געזעלשאפטלעכער ארבעט אויפן געביט פון די קהלה־נויטן. ער האט זיך אין די הונגער־יארן אוועקגעשטעלט בראש פון א גרופע אומפארטייאישע יוגנט (און ניט נאר יוגנט), וועלכע האט געפירט א קאמף מיט די מעטאדן פון דער הילפס־ארבעט פון דעם דאן עקזיסטירנדן ועד־הקהל „עדת־ישראל". דער קאמף האט אבער ניט געהאט קיין שום שייכות מיט דער פוע"צ־גרופע.[1]).

דער דינאמיזם פון די ארבעטער־פארטייען (ווי אויך פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע) האט זיך דאן אויסגעדריקט אין קולטורעלער טעטיקייט, אין פארם פון ליטעראַרישע פארלעזונגען, פארשטעלונגען א. אז. וו., אונטערנעמונגען צו וועלכע מען האט געמוזט האבן ערלויבענישן פון דער אקופאציאנס־מאכט. עס האט זיך דאן ספאנטאן געגרינדעט, מיט דער הסכמה פון שטאט־קאמענדאנט, דער אזוי־גערופענער „דילעטאנטן־קרייז", אין וועלכן ס'האבן אנטייל גענומען פארשיידענע קולטורעלע כוחות פון אלע פאר־מלחמה־פארטייען און פון אלע שיכטן. אין דעם קרייז האבן זיך אויך באטייליגט די פוע"צ־חברים, דער סטודנט מ. רייז און יוסף דזענצעלסקי (זיי האבן ביידע געגעבן פריוואטע לעקציעס בעת דער אקופאציע). זיי זיינען געווען גוטע רעדנער און קענער פון דער יידישער ליטעראטור און זייערע ארויסטרעטונגען האבן צוגעצויגן אנ'עולם צוהערער, וועלכע זיינען געווען אויסגעהונגערט נאך א יידיש־קולטורעלן ווארט.

די געגרינדעטע „ארבעטער־טיי־האלע" ענדע 1916 האט געגעבן א שטויס צו דער באנייאונג פון א פארמאסקירטער, פארטייאישער טעטיקייט. אין דער „טיי־האלע" האט די פוע"צ־גרופע געהאט א באזונדער צימער[2]), ווו די חברים פלעגן זיך טרעפן און זיך אויסלעבן פארטייאיש אין די קורצע אוונט־שעהן (מען דארף ניט פארגעסן, אז די באוועגונג איז געווען ערלויבט נאר ביז 8 אוונט).

א מער אפענע פארטיי־ארבעט איז ערמעגלעכט געווארן ערשט אין 1917, נאכ'ן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואלוציע, ווען די דייטשע קאמענדאנטור האט אביסל „אפגעלאזן די לייצעס". ס'האבן זיך באנייט די דיסקוסיעס די קעסטל־אוונטן פון די פארטייען, און מיט זיי אויך דער צווישנפארטייאישער געראנגל מיטן „בונד" און מיט די רעשטלאך פון ס. ס. דאן האט אויך איטשקע ווערניקאווסקי באנייט זיין פארטיי־ארבעט, נאכדעם ווי ער האט זיך פארפלאנטערט אין זיין קאמף מיט די קהלה־עסקנים.

אין 1918, ווען ס'האט זיך געעפנט דער פראנט ביי מינסק און ס'זיינען צוריקגעקומען פון רוסלאנד אייניקע לאנדסלייט, איבערהויפט סטודענטן, מיט קאמוניסטישע איבערצייגונגען, — האט זיך דער פארטיי־געראנגל פארשאפט און איצט האבן שוין די פוע"צ געהאט נייע אפאנענטן אין די היימישע קאמוניסטן. די פוע"צ־גרופע האט זיך נאך דאן געהאלטן אייניק אין איר פאר־מלחמה'דיקער פארטיי־פלאטפארמע. אין די יארן 1917—1918 האט זי אפט אנטיילגענומען אין די פאראנשטאלטונגען פון דער דאן שטארקער גרופע פון „צעירי־ציון".

גאנץ אנדערש זיינען געווארן די פארהעלטענישן בעת דער קורצער סאוועטישער אקופאציע אין די ערשטע חדשים פון 1919. אייניקע חברים מיט ווערניקאווסקין זיינען געווארן ראדיקאלער און האבן זיך זאגאר אנגאזשירט אין מאכט־פונקציעס, וואס עס האט זיי געצווונגען צו פארלאזן סלאנים בעת'ן סאוועטישן צוריקטריט. אבער די איבערגעבליבענע קליינע גרופע חברים האבן ביי די פאליאקן אין 1919—1920 פארגעזעצט זייער גראדליניקע באראכאוויסטישע טעטיקייט. די פוע"צ מיטן „בונד" האבן צו די וואלן צום ערשטן שטאט־

---

[1]) וועגן דעם קאמף פון דער גרופע ז' : „הכיבוש הגרמני בשנים 1915—1918", עמודים קנב—קסב אין „פנקס־סלאנים", באנד 1 ; ווי אויך דעם „פנקס ועד עדת־ישראל בסלונים" אין באנד 4. — רעד.

[2]) וועגן דער „ארבעטער־טיי־האלע" ז' די זכרונות פון בנימין סקודיצקי, „פנקס־סלאנים", באנד 3, זייטן : 325—326. — רעד.